STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06608

MALVA UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

מאַלוואַ און אַנדערע דערציילונגען

ייִדיש א. פרידקין

ווילנע — 1928
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

M. Gorki — „Dercejłungen“

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

אין סטעפּ.

...אַרויסגעגאַנגען זײַנען מיר פֿון פּערעקאָפּ מיט זייער אַן עקלהאַפֿטער שטימונג — הונגעריק, ווי די וועלף, און בייז אויף דער גאַנצער וועלט. אין דעם משך פֿון אַ גאַנצן האַלבן מעת־לעת האָבן מיר אומזיסט געלאָזט אין גאַנג אַלע אונזערע טאַלאַנטן און אָנשטרענגונגען, כּדי צו גנבֿענען אָדער צו פֿאַרדינען עפּעס־וואָס, און אַז מיר האָבן זיך, צום סוף, איבערצײַגט, אַז ניט דאָס און ניט יענץ וועט זיך אונז ניט אײַנגעבן, האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין ווײַטער. וואוהין? גלאַט — ווײַטער.

מיר זײַנען אײך אויף אַלע אופֿנים געווען גרייט צו גיין ווײַטער איבער דעם יעניקן לעבנס־שטעג, איבער וועלכן מיר זײַנען שוין לאַנג געגאַנגען, — דאָס איז שווײַגנדיקערהייט באַשלאָסן געוואָרן דורך יעדערן פֿון אונז, און דאָס האָט קלאָר אַרויסגעפֿינקלט פֿון דעם בייזן גלאַנץ פֿון אונזערע הונגעריקע אויגן.

געווען זײַנען מיר דרײַ; מיר האָבן זיך אַלע ניט לאַנג באַקאָנט אין כערסאָן, אין אַ שענקל אויפֿן ברעג דניעפּער.

איינער פֿון אונז איז געווען אַ זעלנער אין דעם אײַזנבאַן־באַטאַליאָן, דערנאָך — כּלומרשט, אַ באַן־מײַסטער אויף איינעם פֿון די ליניעס פֿון דעם ווײַסל־קאַנט: אַ געלער און אַ מוסקלדיקער מענטש, מיט קאַלטע, גרויע אויגן; ער האָט געקענט ריידן דײַטש און האָט אויסגעצייכנט געוואוסט דאָס טורמע־לעבן.

אונזערער אַ ברודער האָט ניט ליב צו ריידן אַ סך וועגן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, און ער האָט אויף דעם שטענדיק מער אָדער ווײַ-

ניקער אַ גרינדלעכן טעם, און דעריבער האָבן מיר אַלע געגלייבט אײנע די אַנדערע — לפּחות, אויסערלעך; דען אינערלעך האָט יעדערער פֿון אונז אַפֿילו זיך אַליין קנאַפּ־וואָס געגלויבט.

בעת דער צווייטער חבר אונזערער, אַן אויסגעטריקנט און אַ קלײנטשיק מענטשעלע מיט דינע ליפּן, וואָס זײַנען געווען שטענדיק סקעפּטיש פֿאַרביגן, האָט געדערט וועגן זיך, אַז ער איז אַ געוועזענער סטודענט פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט — האָב איך מיטן זעלבער דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ פֿאַקט. אין תוך אַרײַן, איז אינז געווען לחלוטין אַלץ אײנס, צי איז ער אַמאָל געווען אַ סטודענט, צי אַ געהיים־אַגענט אָדער אַ גנב, — וויכטיק איז געווען בלויז דאָס, וואָס אין מאָמענט פֿון אונזער באַקאַנטשאַפֿט איז ער געווען אַ מענטש פֿון אונזער גלײַכן — האָט געהונגערט, האָט געהאַט אויסצושטיין פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פּאָליציי אין די שטעט און פֿון דער פֿאַרדעכטיקער באַציִונג פֿון די פּויערים אין די דערפֿער, האָט געהאַסט אי די, אי יענע מיט אַ האַס פֿון אַ מאַכטלאָזער, פֿאַריאָגטער און הונגעריקער חיה, האָט געטרוימט פֿון אַ אוניווערסאַלער נקמה פֿון אַלעמען און פֿון אַלץ, — מיט אײן וואָרט, סײַ לויט זײַן לאַגע צווישן די הערשער פֿון דער נאַטור און די הערשער פֿון לעבן, סײַ לויט דער שטימונג זײַנער — איז ער געווען אַ פּרי פֿון אונזער גאָרטן.

דער דריטער בין איך געווען. צוליב דער באַשײדנקייט, וואָס ליגט אין מײַן נאַטור פֿון מײַנע יונגע יאָרן אָן, וועל איך קײן וואָרט ניט זאָגן וועגן מײַנע מעלות און, ניט וועלנדיק אַרויסשטעלן זיך פֿאַר אײַך פֿאַר אַ נאַיִוון, וועל איך פֿאַרשווײַגן וועגן מײַנע חסרונות. נאָר, אַלס מאַטעריאַל אפֿשר פֿאַר מײַן כאַראַקטעריסטיק, קען איך זאָגן, אַז איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז איך בין בעסער פֿון אַנדערע און דאָס טו איך מיט ערפֿאָלג ביזן הײַנטיקן טאָג.

אַלזאָ, זײַנען מיר אַרויס פֿון פּערעקאָפּ און זײַנען געגאַנגען ווײַטער, האָבנדיק דעם טאָג אין זינען די טשאַבאַנעס*), בײַ-

*) פּאַסטעכער.

וועלכע מען קען שטענדיק בעטן ברויט און וועלכע זאָגן זעלטן־וואָען אָפּ אין דעם די הונגעריקע מענטשן.

איך בין געגאַנגען לעבנאַנאַנד מיטן זעלנער, דער „כּמודענט“ האָט געשפּרייזט הינטער אונז. אויף זיינע פּלייצעס איז געהאַנגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ רעקל; אויף דעם שפּיציקן, קאַנטיקן און גלאַט אָפּגעשווירענעם קאָפּ איז געזעסן אַ רעשט פון אַ ברייט־ראַנדיקן הוט; גרויע הויזן און פאַרשוויצט־פאַרביקע לאַטעס האָבן באַצייגן זיינע דינע פיסלעך, און מיט די שטריקלעך, וואָס זיינען געווען געמאַכט פון דעם אונטערשלאַק פון זיין אָנצוג, האָט ער צוגעפּעסטיקט צו די פיס אַ כאָלעווע פון אַ שטיוול, וואָס ער האָט געפונען אויפן וועג, האָט דעם דאָזיקן בנין אַ נאָמען געגעבן סאַנדאַלן און האָט געשפּרייזט שווייגנדיקערהייט, אויפהייבנדיק אַ סך שטויב און אונטערפינקלענדיק מיט זיינע גרינלעכע קליינע אייגעלעך. דער זעלנער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער קאָמאַטשענער העמד, וועלכע ער האָט, לויט זיינע רייד, מיט דער „אייגענער האַנט“ דערוואָרבן אין כערסאָן; איבן איבער דער העמד איז נאָך אויף אים געווען אַ וואַרעמע וואַטענע וועסט: אויפן קאָפּ האָט ער, פאַרבראָכן אויף דער רעכטער ברעם, לויטן מיליטערישן דין, געטראָגן אַ זעלנעריש היטל פון אַן אומבאַשטימטער פאַרב; אויף די פיס האָבן זיך געבאָמבלט ברייטע טשומאַקישע פלוידערן. ער איז געווען באָרוועס.

איך בין אויך געווען אָנגעטאָן אין באָרוועס.

מיר זיינען געגאַנגען, און אַרום אונז האָט זיך אין אַלע זייטן מיט אַ ניבורשן לייג אויסגעצויגן דער סטעפּ און, צוגעדעקט מיט אַ בלויען, צעגליטן געוועלב פון דעם וואָלקנפרייען זומערדיקן הימל, איז ער געלעגן, ווי אַ גוואַלטיקער, קיילעכיקער שוואַרצער טעלער. דער גרויער שטויביקער וועג האָט אים דורכגעשניטן מיט אַ ברייטן פּאַס און האָט אונז געברענט די פיס. ערטערווייז האָבן זיך אָנגעטראָפן באַרשטיקע פּאַסן אָפּגעשניטענע תבואה, וואָס האָבן געהאַט אַ מאָדנע ענלעכקייט צו די לאַנג ניט געגאָלטע באַקן פון דעם זעלנער.

דער זעלנער איז געגאַנגען און האָט געזונגען מיט אַ הייזעריקלעכן קול:

— ... און דיין הייליקן תחית-המתים באַזינגען מיר און לוי — בן...

בעת ער האָט געדינט אין סאָלדאַטן, האָט ער געהאַט עפּעס אַן אַמט פון אַ דיאַקאָן אין דעם באַטאַליאָן-קלויסטער אין ער האָט געוואוסט אָן אַ שיעור טראָפּאַרן, אירמאָסן און קאָנדאַקן*), וואָס מיט זיינע ידיעות אין זיי האָט ער מיספּרויכט יעדעס מאָל, ווען אינזער שמועס האָט זיך צוליב-עפּעס ניט געבונדן.

פּאַראַיס, אויפן האָריזאָנט, זיינען געוואַקסן עפּעס פיגורן אַזעלכע, מיט ווייכע קאָנטורן און מילדע שאַטירונגען פון ליליע-קאָליר ביז צאַרט-ראָז.

— משמעות, דאָס זיינען זיי, די קרימער-בערג, — האָט געזאָגט דער „סטודענט" מיט אַ טרוקן קול.

— די בערג? — האָט אויסגעשריען דער זעלנער, — צו-פרייַ, פריינד, האָסטו זיי דערזען. דאָס זיינען וואָלקנס... פּשוט וואָלקנס... די זעסט, וואָסערע — גלייך ווי קיסעל פון זשוראַווינעס מיט מילך...

איך האָב באַמערקט, אַז ס'וואָלט געזען העכסט אַ געניעם, ווען די וואָלקנס וואָלטן מיט אַן אמת באַשטאַנען פון קיסעל. דאָס האָט תיכף דערוועקט אינזער הונגער — דער האָט פון אונזערע טעג.

— אַך, טייוול! — האָט זיך אויסגעזידלט דער סאָלדאַט, אויסשרייענדיק, — וואָלט מען כאָטש אָנגעטראָפן אויף אַ לעבעדיקער באַשעפעניש! אַזוי ווי ווינטער-צייט די בערן, קומט אים צו זויגן די אייגענע לאַפּעס...

— איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך לאָזן צו די באַזעסענע ערטער, — האָט באַלערעוודיק געמאָלדן דער „סטודענט".

— דו האָסט געזאָגט! — האָט זיך אויפגערעגט דער סאָלדאַט. — אויף דעם ביסטו אַ געלערנטער, דו זאָלסט זאָגן. וואו זיינען דאָ פאַראַן באַזעסענע ערטער? — דער טייוול ווייס, וואו זיי זיינען פאַראַן!

דער סטודענט איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרבויגן די ליפּן. די זון האָט זיך געזעצט, און די וואָלקנס אויפן האָריזאָנט האָבן זיך איבערגעגאָסן מיט פאַרשיידענע פאַרבן, וואָס מען קען זיי ניט

*) צועלפע קלויסטער-געזאַנגען.

אויסדריקן מיט ווערטער. ס'האָט געשמעקט מיט זאַלץ און מיט ערד.

און פֿון דעם דאָזיקן טרוקענעם און געשמאַקן ריח האָבן זיך אונזערע אַפּעטיטן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט.

אין די מאָגנס האָט גענאָגט. דאָס איז געווען אַן איסטעריש[e] און אומאָנגענעמע שפּירונג: ס'האָט זיך געדוכט, אַז פֿון אַלע מוסקלען פֿון דעם קערפּער רינען ערגעץ לאַנגזאַם אויס די זאַפֿטן, ווערן אויסגעדעמפּט, און די מוסקלען פֿאַרלירן זייער לעבעדיקע בייגעוודיקייט. אַ טעם פֿון שטעכיקער טרוקנקייט האָט אָנגעפֿילט דעם חלל פֿון מויל און האַלז, אין קאָפּ איז טונקל געוואָרן, און פֿאַר די אויגן זייַנען אַלע ווײַלע אויפֿגעשטאַנען און געשווינדלט טונקעלע פֿלעקן. טיילמאָל האָבן זיי באַקומען דעם אויסזען פֿון זיך רויכערנדיקע שטיקער פֿלייש, פֿון לוכטעם ברויט; די ערינערונג האָט באַזאָרגט די דאָזיקע „וויזיעס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, די שטומע וויזיעס" מיט די ריחות, וואָס זייַנען זיי אייגן, און דעמאָלט האָט פּונקט ווי אַ מעסער זיך איבערגעקערט אין מאָגן.

דאָך זייַנען מיר געגאַנגען, טיילנדיק זיך איינער מיט דעם אַנדערן מיט דער שילדערונג פֿון אונזערע שפּירונגען און שאַרף אַרומגעקוקט זיך אויף די זייטן — צי מוטט זיך ניט ערגעץ־וואו אַ טשערעדע שעפּסן, און אַײַנגעהערט זיך, צי ס'טראָגט זיך ניט אַ שאַרפֿער כקריפּ פֿון אַ טאָטערשער אַרבאַ, וואָס פֿירט פּרוכטן אויף דעם אַרמענישן מאַרק.

נאָר דער סטעפּ איז געווען פּוסט און שטום.

ערב דעם דאָזיקן שווערן טאָג האָבן מיר זאַלבעדריט אויפֿגעגעסן פֿיר פֿונט קאָרענעם ברויט און אַ שטיק פֿינף קאַווענעס און זייַנען אָפּגעגאַנגען אַרום פֿערציק ווערסט — אַ הוצאה ניט נאָך דער הכנסה! — און אײַנשלאָפֿנדיק אויף דעם מאַרק־פּלאַץ פֿון פּערעקאָפּ, האָבן מיר זיך אויפֿגעכאַפּט מחמת הונגער.

דער „סטודענט" האָט אונז ריכטיק געעצהט ניט צו לייגן זיך שלאָפֿן, נאָר אין משך פֿון דער נאַכט פֿאַרנעמען זיך מיט עפּעס... נאָר אין אַן אָנשטענדיקער געזעלשאַפֿט איז ניט אָנגענומען צו ריידן הויך וועגן פּראָיעקטן פֿון עובר זייַן אויף אייגנטום־רעכט, און איך

שוויג דעריבער. איך וויל בלויז זיין אמתדיק, אָבער אין מיינע אינטערעסן ליגט ניט צו זיין גראָב. איך ווייס, אַז אין אונזערע הויכקולטורעלע צייטן ווערן די מענטשן אַלץ ווייכער און אַפילו, בעת זיי נעמען אָן פאַרן גאָרגל זייער נאָענטן מענטשן מיט דעם בולטן צוועק צו דערשטיקן אים — פליסן זיי זיך צו טאָן דאָס מיט דער מעגלעכער ליבלעכקייט און אָפּהיטנדיק דערביי אַלע כללים פון אָנשטענדיקייט, וואָס פּאַסן זיך אין דעם באַטרעפנדיקן פאַל. די פּראַקטיק פון מיין אייגענעם גאָרגל צווינגט מיך צו באַמערקן דעם דאָזיקן פּראָגרעס פון די מידות, און מיט דעם אָנגענעמען געפיל פון זיכערקייט באַשטעטיק איך, אַז אַלץ אַנטוויקלט זיך און פאַרפולקומט זיך אויף דער דאָזיקער וועלט. בפרט קריגט דער דאָזיקער פּראָצעס אַ בולטע באַשטעטיקונג דורך דעם יערלעכן וואוקס פון די טורמעס, שענקען און שאַנדהייזער...

אַלזאָ, שלינגענדיק די הונגעריקע שפייעכץ און פליסנדיק זיך דורך אַ פריינדלעכן געשפּרעך צו דערשטיקן דעם ווייטאָג אין די מאָגנס, זיינען מיר געגאַנגען איבער דעם וויסטן און שטומען סטעפּ מיט אַ נעפּלדיקער האָפענונג אויף עפּעס; פאַר אונז איז פאַרגאַנגען די זון, אַראָפּלאָזנדיק זיך שטיל אין די ווייכע וואָלקנס, וואָס זיינען געווען רייך באַפאַרבט מיט אירע שטראַלן, און הינטער אונז און ביי די זייטן האָט אַ בלויילעכע פינסטערניש, אויפהייבנדיק זיך פון דעם סטעפּ צו דעם הימל, צונויפגעצויגן די אומפריינדלעכע האָריזאָנטן, וואָס האָבן אונז אַרומגערינגלט.

— ברידער, קלייבט צונויף מאַטעריאַל צו פונאַנדערלייגן אַ פייער, — האָט געזאָגט דער זעלנער אויפהויבנדיק פון וועג עפּעס אַ קלעצל. — ס'וועט אויסקומען צו נעכטיקן אין סטעפּ... ס'איז אַ ראָסע. קו-מיסט צום הייצן, ריטער אַלערליי — אַלץ נעם!

מיר זיינען זיך צעגאַנגען איבער די זייטן פון וועג און גענומען קלייבן טרוקענעם סטעפּ-גראָז און אַלץ, וואָס ס'האָט געקענט ברענען. יעדעס מאָל, וואָס ס'איז אויסגעקומען אָנצובויגן זיך צו דער ערד, איז אַ לײדנשאַפטלעכער באַגער אַנטשטאַנען אין דעם גאַנצן גוף אַ פאַל צו טאָן אויף איר, ליגן אומבאַוועגלעך און עסן

זי, אַ שוואַרצע און אַ פעטע, אַ סך עסן, עסן ביז קראַנק ווערן, און דערנאָך אַנטשלאָפן ווערן. כאָטש אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן, נאָר עסן, קייען און פילן, ווי די וואַרעמע און געדיכטע קאַשע לאָזט זיך אַראָפּ לאַנגזאַם דורך דער פאַרטריקנטער שפּייז־רער אין דעם גיריקן, צונויפגעקאָרטשעטן מאָגן, וואָס לעכצט אַריינזאַפּן אין זיך וואָס־עס־איז.

— כאָטש געפינען וועלכע עס־איז וואָרצלען... האָט אָפּגעזיפצט דער זעלנער.. — ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָרצלען, וואָס מען קען זיי עסן...

נאָר אין דער שוואַרצער צעאַקערטער ערד איז ניט געווען קיין שום וואָרצלען. די דרומדיקע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט שנעל, און ס'האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרלעשן זיך דער לעצטער זונען־שטראַל, ווי אין דעם טונקל־בלויען הימל האָבן זיך צעפינקלט די שטערן, און אַרום אונז האָבן זיך אַליין געדיכטער צונויפגענומען די טונקעלע שאָטנס, צונויפציענדיק די אומענדלעכע גלאַטקייט פון דעם סטעפּ...

— ברידער, — האָט ניט גאַנץ הויך געזאָגט דער „סטודענט“, — דאָרטן לינקס ליגט אַ מענטש...

— אַ מענטש? — האָט געצווייפלט דער זעלנער. — צי וואָס זאָל ער דאָרטן ליגן?

— גיי און פרעג אים. ער האָט געוויס ברויט, אויב ער האָט זיך פונאַנדערגעלייגט אין סטעפּ... — האָט דערקלערט דער „סטודענט“. דער זעלנער האָט אַ קוק טאָן אָן אַ זייט, וואו דער מענטש איז געלעגן, און אַ שפּיי טוענדיק אַנטשיידן, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר גיין צו אים!

בלויז די גרינע און שאַרפע אויגן פון דעם „סטודענט“ האָבן געקענט אונטערשיידן, צי די פינסטערע קופּע, וואָס האָט זיך איפּגעהויבן אַ קלאַפטער פופציק ווייט, לינקס פון וועג, איז אַ מענטש. מיר זיינען צו אים געגאַנגען, שנעל שפּרייזנדיק איבער די שטיקער ערד פון דעם אַקער־פעלד, און האָבן געשפּירט, ווי די האָפענונג אויף עסן, וואָס איז אין אונז געבאָרן געוואָרן, פאַרשאַרפט דעם הונגער

פֿון הונגער. מיר זײַנען שוין געווען נאָענט — דער מענטש האָט זיך ניט גערירט.

— און אפֿשר איז עס ניט קיין מענטש — האָט דער זעלנער מיט אַ צאָרנדיקן טאָן אויסגעדריקט אונדזער אַלעמענס געדאַנק.

אָבער אונדזער ספֿק האָט זיך אין דעם זעלבן מאָמענט צעזייט, וואָרעם די קאָפּע האָט זיך פּלוצלונג אַ ריר געטאָן אויף דער ערד, איז אויסגעוואַקסן, און מיר האָבן דערזען, אַז דאָס איז אַן אמתער, לעבעדיקער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני, אויסשטרעקנדיק צו אונדז די האַנט.

און ער האָט צו אונדז געזאָגט מיט אַ דומפּן, ציטעריקן קול:

— גיי ניט נענטער, — כ׳וועל שיסן!

אין דער טריבער ליכט האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער און קורצער קנאַק.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי לויט אַ קאָמאַנדע, און געשוויגן איניקע סעקונדן, מבֿולבל פֿון אַזאַ אומפֿריינדלעכן קבלת־פּנים.

— אָט איז אַ מזל! — האָט אויסדריקלעך אַ מורמל געטאָן דער זעלנער.

— נ־יאָ, — האָט פּאַרטראַכטערהייט געזאָגט דער „סטודענט“. מיט אַ רעוואָלווער גאָר אַרומגיין... קענטיק, אַ פּיש מיט רויגן...

— ע! — האָט אַ געשריי געטאָן דער זעלנער, קענטיק באַשליסנדיק עפּעס...

דער מענטש האָט, ניט אומבייטנדיק די פּאָזע, געשוויגן.

— ע, דו! מיר וועלן דיך ניט טשעפּען... גיב אונדז נאָר ברויט... פֿאַראַן אפֿשר? גיב, ברודער, אין קריסטוסעס נאָמען!... פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, טייוול!

די לעצטע ווערטער האָט דער זעלנער אַרויסגערעדט צו זיך אין די וואָנצעס אַריין.

— הערסט? — האָט דער זעלנער ווידער גענומען ריידן מיט אַ ציטער פֿון האַס און יאוש — גיב, זע, ברויט.. מיר וועלן צו דיר ניט צוגיין... גיב אים אַ וואָרף צו אונדז...

— גוט... — האָט קורץ געזאָגט דער מענטש.

ער האָט אונז געקענט זאָגן — „טייערע ברידער מיינע!" און ווען ער וואָלט אין די דאָזיקע קריסטלעכע ווערטער געוועזט אַריינגעגאָסן אַלע סאַמע הייליקע און ריינע געפילן, וואָלטן זיי אונז אַזוי ניט אויפגערעגט און אַזוי ניט פאַרמענטשלעכט, ווי דער דאָזיקער דימפער און קורצער:

— גוט!

— האָב פאַר אונז קיין מורא ניט, גוטער מענטש, — האָט ווייך און מיט אַ זיסן שמייכל אויפן פנים גענומען ריידן דער זעלנער, הגם דער מענטש האָט זיין שמייכל ניט געקענט זען, וואָרעם ער איז געווען ווייט פון אונז, לכל־הפחות אויף אַ מהלך פון צוואַנציק טריט.

מיר זיינען מענטשן פרידלעכע... מיר גייען פון רוסלאַנד קיין קובאַן... אונז איז שמאָל אויסגעקומען מיט געלט אויפן וועג, אַליין אויפגעגעסן פון זיך... און איצט־אָ איז שוין דער דריטער מעת־לעת, ווי מיר האָבן ניט געגעסן...

— האַלט! — האָט געזאָגט דער גוטער מענטש, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט אין דער לופטן. אַ שוואַרץ שטיקל האָט אַ שווינדל געטאָן און איז אַראָפּגעפאַלן ניט ווייט פון אונז אויפן פעלד. דער „סטודענט" האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אים.

— האַלט נאָך! האַלט! מער איז ניטאָ...

בעת דער „סטודענט" האָט צונויפגעזאַמלט די דאָזיקע אָריגינעלע נדבה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי אונז איז אַ פונט פיר אַלטגעבאַקן ווייצן ברויט. עס איז געווען אויסגעוואַלגערט אין ערד און זייער האַרט. אַלטגעבאַקן ברויט איז זעטיקער פאַר ווייכן, און אים איז ווייניקער פייכטקייט.

— אָט אַזוי... און אָט אַזוי... און אָט אַזוי! — האָט דער זעלנער מיט גרויס פאַרטיפטקייט געטיילט די חלקים. — שטיי... ניט גלייך! ביי דיר, געלערנטער, דאַרף מען אָפּקנייפּן אַ שטיקעלע, אַז ניט וועט אים זיין ווייניק...

דער „סטודענט" האָט אָן דערווידערונג אונטערגעגעבן זיך דעם פאַרליכט פון דעם שטיקל ברויט, וואָס האָט געוואויגן אַ פינף זאָלאָטניק; איך האָב אים באַקומען און אַריינגעלייגט אין מויל אַריין.

און איך האָב אים גענומען קיען, לאַנגזאַם קייען, קוים אײַנ־האַלטנדיק די קאָנוואולסיווע באַוועגונג פֿון די קינבאַקן, וואָס זיינען גריט געווען צו צעברעקלען אַ שטיין. איך האָב געהאַט אַ שאַרפֿן הענוג צו שפּירן די אײַליקע קאָנוואולסיעס פֿון דער שפּײַז־רער און ביסלעכווייז, טראָפּפּעלעכווייז באַפֿרידיקן אים. אַ שלונג נאָך אַ שלונג, זיינען זיי, וואַרעמע און אומדערקלערלעך, אַ מאַש ייבלעך געשמאַקע, אַריינגעדרונגען אין מאָגן אַרײַן און האָבן זיך, דוכט זיך, תיכף פֿאַרוואַנדלט אין בלוט, אין מאַרך. אַ פֿרייד, אַזאַ מאָדנע, שטילע און באַלעבנדיקע פֿרייד, האָט געוואַרעמט דאָס האַרץ אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל עס איז אָנגעפֿילט געוואָרן דער מאָגן, און מיין אַלגע־מיינער צושטאַנד איז געווען ענלעך צו אַ מין הינערפֿלעט. איך האָב פֿאַרגעסן אָן די די דאָזיקע פֿאַרפֿלוכטע טעג פֿון כראָנישן הונ־גער און האָב פֿאַרגעסן אָן מיינע חברים, אינגאַנצן פֿאַרטאָן אין דער הנאה פֿון די שפּירונגען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט.

נאָר בעת איך האָב אַריינגעוואָרפֿן פֿון דער ד׳אָניע אין מויל אַריין די לעצטע ברעקלעך ברויט, האָב איך דערפֿילט, אַז איך בין טויט־הונגעריק.

ביי אים, ביים טיוול, איז דאָרטן נאָך געבליבן חזיר־שמאַלץ אָדער פֿלייש אַזעלכע... — האָט געוואָרטשעט דער זעלנער, זיצנ־דיק אויף דער ערד אַנטקעגן מיר און גלעטנדיק מיט די הענט דעם בויך.

— געוויס, דערפֿאַר האָט דאָס ברויט געהאַט אַ טעם פֿון פֿלייש... נאָר ברויט איז ביי אים נאָך, משמעות, איך געבליבן... — האָט האָט געזאָגט דער „סטודענט“ און האָט שטילערהייט צוגעגעבן:

— ווען ניט דער רעוואָלווער...

— ווער איז ער אַזעלכער? אַ?

— קענטיק, אונזערער אַ ברודער איסאַקי...

— אַ הונט! — האָט באַשלאָסן דער זעלנער.

מיר זיינען געזעסן אין אַן ענגער גרופּע און האָבן פֿון דער זייט געכאַפּט אַ בליק אַהין, וואו ס׳איז געזעסן אונזער בעל־טובה מיט דעם רעוואָלווער. פֿון דאָרטן האָט זיך צו אונז ניט דערטראָגן ניט קיין קלאַנג, ניט קיין סימן פֿון לעבן

די נאַכט האָט אײַנגעזאַמלט אַרום אונדז אַלע פֿינצטערע כּוחות. אין סטעפּ איז געווען טויט־שטיל — מיר האָבן געהערט, ווי יעדער אײנער אָטעמט. טײלמאָל האָט זיך פֿון ערגעץ־וואו דערהערט אַ מעלאַנכאָלישער פֿײַף פֿון אַ ליזל־מויז... מיר האָבן געוואָלט עסן.

איך זאָג עס מיט שטאָלץ — איך בין געווען ניט ערגער און ניט בעסער פֿון מײַנע צופֿעליקע חברים אין דער דאָזיקער, אַ ביסל אײַסטערלישער נאַכט. איך האָב זײ פֿאַרגעלײגט אײַנצושטײן און לאָזן זיך אויף דעם דאָזיקן מענטשן. מען דאַרף אים ניט שטשיפּען, נאָר מיר וועלן אויפֿפּאַסן בײַ אים אַלײן, וואָס מיר וועלן געפֿינען. ער וועט שיסן — זאָל ער שיסן! פֿון דרײַען קען בלויז אײנעם טרעפֿן, אויב ס׳וועט שוין יאָ טרעפֿן; און אויב אַפֿילו ס׳זאָל יאָ טרעפֿן, איז אַ ספֿק, צי אַ רעוואָלווער־קויל קען דערהרגענען אויף טויט.

— לאָמיר גײן! — האָט געזאָגט דער זעלנער, געבנדיק זיך אַ שטעל אויף.

דער „סטודענט“ האָט זיך אויפֿגעהױבן לאַנגזאַמער פֿון אים.

און מיר זײַנען געגאַנגען, כּמעט געלאָפֿן. דער „סטודענט“ האָט זיך געהאַלטן הינטער אונדז.

— חבר! — האָט צו אים מיט פֿאַרוואורף אַ געשרײ געטאָן דער זעלנער.

אונדז אַנטקעגן האָט זיך געטראָגן אַ טויב מורמלען און אַ שאַרפֿער הילך פֿון דעם קנאַקנדיקן רעוואָלווער־צינגל... אָט האָט אַ בליץ געטאָן אַ פֿײַער, ס׳האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער קלאַפּ פֿון אַ שאָס.

— ניט געטראָפֿן! — האָט פֿרײלעך אויסגעשריען דער זעלנער, צוקומענדיק מיט אײן שפּרונג צו דעם מענטשן. — נו, טײַוול, איצט וועסטו שוין בײַ מיר קריגן...

דער „סטודענט“ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם קלומיק.

און דער טײַוול איז אַנידערגעפֿאַלן פֿון די קני אויפֿן רוקן און, פֿונאַנדערגעשפּרײט די הענט, האָט ער געכריפּעט.....

וואָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש! — האָט זיך געחידושט דער זעלנער, וואָס האָט שוין געהאַט אויפֿגעהויבן די פֿוס, כּדי אַ זעץ צו-

טאָן דעם דאָזיקן מענטשן. — ניט שוין־זשע האָט ער אין זיך אַליין אויסגעקנאַלט? הו: וואָסי מיט דיר? ע׳: האָסט זיך דערשאָסן, צי וואָס?

— אי פּליוש, אי פּלעצלעך אַזעלכע, אי ברויט... אַ סך, ברי־דער: — האָט זיך דערהערט דער חדוהדיקער קול פון דעם „סטו־דענט״.

— נו, כאַפּט דיך דער טייוול, פּגר... לאָמיר עסן, פריינד! — האָט דער זעלנער אַ געשריי געטאָן. איך האָב אַהיימגענומען דעם רעוואָלווער פון די הענט פון דעם מענטשן, וואָס האָט שוין איצט אויפגעהערט צו כריפּען און איז געלעגן אומבאַוועגלעך. אין דעם רעוואָלווער־פּייק איז נאָך געווען איין קויל.

מיר האָבן ווידער געגעסן, געגעסן שווייגנדיקערהייט. דער מענטש איז אויך געלעגן און געשוויגן, ניט רירנדיק מיט איין גליד אַפילו. מיר האָבן זיך אויף אים ניט אומגעקוקט.

— ניט שוין־זשע, מיינע ליבע ברידער, האָט איר דאָס אַליין בלויז צוליב ברויט? — האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ ציטערדיקער קול.

מיר האָבן אַלע אויפגעציטערט. דער „סטודענט״ האָט זיך אַפילו פּאַרפּרייכט אין, אָנבייגנדיק זיך צו דער ערד, האָט ער גענומען הוסטן.

דער זעלנער האָט, צעקייענדיק אַ שטיקל ברויט, אָנגעהויבן זיך זידלען.

— הינטישע נשמה דו, פּלאַצן זאָלסטו, ווי אַ טרוקענע קלאָץ! וואָסי, מיר וואָלטן דען די הויט פון דיר אַראָפּגעצויגן? אויף וואָסערע כפּרות דאַרפן מיר זי האָבן? גולמשער שנוק דיינער, אומריינער גייסט וואָס דו ביסט! נאַ דיר גאָר! — האָט זיך באַוואָפנט און קנאַלט אין מענטשן! פאַרשאָלטענער דו...

ער האָט זיך געזידלט און האָט געגעסן, און פון דעם האָט זיין זידלעריי פאַרלאָרן די גאַנצע איבערדיקלעכקייט און קראַפט...

— וואַרט אָקאָרשט, מיר וועלן אָפּעסן, וועלן מיר זיך מיט דיר אָפּרעכענען, — האָט מיט אַ ביין טאָן מבטיח געווען דער „סטודענט״.

דעמאָלט האָבן זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דערהערט יאָמערנדיקע געוויינען, וואָס האָבן אונז איבערגעשראָקן.

— ברידער... צי דען האָב איך געוואוסט? כ'האָב געשאָסן, ווייל איך האָב מורא. איך גיי פון ניי-אַפּאָן... קיין סמאָלענסקער גובערניע... אָך, גאָט! אַ פיבער האָט מיך איינגאַנצן צעבראָכן... ווי נאָר די זון גייט אויף — ווערט מיר ביטער! מחמת דעם פיבער בין איך אויך אַוועק פון אַפּאָן... כ'האָב דאָרטן געטאָן סטאָליערײַ-אַרבעט... כ'בין אַ סטאָליער... אין דער היים האָב איך אַ ווייב... צוויי מיידעלעך... שוין דריי, דאָס פערטע יאָר, ווי כ'האָב זיי ניט געזען... ברידער! עסט אַליין...

— מיר וועלן שוין אויפעסן, בעט ניט, — האָט געזאָגט דער „סטודענט“.

— גאָטעניו! ווען איך וואָלט עס געוואוסט, אַז איר זייט פריידלעכע, גוטע מענטשן... וואָלט איך דען געשאָסן? און דאָ, ברידער, איז סטעפּ, נאַכט... בין איך דען שולדיק? אַ?

ער האָט גערעדט און האָט געוויינט, ריכטיקער — האָט אַרויסגעלאָזן עפּעס אַזאַ ציטערדיקן, שרעקעדיקן געיאָמער.

— אָט סקאָוואָטשער ער! — האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט דער זעלנער.

— ער מוז בײַ זיך האָבן געלט, — האָט דער „סטודענט“ געזאָגט.

דער זעלנער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך צעשמייכלט.

— דו האָסט אַ שטאַרקן קאָפּ, דו שטויסט זיך אָן... אָט-וואָס, לאָמיר אָקאָרשט פונאַנדערלייגן אַ פייער און זיך לייגן שלאָפן...

— און ער? — האָט זיך אינפאָרמירט דער „סטודענט“.

— כאַפּט אים דער רוח! מיר דאַרפן אים אָפּבראָטן, צי וואָס?

— מען וואָלט באַדאַרפט — האָט געזאָגט דער „סטודענט“, אַ שאָקל טוענדיק מיט זיין שפּיציקן קאָפּ.

מיר זיינען אַוועק נאָך די הורך אונז אויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָרטן, וואו עס האָט אונז אָפּגעשטעלט דער סטאָליער מיט זיין געשריי, האָבן זיי געבראַכט און באַלד זיינען מיר געזעסן לעבן שייטערהויפן. ער האָט שטיל גע-

ברענט אין דער אָנווינטיקער נאַכט אין האָט אין איר באַלויכטן דעם קליינעם שטח, וואָס מיר האָבן פאַרנומען. ס'האָט אונז גענומען שלעפערן, הגם מיר וואָלטן פונדעסטוועגן געקענט נאָך אַמאָל עסן אָנגטבריט.

— ברידער! — האָט אונז אַ רוף געטאָן דער סטאָלער. ער איז געזעסן אַ דריי טריט פון אונז, און טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער רירט עפּעס.

— יאָ? — האָט געזאָגט דער זעלנער.

— מען קען צו אייך... צום פייער? מיין טויט קומט אָן... אַלע מיינע ביינער ברעכן... גאָט! איך וועל, ווייזט אויס, ניט דערגיין אַהיים....

— קריך אַהער — האָט דער „סטודענט“ ערלויבט.

דער סטאָלער האָט לאַנגזאַם, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרלירן אַ האַנט אָדער אַ פוס, זיך געררוקט איבער דער ערד צום פייער. דאָס איז געווען אַ הויכער און שרעקלעך-אויסגעמאָגערטער מענטש; אַלץ האָט זיך אויף אים עפּעס שרעקלעך געבאָמבלט, און די גרויסע פאַרנעפּלטע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם ווייטאָג, וואָס האָט אים געפּייניקט. זיין אויסגעקרימט געזיכט איז געווען אַ ביינערדיקס און אַפילו פאַר דער באַלייכטונג פונם שייטערהויפן האָט עס געהאַט אַ מין געלבלעך-ערדפאַרביקן קאָליר. ער האָט אײַנגאַנצן געציטערט און האָט אַרויסגערופן צו זיך פאַראַכטונגספולן מיט-לייד. אויסשטרעקנדיק צום פייער זיינע לאַנגע, דאַרע הענט, האָט ער געריבן זיינע ביינערדיקע פינגער, און זייערע געלענקען האָבן זיך געבויגן פויל, לאַנגזאַם. סוף-כל-סוף, האָט אויף אים געעקלט צו קוקן.

— איז וואָס, אין אַזאַ צושטאַנד — גייסטו דאָס צופוס? — ביסט קאַרג, צי וואָס? — האָט בייז געפרעגט דער זעלנער.

מ'האָט מיר געעצהט... פאָר ניט, זאָגן זיי, מיטן וואַסער... נאָר גיי הינטן קרים, די לופט, זאָגן זיי. און איך קען גאָר ניט גיין... איך שטאַרב אַוועק, ברידער! כ'וועל שטאַרבן אַליין אין סטעפּ... די פייגל וועלן מיך צעפּיקן, און קיינער וועט זיך ניט דערוויסן...

דאָס ווייב... די טעכטערלעך וועלן וואַרטן — כ'האָב זיי געשריבן... און מיינע ביינער וועלן וואַשן די סטעפּ־רעגנס.... גאָט, גאָט!

ער האָט זיך צעקלאָגט מיט אַן אומעטיקן געוואָי פון אַ פאַרוואונדעטן וואָלף.

— אָ, טייוול! — האָט זיך דער זעלנער צעקאָכט און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט... וואָס סקאַוואַטשעסטו? וואָס לאָזסטו ניט מענטשן רוען? פאַרסט אַוועק? נו, איז פאַר און שווייג... ווער נייטיקט זיך אין דיר? שווייג!

— גיב אים איבערן מוח, — האָט פאָרגעלייגט דער „סטודענט".

— לאָמיר זיך לייגן שלאָפן, — האָב איך געזאָגט... — און דו, אויב דו ווילסט זיין לעבן פייער, איז וואָרע ניט, מיט אַן אמת...

— געהערט? — האָט מיט ווילדער צעקאָכעניש געזאָגט דער זעלנער. — נו, איז נעם זיך עס אַריין אין זינען. דו מיינסט, מיר וועלן דיך זשאַלעווען און עסקן זיך מיט דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט אין אונז ברויט געשליידערט און קיילן געלאָזט? דו זייערע טייוול! אַנדערע וואָלטן... טפו....

דער זעלנער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

דער „סטודענט" איז שוין געלעגן. איך האָב זיך אויך געלייגט. דער אָנגעשראָקענער סטאָליער האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ קנויל און, צורוקנדיק זיך צום פייער, האָט ער שווייגנדיקערהייט גענומען קוקן אויף אים. איך בין געלעגן רעכטס פון אים און האָב געהערט, ווי זיינע ציינער האָבן געקלאַפּט. דער „סטודענט" האָט זיך געלייגט לינקס און איז, דוכט זיך, תיכּף איינגעשלאָפן, צונויפדרייענדיק זיך אין אַ קנויל. דער זעלנער איז, אונטערלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, געלעגן מיט דעם פּנים אַרויף און האָט געקוקט אין הימל אַריין.

— וואָס פאַר אַ נאַכט? וויפיל שטערן.. סאַראַ וואַרעמקייט...— האָט ער זיך געווענדט צו מיר אין אַ ווײַלע אַרום. וואָס פאַר אַ הימל — אַ קאָלדרע, ניט קיין הימל. כהאָב ליב, פריינד, דאָס דאָזיקע פרייע וואַנדער־לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן איז אי קאַלט, אי

הונגעריק, אָבער זייער פריי... האָסט ניט איבער זיך קיין שום איבערהאַר... ביסט אַליין אַ באַלעבאָס איבער דיין לעבן... כאָטש בייס זיך אָפּ דעם קאָפּ — קען דיר קיינער קיין וואָרט ניט זאָגן... גוט... כ'האָב זיך אָנגעהונגערט פאַר די דאָזיקע טעג, אָנגעבייזט זיך... און אָט איצט ליג איך זיך, קוק אין הימל אַריין... די שטערן ווינקען צו מיר... גלייך זיי זאָגן: נישקשה, לאַקוטין, גיי זיך דיר איבער דער ערד און גיב זיך קיינעם ניט אונטער... נ—יאָ... און אויפן האַרצן איז גוט... און דו... ווי הייסטו דאָרטן? העי, סטאָלער! זיי ניט ברוגז אויף מיר און שרעק זיך ניט פאַר קיין זאַך... דאָס, וואָס מיר האָבן דיין ברויט אויפגעגעסן — איז גאָרנישט — ביי דיר איז געווען ברויט, און ביי אונז ניט, האָבן מיר דיינעם אויפגעגעסן... און דו, ווילדער מענטש, וואָס דו ביסט, נעמסט און שיסט מיט קוילן... ניט שוין-זשע פאַרשטייסטו ניט, אַז אַ קויל קען שאַטן אַ מענטשן? כ'האָב פון לאַנג אויף דיר אַ האַרץ, און ווען דו וואָלסט ניט געפאַלן, וואָלט איך דיך מכבד געווען, ברודער, פאַר דיין חוצפה. און וואָס שייך ברויט — וועסטו מאָרגן דערגיין ביז פערעקאָפּ און קויפן דאָרטן — האָסט געלט... איך ווייס... שוין לאַנג ווי דו האָסט געפאַקט דעם פיבער?

לאַנג נאָך האָבן אין מיינע אויערן געזשומעט חער באַס פון דעם זעלנער און דער ציטעריקער קול פון דעם קראַנקן סטאָלער. די נאַכט — אַ פינסטערע, כמעט אַ שוואַרצע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַליץ נידעריקער אויף דער ערד, און אין ברוסט האָט זיך גענאָסן די פרישע זאַפטיקע לופט.

פון דעם שייטערהויפן האָט אַרויסגעשטראָמט אַ גלייכע שיין און אַ דערקוויקנדיקע וואַרעמקייט... די אויגן האָבן זיך צוגויפגעקלעפּט.

• • • • • • • • •

— שטיי אויף! גיכער! לאָמיר גיין!

מיט אַ געפיל פון שרעק האָב איך אויפגעעפנט די אויגן און שנעל זיך אויפגעשטעלט, אין וואָס ס'איז מיר אויך באַהילפיק געווען דער זעלנער, וועלכער האָט מיך אַ צי געטאָן פון דער ערד פאַרן האַנט.

— נו, לעבעדיק! שפּריין!

דאָס פּנים איז בײַ אים געװען שטרענג און אומרויִק. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום מיר. די זון איז אײַנגעגאַנגען, און איר רױטער שטראַל איז שױן געלעגן אױף דעם אומבאַװעגלעכן און בלײַען פּנים פֿון דעם סטאָליער. דאָס מױל איז בײַ אים געװען אָפֿן, די אױגן זײַנע װײַט אַרױסגעקראָכן פֿון די אױגנלעכער און האָבן געקוקט מיט אַ גלעזערנעם בליק, װאָס האָט אױסגעדריקט גרױל. די קלײדער זײַנען אױף זײַן ברוסט געװען אײַנגאַנצן צעריסן, און ער איז געלעגן אין אַ אומנאַטירלעך־געבראָכענער פּאָזע. דער „סטודענט" איז ניט געװען.

— נו, זיך פֿאַרקוקט! גײ, זאָג איך! — האָט באַפֿעליריש געזאָגט דער זעלנער, שלעפּנדיק מיך פֿאַרן האַנט.

— ער איז געשטאָרבן? — האָב איך געפֿרעגט, אױפֿציטערנדיק פֿון דער אינדערפֿרײַקער פֿרישקײט.

—אַװדאי, און דיך, אַז מ'װעט דערשטקן, װעסטו אױך שטאַרבן, — האָט דערקלערט דער זעלנער.

— אים האָט... דער „סטודענט"? — האָב איך אױסגעשריִען.

— נו, װער דען־זשע? דו אפֿשר? אָדער גאָר איך? נ—יאָ. אָט האָסטו דיר אַ געלערנטן... זיך פֿלינק אײַנגעפּאָרעט מיט דעם מענטשן... האָט אױך זײַנע חברים אַרײַנגעשלעפּט אין אַ צרה. װען איך װײס דאָס, װאָלט איך נעכטן דעם דאָזיקן „סטודענט" דערהרגעט. דערהרגעט מיט איין קלאַפּ. אַ קנאַק מיטן פֿױסט אין שלײף אַרײַן... און מיט איין אױסװאורף װײניקער אױף דער װעלט! װאָס האָט ער דאָ אָפּגעטאָן, דו פֿאַרשטײסט? איצט דאַרפֿן מיר גײן אַזױ, אַז קײן מענטשלעך אױג זאָל אונז ניט זען אין סטעפּ. פֿאַרשטאַנען? װײַל — דעם סטאָליער װעט מען הײַנט געפֿינען און דערזען — אַז מ'האָט אים דערשטיקט און באַרױבט. און מען װעט נעמען נאָכשפּירן נאָך אונזער ברודער... פֿון װאַנען גײסטו, װוּ האָסטו גענעכטיקט? נ—נו, און מ'װעט אונז פּאַקן... הגם בײַ מיר מיט דיר איז קײן זאַך ניטאָ... און דער רעװאָלװער איז בײַ מיר אין בוזעם! ס'איז אַ חפֿץ!

— װאַרף אים אַװעק, — האָב איך געעצהט דעם זעלנער.

— אַװעקװאַרפֿן? — האָט ער פֿאַרטראַכטערהײט געזאָגט...— ס'איז אַ טײַערע זאַך... און אפֿשר װעט מען אונז גאָר ניט כאַפּן... נײן, כ'װעל ניט אַװעקװאַרפֿן... װער װײס, אַז בײַם סטאָליער איז געװען

געווער? כ'וועל ניט אַוועקוואַרפן... ער קאָכט אַ היבל הויי. און אים ליגט אַ קייל. עך-מאַ! ווי איך וואָלט אַט די זעלביקע קייל טאַקע אין דעם ליבן חברס אייער אַריינגעלאָזן! וויפיל געלט האָט ער, דער הונט, צוגערויבט, — אַ? פאַרשאָלטענער!

— אָט האָסטו דיר דעם סטאָלערס טעכטערלעך... — האָב איך געזאָגט.

— טעכטערלעך? וואָסערע? אַ, ביי דעם-אָ.. נו, זיי וועלן אויסוואַקסן, פאַר אונז וועלן זיי ניט חתונה האָבן, וועגן זיי איז ניטאָ וואָס צו ריידן... לאָמיר-זשע, ברודער, גיין גיכער... וואו זאָלן מיר גיין?

— איך ווייס ניט... אַלץ איינס.

— און איך ווייס אויך ניט און איך, ווייס איך, אַז ס'איז אַלץ איינס. לאָמיר גיין רעכטס — דאָרטן דאַרף זיין אַ ים

מיר זיינען אַוועק רעכטס.

איך האָב זיך אומגעקוקט אויף צוריק. ווייט פון אונז האָט זיך אין סטעפּ אויפגעהויבן אַ פינסטער בערגל, און אויף אים האָט געשיינט די זון.

— דו קוקסט, צי איז ער ניט לעבעדיק געוואָרן? האָב קיין מורא ניט, ער וועט ניט אויפשטיין אונז נאָכצויאָגן... דער געלערנטער איז, קענטיק, אַ יונג מיט שכל, האָט אָפּגעאַרבעט דעם עסק מיט אַ גרונד... נו, חבר! האָט אונז פיין אַריינגעטאָן! עך, ברודער! די מענטשן ווערן קאַליע, פון יאָר צו יאָר ווערן זיי אַלץ מער קאַליע! — האָט טרויעריק געזאָגט דער זעלנער.

דער סטעפּ, אַ שטומער און אַ וויסטער, איינגאַנצן באַגאָסן מיט העלער פרימאָרגן-זון, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום אונז, צונויפגיסנדיק זיך אויפן האָריזאָנט מיט דעם הימל, מיט דער דאָזיקער קלאָרער, מילדער און פרנסהדיקער שיין, אַזוי אַז יעדע טונקעלע און אומגערעכטע זאַך האָט אויסגעוויזן צו זיין אוממעגלעך צווישן דער גרויסער רחבות פון דעם דאָזיקן פרייען פליין, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דעם בלויען הימל-קופּאָל.

— ס'ווילט זיך עסן, ברודער! — האָט געזאָגט מיין חבר, פאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס.

— וואָס וועלן מיר היינט עסן און וואו, און ווי?
— דאָס איז אַ שאלה!

. . . .

דאָ האָט דער דערציילער — מיין חבר פון שפּיטאָל־בעטל— געענדיקט זיין דערציילונג, און געזאָגט צו מיר:

— דאָס איז אַלץ. איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדט מיט דעם דאָזיקן זעלנער און מיר זיינען ביידע דערגאַנגען ביז קאַסקער ראַיאָן. דאָס איז געווען אַ גוטער און זייער געניטער חברה־מאַן, אַ טיפּישער וואַגאַבונד — אַ הפקר־יונג. איך האָב אים געאַכט, ביז סאַמע קליינאַזיע זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען, און דאָרטן האָבן מיר זיך פאַרלאָרן...

— איר דערמאָנט זיך אַמאָל אָן דעם כמאָלער? — האָב איך געפרעגט.

— ווי איר זעט אָדער — ווי איר האָט געהערט..

— און... גאָרנישט?

ער האָט זיך צעלאַכט.

— און וואָס דאַרף איך דען דערביי שפּירן? איך בין ניט שולדיק אין דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, פּונקט ווי איר זייט ניט שולדיק אין דעם, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט... און קיינער איז אין קיין זאַך ניט שולדיק, וואָרעם מיר זיינען אַלע גלייך — בהמות.

מאַלווא.

דער ים האָט געלאַכט.

צוליב דעם לייכטן בלאָזן פון דעם הייסן ווינט האָט ער איבגעציטערט און באַדעקנדיק זיך מיט אַ קליינעם וואַסער־גערונצל, וואָס האָט בלענדנדיק־העל אָבגעשפּיגלט די זון, האָט ער געשמייכלט צו דעם בלויען הימל מיט טויזנט זילבערנע שמייכלען. אין דעם טיפן רוים צווישן דעם ים און דעם הימל האָט זיך געטראָגן דאָס פריילעכע און רוישיקע פּאַטשן פון די כוואַליעס, וואָס זיינען אָנגעלאָפן איינע אויף די אַנדערע אויף דעם משופּעדיקן ברעג פון דעם זאַמדיקן ערד־פּאַס.

דער האָויקער קלאַנג און גלאַנץ פון דער זון, וואָס האָט זיך טויזנטער מאָל אָפּגעשפּיגלט אין דעם וואַסער־גערונצל פון ים, האָבן זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן אין אַן אומאויפהערלעכער באַוועגונג, פול מיט לעבעדיקער פרייד. די זון איז געווען גליקלעך דערמיט, וואָס זי האָט געלויכטן; דער ים — וואָס ער האָט אָפּגעשפּיגלט איר טריומפירנדיקע שיין.

דער ווינט האָט צערטלעך געגלעט די מעכטיקע אַטלאַסענע ברוסט פון דעם ים, די זון האָט זי געוואַרעמט מיט אירע הייסע שטראַלן און דער ים, זיפצנדיק פאַרהדעמלט אונטער דער צאַרטער קראַפט פון די האָויקע לאַסקעס, האָט דורכגעזאַפּט די הייסע לופט מיט דעם געזאַלצענעם אַראָמאַט פון זיינע אויסדעמפונגען. די גרינלעכע כוואַליעס האָבן, אַרויפלויפנדיק אויף דעם געלן זאַמד, אַוואָרף געטאָן אויף אים דעם ווייסן שוים פון זייערע הערלעכע

גריוועס. מיט אַ שטילן קלאַנג איז ער צעגאַנגען, געוואָרן אויף דעם הייסן זאַמד און האָט אים געמאַכט פייכט.

דער שמאָלער און לאַנגער ערד־פּאַס איז געווען ענלעך צו אַ גוואַלטיק־גרויסן טורעם, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם ברעג אין ים אַריין. אַריינגעשטאָכן זיך ווי אַ שאַרפע שפּילקע אין דער אומענדלעכער וואַסער־וויסטעניש, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט דער זון, האָט ער אין דער ווייטקייט, וואו די טריבע און צעגליטע פינסטערניש האָט פאַרדעקט די ערד, פאַרלאָרן זיין פונדאַמענט. פון דאָרטן איז מיטן ווינט געקומען אָנצופליען אַ שווערער ריח, וואָס איז דאָ, צווישן דעם וויסטן, קלאָרן ים, אונטער דעם בלויען, קלאָרן הימל־צודעק, געווען אומפאַרשטענדלעך און באַליידיקנדיק.

אין דעם זאַמד פון דעם ערד־פּאַס, וואָס איז געווען באַזייט מיט שופּן פון פיש, זיינען געווען אַריינגעשטעקט הילצערנע פלעקער, און אויף זיי זיינען געהאַנגען די פישנעצן, אָפּוואַרפנדיק פון זיך אַ שאָטן פון דינעם שפּינוועבס. עטלעכע גרויסע און איין קליין שיפל זיינען געשטאַנען אין אַ ריי אויפן זאַמד, און די כוואַליעס, וואָס זיינען אָנגעלאָפן אויפן ברעג, האָבן זיי אַזוי ווי געלאָקט צו זיך. האַקנשטאַנגען, רודערס, גרויסע קנוילן שטריקלעך, קערב און פעסער האָבן זיך אין אומאָרדענונג געוואַלגערט אויפן ערד־פּאַס, און צווישן זיי האָט זיך דערהויבן דאָס הייזל, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון ווערבע־קאָרע און ראָגאָזשעס. פאַר דעם אַריינגאַנג אין הייזל האָבן אויף אַ סוקעוואַטן שטעקן געשטאַרצט מיט די זוילן אין הימל אַריין פילצענע שטיוול. און איבער דעם גאַנצן כאַאָס האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער פלאָקן מיט אַ רויטן טיכל אויף זיין עק, וואָס האָט געפלאַטערט אויפן ווינט.

אין שאָטן פון אַ שיפל איז געלעגן וואַסילי לעגאָסטיעוו, דער וועכטער אויפן ערד־פּאַס, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם פאָרפּאָסטן פון די פיש־געווערבן פון דעם סוחר גרעבענטשיקאָוו. געלעגן איז ער אויף דער ברוסט און אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די דלאָניעס פון די הענט, האָט ער דורכדרינגלעך געקוקט אין דער ווייט פון ים, אויף דעם קוים זעענדיקן קליינעם שטיקעלע ברעג. דאָרט, אויפן וואַסער, האָט געשעמערירט אַ קליין שוואַרץ

פינטעלע, און וואַסילין איז געווען אָנגענעם צו זען, ווי עס פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער, דערנענטערנדיק זיך צו אים.

פאַרזשמורענדיק די אויגן צוליב דער בונטער שפּיל פון די זונשטראַלן אויף די כוואַליעס, האָט ער מיט צופרידנקייט געשמייכלט: דאָס פאָרט מאַלוואַ. זי וועט קומען צו פאָרן, וועט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכן, אַז ביי איר וועט זיך די ברוסט תּאווהדיק נעמען וויגן. זי וועט אים אַרומנעמען מיט די שטאַרקע, אָבער ווייכע הענט, וועט אים אָנקושן און וועט הילכיק, דערשרעקנדיק די מעוועס, נעמען ריידן וועגן די נייס דאָרטן, אויפן ברעג. זיי וועלן אויסקאָכן אַ גוטע פישיויך, וועלן טרינקען בראָנפן, זיך אַוואַלגערן אויפן זאַמד, שמועסן און זיך צערטלען ליבשאַפטלעך, און דערנאָך, בעת ס'וועט ווערן פינצטער, וועלן זיי אויפקאָכן אַ טשאַיניקטיי, זיך אָנטרינקען, פאַרבייסן מיט געשמאַקע בייגל און וועלן זיך לייגן שלאָפן... אַזוי פירט זיך יעדן זונטאָג, יעדער חגא אויף אַ גאַנצער וואָך. גאַנץ פרי וועט ער זי אַוועקפירן אויפן ברעג איבער דעם נאָך שלאָפנדיקן ים אין דער פאַרטאָגיקער פרישער פינצטערניש. זי וועט, דרעמלענדיקערהייט, זיצן אויף דעם הינטערטייל פון שיפל, און ער וועט רודערן און קוקן אויף איר. דעמאָלט ווערט זי קאָמיש, קאָמיש און ליב, ווי אַ זאַטע קאַץ. מעגלעך, אַז זי וועט זיך אַראָפּגליטשן פון בענקעלע אויפן דעק פון שיפל און וועט דאָרט איינשלאָפן, צונויפדרייענדיק זיך אין אַ קניילכל. זי טוט אָפט אַזוי...

אין דעם טאָג זיינען אַפילו די מעוועס אויסגעמאַטערט פון היץ. זיי זיצן רייענווייז אויף דעם זאַמד, פונאַנדערגעעפנט די שנאָבלען און אַראָפּגעלאָזן די פליגלען, אָדער זיי וויגן זיך פויל אויף די כוואַליעס אָן געשרייען, אָן דער פאַר זיי געוויינלעכער רויבדאָרשטיקער אויפגעלעבטקייט.

אונטער דעם הייסן צערטלען פון דער זון הייבט זיך אויף די ברוסט פון ים אַזוי תּאווהדיק און אין לופט איז צעגאָסן אַ פאַרשיכורנדיקע מידקייט...

וואַסילין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין שיפל איז ניט בלויז מאַלוואַ אַליין. ניט שוין-זשע האָט זיך סעריאָזשקע ווידער צו איר צוגעטשעפעט? וואַסילי האָט זיך שווער איבערקערט אויפן זאַמד,

האָט זיך געזעצט און פֿאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט די אויגן, האָט ער מיט אַן אומצופֿרידנקייט אין האַרצן גענומען קוקן, ווער פֿאָרט דאָרטן נאָך? מאַלוואַ זיצט אויפֿן הינטערשטן טייל און פֿירט אָן מיטן שטייער-רודער. דער רודערער — איז ניט סעריאָזשקע, ער רודערט שטאַרק, אָבער אומגעלומפּערט, און מיט סעריאָזשקען וואָלט מאַלוואַ ניט געהאַלטן דעם שטייער-רודער.

— העי! — האָט אומגעדולדיק אַ געשריי געטאָן וואַסילי.

די מעוועס אויפֿן זאַמד האָבן אַ ציטער געטאָן און זיינען געוואָרן וואַכזאַם.

— העי-העי... האָט זיך פֿון שיפֿל דערהערט דער קלינגענדיקער קול פֿון מאַלוואַ.

— מיט וועמען ביסטו דאָרטן?

אַלס ענטפֿער האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער.

— טייוול! — האָט זיך וואַסילי ניט הויך געזידלט און האָט אַ שפּיי געטאָן.

אים האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, ווער פֿאָרט עס דאָרטן און ער האָט, פֿאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, עקשנותדיק געקוקט אויף דעם קאַרק און רוקן פֿון דעם רודערער, וואָס האָבן זיך שנעל דערנענטערט צו אים. דער הילכיקער פּאַטש פֿון וואַסער דערטראָגט זיך אין דער לופֿטן אונטער די שטאַרקע קלעפּ פֿון די רודערס און דער זאַמד סקריפּעט אונטער די באָרוועסע פֿיס פֿון דעם וועכטער, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער אומגעדולדיקער נייגעריקייט.

— ווער איז עס דער, וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אַ געשריי געטאָן, בעת ער האָט דערזען דעם באַקאַנטן שמייכל אויף מאַלוואַס שיין און פֿול געזיכט.

— אָט וואַרט אַ ווײַלע... וועסט אפֿשר דערקענען!... האָט זי זיך אָפּגערופֿן מיט אַ געלעכטער.

דער רודערער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום ברעג און האָט, אויך לאַכנדיק, אַ קוק געטאָן אויף וואַסילין.

דער וועכטער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען, וועלנדיק דערמאָנען זיך, ווער איז דער דאָזיקער בחור, וואָס איז אים עפּעס אַזוי זוי באַקענטלעך.

— גיב אַ שטאַרקן קלאַפּ! — האָט באַפוילן מאַלוואַ.

פון האַסט איז דאָס שיפל כמעט אויף אַ העלפט אַרויסגעקראָכן אויפן זאַמד צוזאַמען מיט דער כוואַליע און, אַ וויג געטאָן זיך אויף אַ זייט, איז עס געבליבן שטיין, און די כוואַליע האָט זיך, לאַכנדיק, אַוועקגעקייקלט צוריק אין ים אַריין. דער חודרער איז אַרויסגעשפרונגען אויפן ברעג און, גייענדיק צו וואַסילין, האָט ער געזאָגט:

— שלום-עליכם, פאָטער!

— יאַקאָוו! — האָט פאַרשטיקט אויסגעשריען וואַסילי, מער איבערראַשט, איידער דערפרייט.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך דריי מאָל צעקושט אין די ליפּן און אין די באַקן, און נאָכדעם האָט זיך אויף וואַסילס געזיכט דער חידוש צונויפגעמישט מיט פרייד און מיט פאַרלעגנהייט.

— אָט דאָס קוק איך... און דאָס האַרץ עפּעס... קאָכט... אַך, הו... ווי אַזוי טוסטו דאָס? נאַ-דיר גאָר! און איך קוק — סעריאָזשקאַ? ניין, כ'זע, ניט סעריאָזשקאַ! — ערשט — דאָס ביסטו!

וואַסילי האָט מיט איין האַנט געגלעט די באָ"ד, און מיט דער צווייטער האָט ער געפּאָכט אין דער ליפּטן. אים האָט זיך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מאַלוואַן, נאָר אין זיין געזיכט האָבן זיך איינגעגעסן די שמייכלענדיקע אויגן פון דעם זון, און אים איז געוואָרן אומבאַקוועם פון זייער גלאַנץ. דאָס געפיל פון אייגענער צופרידנקייט, וואָס ביי אים איז אַזאַ געזונטער און שיינער זון, האָט זיך אין אים געראַנגלט מיט דעם געפיל פון פאַרלעגנהייט, וואָס די געליבטע געפינט זיך דאָ. ער האָט, שטייענדיק פאַר יאַקאָוון, געביטן די פיס און האָט אים נאָכאַנאַנד באַשאָטן מיט פראַגן, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפער. ביי אים אין קאָפּ האָט זיך עפּעס אַלץ אַזוי צונויפגעפּלאָנטערט און דערהויפּט איז אים געוואָרן ניט גוט, בעת ס'האָבן זיך דערהערט די איראָנישע רייד פון מאַלוואַן:

— אָבער גענוג שוין צו דרייען זיך... פון פרייד! פיר אים אין ביידל און זיי אים מכבד...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר. אויף אירע ליפּן האָט געשפּילט אַ חוזק-שמייכל, וואָס איז אים ווידער ניט געווען באַקאַנט, און אינגאַנצן אַ קיילעכיקע, אַ ווייכע און אַ פרישע, איז זי אין דער

זעלבער צייט געווען עפּעס אַ נייע, פּונקט ווי אַ פֿרעמדע. זי האָט אָפּגעווענדט אירע גרינגלעכע אויגן פֿון דעם פֿאָטער אויף דעם זון און האָט געקנאַקט קערלעך פֿון קאַזוענע מיט די ווייסע און קליינע ציינער. יאַקאָוו האָט זי אויך באַטראַכט מיט אַ שמייכל, און אַלע דריי האָבן געשוויגן עטלעכע סעקונדעס, וואָס זיינען פֿאַר וואַסלין געווען אומאָנגענעם.

— איך קום תּיכּף! האָט זיך וואַסילי פּלוצלינג גענומען אײַלן, לאָזנדיק זיך אין בײַדל. — איר גייט אָקאָרשט אַוועק פֿון דער זון, און איך וועל אָנשעפּן וואַסער, — מוזעל גיין... מיר וועלן קאָכן פֿיש־זייך! איך וועל דיך, יאַקאָוו, אָנקאָרמען מיט זייך! איך... אָרדנט זיך דאָ אײַן, און איך קום די מינוט...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פֿון דער ערד לעבן בײַדל אַ קעסעלע, איז שנעל ערגעץ אַוועק אין די נעצן און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין דער גרינער מאַסע פֿון זייערע פֿאַלבן.

מאַלוואַ מיט איר זון זיינען אויך אַוועק צום בײַדל

— נו, אָט האָב איך דיך, וואַסילער חברה־מאַן, טאַקע געבראַכט צום פֿאָטער, — האָט געזאָגט מאַלוואַ, באַקוקנדיק פֿון דער זייט מיט אַן אויספֿאָרשנדיקן בליק די פֿעסט־געבויטע פֿיגור פֿון יאַקאָוו.

ער האָט אומגעקערט צו איר זיין געזיכט, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ געקרייזלטער טונקל־בלאָנדער באָרד און, אַ בליץ טוענדיק מיט די אויגן, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, געקומען צו פֿאָרן... דאָ איז אָבער גוט... וואָס פֿאַר אַ ים!

— אַ ברייטער ים... נו, וואָס... דער פֿאָטער האָט זיך שטאַרק געעלטערט?

— ניין, נישקשה. איך האָב געמיינט — ער איז געוואָרן גרויער, ערשט ביי אים איז גאָר ווייניק גרויע האָר... און אַזוי איז ער אינגאַנצן... אַ פֿעסטער...

— וויפֿיל צייט, זאָגסטו, האָט איר זיך ניט געזען?

— אַ יאָר פֿינף אפֿשר... בעת ער איז אַוועק פֿון דאָרף — איז מיר דערמאָלט געגאַנגען דאָס זיבעצנטע יאָר...

זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין בײַדל, וואו ס'איז געווען דושנע און פון די ראָגאָזשעס האָט געשמעקט מיט געזאַלצענע פיש, און האָבן זיך דאָרטן געזעצט: יאַקאָוו — אויף אַ דיק אָפּגעזעגט שטיקל קלאָץ, מאַלוואַ — אויף אַ קופּע זעק: צווישן זיי איז געשטאַנען אַ פעסל, אַ איבערגעשניטענע אויף דער העלפט, וואָס איר דעק האָט וואַסילין געדינט פאַר אַ טיש.

אײַנגעזעצט זיך, האָבן זיי שווײַגנדיק און שאַרף אָנגעקוקט איינע די אַנדערע.

— הייסט עס, דו ווילסט דאָ אַרבעטן? — האָט געפרעגט מאַלוואַ.

— אָט וועגן דעם... ווייס איך ניט... אײב ס'וועט זיך וואָס עס-איז געפינען — וועל איך בלײַבן.

— בײַ אונז וועט זיך געפינען — האָט מיט זיכערקייט פאַרשפּראָכן מאַלוואַ, אַליץ טאַפּנדיק אים מיט אירע גרינע, רעטעניש-פיל-פאַרזשמורעטע אויגן.

ער ווידער האָט אויף איר ניט געקוקט און האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל פון העמד זײַן שווייסיק געזיכט..

פּלוצלונג האָט זי זיך צעלאַכט.

— די מאַמע האָט, מסתמא, געשיקט מיט דיר דעם מאַטן פאַראָרדענונגען און גרוסן?

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט קורץ געזאָגט:

— נו געווים... וואָס?

— אָט גאָרנישט! — האָט זי געלאַכט.

איר געלעכטער איז יאַקאָוון ניט געפעלן געוואָרן — ער האָט אַזוי ווי געריצט זיך מיט אים. יאַקאָוו האָט זיך אָפּגעקערט פון דער האָזיקער פּרוי און האָט זיך דערמאָנט אָן די פאַרזאָגן פון דער מוטער.

באַגלייטנדיק אים ביזן עק דאָרף, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן פּלויט און האָט שנעל גערעדט און האָט דערבײַ אָפט געפינטלט מיט די טרוקענע אויגן:

— זאָג אים, יאַשאַ... ווי גוט איז דיר ליב, זאָג אים—ער איז דאָך אַ פאָטער! די מוטער איז דאָרטן איינער אַליין... פּנק

יאָר זיינען אַוועק, און זי איז אַליין אַליין! זי ווערט דאָך עלטער!..
זאָג אים, יאַקאָוואָניו, למען השם, די מיטער וועט באַלד ווערן אַלט... אַליין אַליין, אַליין! אַליין אין דער אַרבעט. ווי גאָט איז דיר ליב, זאָג דאָס אים...

און נאָכדעם האָט זי זיך צעוויינט אָן ווערטער, באַהאַלטנדיק דאָס געזיכט אין פאַרטעך.

דעמאָלט האָט אויף איר יאַקאָוו ניט געהאַט קיין רחמנות, און איצט האָט ער אויף איר געקראָגן רחמנות... און אַ קוק געטאָן אויף מאַלווען, האָט ער שטרענג אַ פיר געטאָן מיט די ברעמען און איז גרייט געווען זי שטאַרק אויסצווידלען.

— נו, אָט בין איך, אויך! — האָט אויסגעשריען וואַסילי, אַריינקומענדיק אין ביידל מיט אַ צאַפּלדיקער פיש אין איין האַנט און מיט אַ מעסער — אין דער צווייטער.

ער האָט זיך שוין אַן עצה געגעבן מיט זיין פאַרלעגנהייט, באַהאַלטנדיק זי טיף אין זיך, און איצט האָט ער אויף זיי געקוקט צופרידן און רויק, בלויז אין זיינע באַוועגונגען האָט זיך באַוויזן אַ שמייעניש, וואָס איז ניט געלעגן אין זיין נאַטור.

— אָט וועל איך באַלד פונאַנדערלייגן אַ פייער... און וועל קומען צו אייך און... מיר וועלן שמועסן! יאָ! אַך, יאַקאָוו. אַ? וואָס פאַר אַ פיינער יונג דו ביסט געוואָרן!

און ער איז ווידער אַוועק פונם ביידל.

מאַלוואַ האָט ניט אויפגעהערט צו קנאַקן קע לעך, האָט אָן צערעמאָניעס באַטראַכט יאַקאָוון, און ער האָט זיך געפלייסט ניט צו קיקן אויף איר, הגם אים האָט זיך דאָס זייער געוואָלט, און האָט געטראַכט פאַר זיך:

— „און דאָ, ווייזט אויס, לעבט מען גוט, זאַט... וואָס פאַר אַ גלאַטע שטיק זי איז, און דער פאָטער אויך".

דערנאָך, אַזוי ווי דאָס שווייגן האָט אים געשטערט, האָט ער געזאָגט אין דער הויך:

— געלאָזן דעם קלומעק אין שיפל... מ'דאַרף גיין אָפּנעמען! אויפגעהויבן זיך פאַמעלעך פון אָרט, איז ער אַרויסגעגאַנגען,

און נאָך אים איז וואַסילי אַריין אין בײדל און, אָנגעבויגן זיך צו מאַלוואַן, האָט ער גענומען ריידן גיך און מיט רוגזה:

— נו, צו וואָס ביסטו געקומען מיט אים? וואָס קען איך אים וועגן דיר זאָגן? וואָס ביסטו מיר?

— געקומען און שוין! — האָט קורץ געזאָגט מאַלוואַ.

— עך, די... אומפאַרשטאַנדיקע פרויענצימער! שפּאַניס זאַ'ך אים... צו וואָס? וואָס וועל איך איצט טאָן? אַזוי אָפּן אים אײַנזאָגן און... תיכף... און ביי מיר איז דאָך פאַראַן אַ ווייב אין דער היים! זיינע אַמוטער, האָסטו דאָך עס באַדאַרפט באַרעכענען!

— זייער נייטיק דאַרף איך באַרעכענען! כ'האָב דען מורא פאַר אים? צי פאַר דיר? — האָט זי געפרעגט, זשמורענדיק מיט גרינגשעצונג אירע גרינע אויגן — און ווי דו האָסט עס פאַר אים אָט ערשט אַרומגעטאַנצט! אָט איז געווען צום לאַכן.

— דיר איז געווען צום לאַכן! און ווי וועט מיר זיין?

— וואָלסט בעסער וועגן דעם פרייער געדאַרפט טראַכטן!

— כ'האָב דען געוואוסט, אַז דער ים וועט אים אַזוי פּלוצלונג אַהער אָנטראָגן? דער זאַמד האָט געסקריפּעט אונטער יאַקאָווס פיס, און זיי האָבן איבערגעריסן דעם געשפּרעך. יאַקאָו האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גרינג קלומעקל, האָט אים אַוואָרף געטאָן אין ווינקל און האָט קרום, ניט מיט קיין גוטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי.

זי האָט מיט חשק געקנאַקט אירע קערלעך, און וואַסילי האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם אָפּגעהאַקטן שטיקל קלאָץ, האָט מיט די הענט אָפּגעווישט די קני און מיט אַ פאַלאָנעם שמייכל גענומען ריידן:

— איז אָט, הייסט עס, ביסטו געקומען... ווי אַזוי איז דאָס דיר געקומען אויפן רעיון?

— אָט אַזוי... מיר האָבן דיר געשריבן...

— ווען? כ'האָב קיין שום בריוו ניט באַקומען!...

— נו? און מיר האָבן געשריבן...

— ווייזט אויס, ער איז פאַרלאָרן געגאַנגען, דער בריוו, —

האָט זיך וואַסילי געקלערט. — זעסט, דער טייוול זאָל אים נעמען... אַז גראָד בעת מ'דאַרף אים האָבן — איז ער פאַרלאָרן געגאַנגען...

— הייסט עס, דו ווייסט ניט פון אונזערע עסקים? האָט יאַקאָוו געפרעגט — און האָט מיט אומצופרידן אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער.

— פון וואַנען? כ'האָב קיין בריוו ניט דערהאַלטן!

דעמאָלט האָט אים יאַקאָוו דערציילט, אַז ביי זיי איז אַוועקגעפאַלן דאָס פערד, דאָס גאַנצע ברויט האָבן זיי אויפגעגעסן נאָך אין אָנהייב פעברואַר; קיין פאַרדינסטן זיינען ניט געווען. קיין היי האָט אויך ניט געקלעקט, די קו איז שיער ניט אַוועקגעפגרט פון הונגער. ביז אַפּריל האָבן זיי זיך ווי עס איז הורכגעשלאָגן, דערנאָך האָבן זיי באַשלאָסן אַזוי: נאָך דער צייט פון אַקערן זאָל יאַקאָוו פאָרן צום פאָטער, אויף אַרבעט, אויף אַ חדשים דריי. ווען דעם האָבן זיי אים געשריבן, דערנאָך האָבן זיי פאַרקויפט הדיי שעפסן, געקויפט ברויט און היי, און אָט איז יאַקאָוו געקומען צו פאָרן.

— אַזוי גאָר! — האָט אויסגעשריען וואַסילי — יאָ.. און... וויזשע האָט איר... כ'האָב אייך דאָך געשיקט געלט...

— גרויסע געלט? מ'האָט פאַרריכט די שטוב... מאַרייען אויסגעגעבן... כ'האָב געקויפט אַן אַקער... ס'איז דאָך שוין פינף יאָר... אַ היפשע צייט אַריבער!

— יאָ-אָ! ניט געקלעקט, הייסט עס? אַזוי איז די מעשה... אָבער די פיש-זיך וועט ביי מיר אויסלויפן! — ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַרויסגעגאַנגען פון בוידל.

אַוועקגעזעצט זיך אויף די קני פאַר דעם פייער, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען דאָס קעסעלע, וואָס האָט ערשט גענומען זידן און האָט אַרויסגעוואָרפן דעם שוים אין פייער אַריין, האָט זיך וואַסילי פאַרטראַכט. דאָס אַלץ, וואָס דער זון האָט אים דערציילט, האָט אים ניט גערירט באַזונדערס, נאָר האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן אומאָנגענעם געפיל צו דער ווייב און צו יאַקאָוון. וויפיל געלט האָט ער זיי איבערגעשיקט פאַר די פינף יאָר, און זיי האָבן זיך אַלץ קיין עצה ניט געקענט געבן מיט דערווירטשאַפט. ווען ניט מאַלוואַ, וואָלט ער עפעס געזאָגט יאַקאָוון. אויף אייגענעם באַראָט, אָן דעם פאָטערס ערלויבעניש, אַוועקצוגיין פון דאָרף — אויף דעם האָט

האָט בײַ אים געקלערט שׂכל — און אײַנפּאַרען זיך מיט דער ווירטשאַפט האָט ער ניט געקענט. און די האָזיקע ווירטשאַפט, אָן וועלכער וואַסילי האָט, לעבנדיק ביז היינטיקן טאָג אַ באַקוועם און לײַכט לעבן, זיך זעלטנווען דערמאָנט, האָט אים איצט דערמאָנט וועגן זיך, ווי וועגן עפּעס אַ ניט־נייטיקע זאַך, אַ איבעריקע, אין זײַן לעבן. ער האָט אָפּגעזיפֿצט און האָט געמישט מיט דעם לעפֿל די יויך אין קעסל.

אין דעם גלאַנץ פֿון דער זון האָט דאָס קלײנע געלבלעכע פֿײַער פֿון דעם שײַטערהויפֿן אויסגעזען אַזוי עלנט, אַזוי בלייך. בלויע און דורכזיכטיקע שטרעמלעך רויך האָבן זיך געצויגן פֿון דעם שײַטערהויפֿן צו דעם ים, אַנטקעגן די שפּריצן פֿון די כוואַליעס. וואַסילי האָט נאָכגעקוקט נאָך זיי און האָט געטראַכט וועגן דעם זון, וועגן מאַלווען און וועגן דעם, וואָס מיט יאַקאָווס קומען וועט אים זײַן ערגער צו לעבן, ניט אַזוי פֿרײַ, ווי איצט... יאַקאָוו האָט זיך באַשטימט אָנגעשטויסן, ווער די האָזיקע מאַלווע איז...

און זי איז געזעסן אין בײַדל, ברענגענדיק אין פֿאַרלעגנהייט דעם בחור מיט אירע אויפֿרײַצנדיקע, אַרויסרו[illegible]יקע אויגן, און וועלכע ס'האָט אָן אויהער געשפּילט אַ שמייכל..

— ס'קען זײַן, דו האָסט, אפֿשר, אין דאָרף אַ כּלה געלאָזן? — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, כאַפּנדיק אַ קוק אויף יאַקאָווס געזיכט.

— אפֿשר האָב איך געלאָזן, — האָט יענער געענטפֿערט אָן חשק.

— אַוודאי אַ שיינע, וואָס? — האָט זי מיט ביטול געפֿרעגט. יאַקאָוו האָט געשוויגן.

— וואָס שווײַגסטו? אַ בעסערע פֿון מיר אָדער ניט?

ער האָט זיך ניט ווילנדיק אײַנגעקוקט אין איר געזיכט. די באַקן זײַנען בײַ איר געווען פֿאַרברײַנטע, פֿולע, די ליפּן זאַפֿטיקע, און איצט, אויף דער העלפֿט אויפֿגעעפֿנטע פֿון דעם אויסרײַצנדיקן שמייכל, האָבן זיי אויפֿגעציטערט. די ראָזע סיצן קאָפּטל איז אויף איר זעלטן גוט געלעגן און האָט אָפּגעצייכנט די קײַלעכיקע אַקסלען און די הויכע בויגעוודיקע ברוסט. אָבער אים זײַנען

ניט געפעלן געוואָרן אירע כיטרע צוגעזשמורעטע, גרינע לאַכנדיקע אויגן.

— צו וואָס זאָגסטו עס אַזוי, — האָט ער, אָפּזיפּצנדיק צוליב־עפּעס, געזאָגט צו איר מיט אַ בעטנדיקן קול, הגם ער האָט געוואָלט ריידן מיט איר שטרענג און ערנסט.

— און ווי דאַרף מען ריידן? — האָט זי זיך צעלאַכט.

— און אָט לאַכסטו נאָך... פון וואָס?

— פון דיר לאַך איך...

— נו, וואָס בין איך חיר? — האָט ער פאַרשעמט און באַליידיקט געפרעגט און האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אונטער דער ווירקונג פון איר בליק.

זי האָט אים ניט געענטפערט.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס זי איז דעת פאָטער, און דאָס האָט אים געשטערט צו ריידן מיט איר פריי. דאָס דאָזיקע אָנשטויסן זיך האָט אים ניט איבערראַשט: ער האָט געהערט, אַז אויף די אַרבעטן, אויף וועלכע מ׳גייט אַוועק ווייט פון דאָרף, זיינען די מענטשן שטאַרק צעלאָזן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ געזונטן מענטשן, ווי זיין פאָטער, וואָלט געווען שווער אָפּצולעבן אַזוי פיל צייט אָן אַ פריי. אָבער דאָך איז אים געווען אומאָנגענעם אַז פאַר איר אַז פאַר דעם פאָטער. און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין מוטער — אַן אויסגעמאַטערטע, אַ וואָרטשעוודיקע, וואָס אַרבעט אָן אָפּרו, דאָרטן, אין דאָרף...

— פאַרטיק דאָס יאַיכל! — האָט וואַסילי געמאָלדן, אַריינקומענדיק אין ביידל. — זיך אָקאָרשט אוים די לעפל, מאַלוואַ!

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און האָט אַ טראַכט געטאָן:

— קענטיק, אַז זי איז ביי אים גאַנץ אָפט, אויב זי ווייס, וואו ס׳ליגן די לעפל!

געפינענדיק די לעפל, האָט זי געזאָגט, אַז מ׳דאַרף זיי גיין אויסוואַשן צום ים און אַז אין דעם הינטער־טייל פון שיף ליגט ביי איר בראָנפן.

דער פאָטער מיטן זון האָבן נאָכגעקוקט נאָך איר, ווי זי איז

אַוועקגעגאַנגען, און האָבן, בלײבנדיק אויג אויף אויג, אַ ביסל געשוויגן.

— ווי אַזוי האָסטו זיך מיט איר געטראָפן? — האָט געפרעגט וואַסילי.

— כ'האָב זיך געפרעגט אויף דיר אין קאָנטאָר, און זי איז דאָרטן געווען... און זי זאָגט: צו וואָס, זאָגט זי, דאַרפסטו גיין צו פוס איבערן זאַמד, לאָמיר בעסער פאָרן מיט אַ שיפל, איך דאַרף אויך צו אים. אָט אַזוי זיינען מיר געקומען צו פאָרן.

— יאָ־אָ... און איך פלעג אַמאָל טראַכטן: — ווי זעט עס איצטער אויס מיין יאַקאָוו.

דער זון האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן אין דעם פאָטערס פנים, און דער האָזיקער שמייכל האָט וואַסילין צוגעגעבן דרייסטקייט.

— נישקשה... האָט אומבאַשטימט געזאָגט יאַקאָוו, געבנדיק אַ פינטל מיט די אויגן.

— קיין טייוול קען דערצו ניט העלפן, ברודער־לעבן! — האָט אויסגעשריען וואַסילי, פאָכנדיק מיט די הענט. — תחילת האָב איך געליטן... כ'קען ניט! אַ רגילות... כ'בין אַ באַווייבטער מענטש. ווידער האָט זעלבע, אַז זי פאַרריכט די קליידער, אַז פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן... און בכלל... עד־מאַ! פון ווייבער, ווי פון טויט — וועסטו זיך אין ערגעץ ניט אויסבאַהאַלטן! — האָט ער אויפריכטיק פאַרענדיקט זיין ערקלערונג.

— וואָס אַרט עס מיך? — האָט געזאָגט יאַקאָוו. דאָס איז דיין עסק, איך בין דיר ניט קיין שופט.

און ביי זיך האָט ער געטראַכט:

— אַזאַ־אָ דאַרף דיר שוין... די פלוידערן פאַרריכטן...

מיר איז אינגאַנצן פינף־און־פערציק יאָר... הוצאות פאַלט אויף איר ווייניק, זי איז האָך מיינע ניט קיין ווייב... — האָט געזאָגט וואַסילי.

— נאַטירלעך... — האָט אים אונטערגעבאַמקעט יאַקאָוו און האָט געטראַכט: — און פונדעסטוועגן רייסט זי דיך, נישקשה, פאַר די פאָלעס!

מאַלוואַ איז געקומען מיט אַ פּלעשל בראָנפֿן און אַ קרענצל בייגל אין די הענט און זיי האָבן זיך געזעצט עסן די פּיש-יויך. געגעסן האָבן זיי שווייגנדיקערהייט, די ביינער האָבן זיי הויך אויסגעסמאָקטשעט און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון מויל אויפֿן זאַמד צום טיר צו. יאַקאָוו האָט געגעסן אַ סך און זשעדנע; מאַלוואַן איז דאָס משמעות געפֿעלן געוואָרן: — זי האָט ליבלעך געשמייכלט, ווענדיק, ווי עס בלאָזן זיך אָן זיינע אָפּגעברענטע באַקן און ס'באַוועגן זיך שנעל זיינע גרויסע פֿייכטע ליפּן. וואַסילי האָט שלעכט געגעסן, נאָר ער האָט זיך געפֿלייסט צו ווייזן, אַז ער איז זייער פֿאַרנומען מיט דעם עסן, — דאָס איז פֿאַר אים נייטיק געווען צוליב דעם, כּדי אָן שטערעניש, אומבאַמערקט פֿאַר דעם זון און מאַלוואַן, אַרומצוטראַכטן זיין באַציונג צו זיי...

די פֿריילעכע און צאַרטע מוזיק פֿון די כוואַליעס האָבן איבערגעהאַקט די רויבעראָרשטיקע און טריומפֿירנדיקע געשרייען פֿון די מעוועס. די היץ איז געוואָרן ווייניקער ברענענדיק און טיילמאָל איז שוין אין ביידל געקומען אָנצופֿליען אַ קילער שטראָם לופֿט, דורכגעזאַפּט מיט דעם אויפֿמונטערנדיקן ריח פֿון ים.

נאָך דער געשמאַקער פּיש-יויך און עטלעכע פּאָרציעס בראָנפֿן, זיינען זייערע אויגן געוואָרן צעמישט. ער האָט נאַריש אָנגעהויבן צו שמייכלען, צו שלוקערצן, אונטערצוגענעצן און אַזוי צו קוקן אויף מאַלוואַן, אַז וואַסילי האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו זאָגן אים:

— דו, יאַשינקע, לייג זיך דאָ צו דערוויילע, ביז טיי-טרינקען... דערנאָך וועלן מיר דיך אויפֿוועקן.

— דאָס קען מע—ן... האָט יאַקאָוו מסכּים געווען, אַ פֿאַל געבנדיק אויף די זעק פֿון די ראָגאָזשעס. — אין וואו גייט איר? כאַ-כאַ!

וואַסילי, אַ פֿאַרווירטער פֿון זיין געלעכטער, איז אַיילנדיקערהייט אַרויסגעגאַנגען, און מאַלוואַ האָט פֿאַרבויגן די ליפּן, אַראָפּגערוקט די ברעמען און געענטפֿערט יאַקאָוון:

— וואו מיר וועלן גיין — איז ניט דיין זאַך! וואָס ביסטו, וואָס? דו ביסט נאָך אַ בעקל, אָט וואָס דו ביסט, בחורל!... און זי איז אַוועק.

— איך? וואיל! — האָט יאַקאָוו איר נאָכגעשריען. — וואַ-אַ-רט... כאַ, כאַ,כאַ! איך וועל דיר באַווייזן! רעכט! אָט וואָס דו ביסט... מאַמזעל...

ער האָט נאָך אַ ביסל געוואָרטשעט און איז איינגעשלאָפן מיט אַ שיכורן און זאַטן שמייכל אויף דעם צעהיצטן פּנים.

וואַסילי האָט אַריינגעשטעקט אין דער ערד דריי האַקנשטאַנגען, האָט פאַראייניקט זייערע איבערשטע שפּיצן, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי אַ מאַטע און, מאַכנדיק אויף אַזאַ פּשוטן אופן אַ שאָטן, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף אים, פאַרלייגט די הענט הינטערן קאָפּ און געקוקט אין הימל. בעת מאַלוואַ איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן זאַמד לעבנאַנאַנד מיט אים, האָט ער אומגעקערט זיין פּנים צו איר, און זי האָט אויף אים דערזען באַליידיקונג און אומצופרידנקייט.

— וואָס, אַלטיטשקער? — האָט זי געפרעגט און זיך צעלאַכט. — וואָס, פּרייסט זיך ווייניק מיטן זון?

— אָט ער... ער לאַכט פון מיר... און צוליב וואָס? אַלץ צוליב דיר... דאָס בייז געזאָגט וואַסילי.

— נו! צוליב מיר? — האָט זי זיך שאַלקהאַפטיק געחידושט.

— ווי־זשע דען? אַוודאי...

— אַך, אָרעמינקער, וואָס דו ביסט! וואָס־זשע איז איצטער? ניט גיין צו דיר? אַ? נו... כ'וועל ניט גיין...

— אָהאָ, וואָס פאַר אַ מכשפה דו ביסט! — האָט זי וואַסילי געטאַדלט. — עך, מענטשן וואָס איר זייט! ער לאַכט, און דו איך... און איר זייט דאָך מיר די סאַמע נאָענטסטע מענטשן! פאַר וואָס־זשע לאַכט איר? שדים! — ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר אָן אַ זייט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און אַרומנעמענדיק מיט די הענט אירע קני, האָט זי פאַמעלעכינקעם געוויגט איר קערפּער, הורכדרינגלעך קוקנדיק מיט די גרינע אויגן אויף דעם בליצנדיקן, פריילעכן ים, און האָט געשמייכלט מיט איינעם פון יענע טריומפירנדיקע שמייכלען, וואָס זיינען אַזוי

פֿיל פֿאַראַן בײַ יעדער פּרי, וואָס באַגרײַפֿט דעם כּוח פֿון איר שײנקײט.

אַ זעגל־שיף האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער, ווי אַ גריסע אומגעלומפּערטע פֿײגל מיט גראָע פֿליגלען. די שיף איז געווען ווײט פֿון ברעג און איז געגאַנגען נאָך ווײטער, דאָרט, וווּ דער ים האָט זיך צונױפֿגעגאָסן מיטן הימל אין אײן גאַנצס, — אין אַ בלויער אומענדלעכקײט, וואָס האָט געלאָקט צו זיך מיט איר פֿײערלעכער שטילקײט.

— וואָס שווײגסטו? — האָט געפֿרעגט וואַסילי.

— כ'טראַכט... האָט געזאָגט מאַלוואַ.

— וועגן וואָס אַ שטײגער?

— אַזוי זיך... — האָט זי אַ פֿיר געטאָן מיט די ברעמען, געשוויגן אַ ווײַלע, האָט זי צוגעגעבן: — אַזון האָסטו — אַ בריה אַ יונג...

— וואָס האָט עס צו דיר? — האָט אײפֿערזיכטיק אויסגעשריען וואַסילי.

— אָט מאַלע וואָס...

— די!... — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפֿן בליק, פֿול מיט פֿאַראַכטונג. — דו מאַך זיך ניט נאַריש! איך בין אַפֿילו אַ הײקער מענטש, זאָלסט מיך אָבער ניט רײצן... יאָ!

ער האָט צענױפֿגעקוועטשט די צײנער און צונױפֿגעפּרעסט די ליפּן, און האָט ווײטער געזאָגט:

— ווי דו ביסט נאָר הײנט געקומען, האָסטו תּיכּף אָנגעהויבן צו שפּילן אין עפּעס... איך פֿאַרשטײ דאָס נאָך ניט... נאָר געדענק, כ'וועל כאַפּן, וועט דיר זײן ניט פֿרײלדיק! און כאַראַ שמײכעלעך דו האָסט... און נאָך אַזעלכע זאַכן... כ'ווײס איך, ווי צו באַגײן זיך מיט אַײערער אַ שוועסטער... ווי־נאָר עפּעס...

— און דו, וואַסיאַ, שרעק מיך ניט... — האָט זי גלײכגילטיק און ניט קוקנדיק אויף אים אַ בעט געטאָן.

— אַדרבא! טרײַב־זשע ניט קײן שפּאַס...

— און דו שרעק אָקאָרשט ניט...

— כ'וועל געבן אַ הרגע, ווען דו וועסט נעמען באַלעווען... — האָט געזאָגט וואַסילי, ווערנדיק בייז.

— וועסט שלאָגן? — האָט זי זיך צו אים אומגעקערט און האָט געקוקט מיט נייגעריקייט אין זיין אויפגערעגטן פּנים.

— און וואָס ביסטו דאָס פֿאַר אַ גרעפֿין? כ'וועל טאַקע מכבד זיין...

— וואָס בין איך דיר — אַ ווייב, צי וואָס? האָט דייטלעך און רויק ביי אים געפֿרעגט מאַלוואַ און, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין ענטפֿער, האָט זי ווייטער גערעדט: — געוווינט צו שלאָגן דאָס ווייב אָן שום סיבות, מיינסטו מיט מיר אויך אַזוי צו באַגיין זיך? נו, ניין. איך בין אַ פֿרייע. איך בין פֿאַר זיך אַליין אַ פּריצטע און האָב פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט. און דו אָט — האָסט מורא פֿאַר דײַן זון; שוין לאַנג, ווי דו האָסט פֿאַר אים גענומען אַרומטאַנצן — אַ חרפּה! און דו דראָעסט נאָך מיך!

זי האָט מיט פֿאַראַכטונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אירע קאַלטע, ביטולדיקע ווערטער האָבן דערשטיקט וואַסילים צאָרן. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שיינע, און האָט זיך געוואונדערט, קוקנדיק אויף איר.

— זי האָט זיך צעלאָזט, זיך צעקראַקעט... — האָט ער געזאָגט, בייזערנדיק זיך אויף איר און אָנקוועלנדיק פֿון איר.

— און נאָך אַ זאַך וועל איך דיר זאָגן. דו האָסט זיך באַרימט פֿאַר סעריאָזשקען, אַז אָן דיר בין איך, ווי אָן ברויט, און קען ניט לעבן! אומזיסט מיינסטו עס... אפֿשר האָב איך ניט דיך גאָר ליב און ניט צו דיר גיי איך, נאָר כ'האָב ליב בלויז דאָס דאָזיקע אָרט... זי האָט ברייט אַ פֿיר געטאָן מיטן האַנט אַרום זיך. — אפֿשר געפֿעלט מיר דאָס, וואָס דאָ איז פּוסט — ים און הימל און קיין שום געמיינע מענטשן זיינען דאָ ניטאָ. און דאָס, וואָס דו ביסט דאָ — דאָס איז מיר גאַנץ גלייך... דאָס איז אַ מין אָפּצאָל פֿאַרן אָרט... וואָלט געווען סעריאָזשע — וואָלט איך צו אים געגאַנגען, וועט זיין דיין זון — וועל איך צו אים גיין... נאָר נאָך בעסער וואָלט געווען, אַז פֿון אייך וואָלט אינגאַנצן קיינער ניט געווען... איר דייט מיר נמאס געוואָרן!... נאָר אייב מיר וועט זיך פֿאַרוועלן — וועל

איך שטענדיק מיט מיין שיינקייט זיך קענען אויסקלייבן אַזאַ פֿייער, וועלכן איך וועל דאַרפֿן... און איך בין מיט דיר ניט קיין פּאָר...

— אָט—ווי—י—י?! — האָט וואַסילי מיט ווילדער בייזקייט אַ צישע געטאָן און האָט זי פֿלוצלונג אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַלז. איז אַזוי גאָר הייסטו עס?

ער האָט זי אַ טרייסל געטאָן, נאָר זי האָט זיך גיט געווערט, הגם איר געזיכט האָט זיך גערייטלט און די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. זי האָט, פּשוט, אַוועקגעלייגט אירע ביידע הענט אויף זיין האַנט, וואָס האָט געשטיקט איר האַלז, און האָט אים מיט עקשנות געקוקט אין געזיכט.

— איז אָט־וואָס אין דיר זיצט? — האָט וואַסילי געכריפּעט, ווערנדיק אַלץ ווילדער. — און האָסט געשוויגן, הינטישע פֿעל איינע... און האָסט אַרומגענומען... און האָסט מיך געלאַשטשעט... איך וועל דיר שוין געבן!

ער האָט זי צוגעבויגן צו דער ערד און מיט הנאה אַ זעץ געטאָן איר איבערן האַלז איינמאָל... צווייטמאָל... מיט שווערע קלעפּ פֿון דער פֿעסט צונויפֿגעפּרעסטער פֿויסט. אים איז געווען אָנגענעם, ווען זיין האַנט, האָט צעוויגנדיק זיך, געטראָפֿן אין איר פֿולער בויגעוודיקער האַלז.

— נאַ—דיר... וואָס, שלאַנג?... האָט ער טריומפֿירנדיק ביי איר געפֿרעגט און האָט זי אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך.

זי האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן, אַ שווייגנדיקע און אַ רויקע, איז זי אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן רוקן, אַ צעשויבערטע, אַ רויטע און דאָך אַ שיינע. אירע גרינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים פֿון אונטער די וויעס און האָבן געברענט מיט קאַלטן פֿאַרכטיקן האַס. אָבער ער האָט, אָנבלאָזנדיק זיך פֿון אויפֿרעגונג און אָנגענעם באַפֿרידיקט מיטן אויסגאַנג פֿון זיין רציחה, ניט געזען איר בליק, און בעת ער האָט מיט טריומף און מיט פֿאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אויף איר — האָט זי שטיל געשמייכלט.

תּחילת האָבן אירע פֿולע ליפּן קוים־קוים אַ ציטער געטאָן, דערנאָך האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן, אויף אירע באַקן האָבן זיך

באַווײַזן גריבעלעך און זי האָט זיך צעלאַכט. וואַסילי האָט אַ איבערראַשטער געקוקט אויף איר, ווי זי האָט געלאַכט אַזוי הויך און צופֿרידן, פּונקט ווי ער וואָלט זי ניט געשלאָגן.

— וואָס איז דיר... טײַוול! — האָט ער גראָב אַ צי געבנדיק זי פֿאַרן האַנט, אַ געשריי געטאָן מיט שרעק.

— וואַסקע!... דאָס האָסטו מיך געשלאָגן? האָט זי שעפּמשענדיק אַ פֿרעג געטאָן.

— נו, איך... ווער־זשע דען? — ער האָט אויף איר געקוקט, ניט פֿאַרשטייענדיק גאָרנישט און ניט געוואוסט, וואָס זאָל ער איצט טאָן? זאָל ער איר אפֿשר נאָך אַמאָל שלאָגן? נאָר דער כּעס איז שוין פֿון אים אַוועק און זײַן האַנט האָט זיך ניט איפּגעהויבן אויף איר.

— הייסט עס, דו האָסט מיך ליב? — האָט זי ווידער געפֿרעגט, און פֿון איר שעפּטשען איז אים געוואָרן הייס.

— רעכט... טײַוול! — האָט ער בייז געזאָגט. — ניט אַזוי האָט מען דיך נאָך באַדאַרפֿט!

— וואַסקע! איך האָב דאָך געמיינט, אַז דו האָסט שוין מיך ניט ליב... איך טראַכט: אָט איצט איז צו אים געקומען צו פֿאָרן דער זון... וועט ער מיך דורכטרייבן צוליב דעם זון....

און זי האָט אַלץ געלאַכט מיט אַ מאָדנעם, צו־הויכן געלעכטער.

— נאַרעלע — האָט וואַסילי געזאָגט און האָט זיך ניט ווילנדיק צעלאַכט. דער זון... וואָס איז ער מיר פֿאַר אַ אײַנווייזער?

אים איז געוואָרן מיאוס פֿאַר איר און ער האָט אויף איר געקראָגן מיטלייד, נאָר דערמאָנענדיק זיך אָן אירע רייד, האָט ער ווידער גענומען ריידן שטרענג:

— דער זון האָט צו דעם קיין שייכות ניט... און דאָס, וואָס איך האָב דיך געשלאָגן, ביסטו אַליין שולדיק, צו וואָס האָסטו מיך גערייצט?

— דאָס האָב איך דאָך געטאָן בכּיוון... געפּרוּווט דיך... — און אַ שמייכל געטאָן באַגליקט, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים מיט איר פּלייצע.

און ער האָט קרום אַ קוק געטאָן צו דער זייט פון ביידל און האָט זי אַרומגענומען.

— עך ח... האָסט אויסגעפּרוּווט! וואָס איז צו פּרוּוון? אָט האָסטו זיך דערפּרוּווט.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט מיט זיכערקייט געזאָגט מאַלווע, זשמורענדיק די אויגן, — איך בין ניט אין כּעס... פון ליבשאַפט האָסטו דאָך עס געשלאָגן? און איך וועל דיר דערפאַר באַצאָלן...— זי האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין פּנים אַריין, האָט אַ ציטער געטאָן און, אָנהייבנדיק ריידן שטילער, האָט זי איבערגעחזרט: אָך! וועל איך עס באַצאָלן!

און די דאָזיקע ווערטער האָט וואַסילי דערהערט אַ צוזאָג, וואָס איז אים געווען אָנגענעם, דער דאָזיקער צוזאָג האָט אים אָנגענעם איבערגערעגט, און שמייכלענדיק ציפּיידן, האָט ער געפרעגט:

— ווי?... אַנו?!

— דו וועסט זען, האָט רויק געזאָגט מאַלווע, זייער רויק, נאָר די ליפּן האָבן ביי איר געציטערט.

— עך, מיין טייערינקע! — האָט אויסגעשריען וואַסילי, שטאַרק דריקנדיק זי מיט די הענט פון אַ פאַרליבטן. — דו ווייסט, אַז ווען איך האָב דיר אָנגעשלאָגן, ביסטו מיר געוואָרן טייערער! מיט אַן אמת! נעענטער... אָדער ווי?

די מעוועס זיינען געפלויגן איבער זיי. דער מילדער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן פון ים די שפּריצן פון די כוואַליעס כמעט לעבן זייערע פיס, און דער ניט אויפהערנדיקער געלעכטער פון ים האָט כּסדר געקלונגען....

— עך, אונזערע עסקים—האָט וואַסילי פריי אָפּגעזיפצט, צערטלענדיק פאַרטראַכטערהייט די פרוי, וואָס האָט זיך צו אים געטוליעט.— און ווי אַליין איז דאָס אַזוי איינגעאָרדנט אויף דער וועלט: דאָס, וואָס מ'טאָר ניט, דאָס איז זיס. אָט דו פאַרשטייסט גאָרניט... און איך פאַרטראַכט זיך אַמאָל וועגן לעבן. ס'נעמט אַפילו דורך אַ גרויל. דערהויפּט ביינאַכט... בעת עס שלאָפט זיך ניט... פאַראויס פאַר דיר זעסטו אַ ים, איבער דיר אַ הימל, אָבער אַרום און אַרום דיר, איז אַזוי פינסטער, אימהדיק... און דו ביסט דאָ איינער אַליין. און

דעמאָלט ווערסטו בײַ זיך אַלײן אַזוי קלײן־קלײן און ס׳דוכט זיך, אַז די ערד שאָקלט זיך אונטער דיר און אױסער דיר איז אױף איר קײנער ניטאָ. ווען דו וואָלסט כאָטש דעמאָלט געווען... פֿאָרט זאַלבענאַנד...

מאַלוואַ האָט פֿאַרמאַכט די אױגן, איז געלעגן בײַ אים אױף די קני און האָט געשוויגן. וואַסילי׳ס גראָבלעך, אָבער גוט געזיכט, וואָס איז פֿרײַן געוואָרן פֿון דער זון און פֿון ווינט, האָט זיך אַרײַנגעבױגן איבער איר און זײַן גרױסע אָפּגעבליאַקעוועטע באָרד האָט איר געקיצלט אין האַלז. די פֿרױ האָט זיך ניט באַוועגט, בלױז די ברוסט אירע האָט זיך געהױבן הױך און גלײַך. וואַסילי׳ס אױגן האָבן דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן ים, דאָ אָפּגעשטעלט זיך אױף דער האָויקער ברוסט, וואָס איז געווען אַזױ נאָענט צו אים. און ער האָט איר דערצײלט, ווי אומעטיק ס׳איז צו לעבן אײנער אַלײן און ווי פֿײַנלעך עס זײַנען די שלאָפֿלאָזע נעכט, פֿול מיט פֿינסטערע מחשבֿות וועגן לעבן. דערנאָך האָט ער לאַנגזאַם גענומען קושן איר אין די ליפּן, און האָט געשמאָקעט מיט זײַנע ליפּן אַזױ שטאַרק, גלײַך ער האָט געגעסן הײסע און מיט אַ סך פֿוטער דורכגעפּעטשטע קאַשע.

אַ שעה דרײַ האָבן זײ דאָ פֿאַרבראַכט, און בעת די זון האָט זיך שױן גענומען זעצן אין ים, האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַן אומעטיקער שטים:

— נו, כ׳וועל גײן מאַכן טײ... באַלד וועט זיך אױפֿכאַפּן דער גאַסט. מאַלוואַ האָט מיט אַ פֿױלער באַוועגונג פֿון אַ צעפּעסטעטער קאַץ אָפּגערוקט זיך אָן אַ זײַט, און ער איז אױפֿגעשטאַנען אָן חשק און איז אַוועק צום בײדל. די פֿרױ האָט, קױם אױפֿהײבנדיק די ברעמען, נאָכגעקוקט, ווי ער גײט אַוועק און האָט געטאָן אַזאַ זיפֿץ, ווי עס זיפֿצן מענטשן פֿון אַ שווערער משא, וואָס האָט זײ פֿאַרמאַטערט.

ס׳איז אַוועק אַן ערך נאָך אַ שעה צײַט, און אַלע דרײַ זײַנען שױן געזעסן אַרום פֿײַער, לעבן דעם זידנדיקן טשאַײניק און האָבן געטרונקען טײ און געשמועסט.

די זון האָט שױן באַפֿאַרבט דעם ים מיט די לעבעדיקע פֿאַרבן פֿון דעם זונפֿאַרגאַנג, און די גרינלעכע כוואַליעס האָבן אונטער דער

בישופדיקער קראַפט פון זיינע שטראַלן געבלאַנקט מיט פורפור און מיט צאַרטן רויזנקאָליר.

זשלאָקנדיק פון אַ ווייסן לימענעם טעפּעלע טיי, האָט וואַסילי פינאַנדערגעפרעגט דעם זון וועגן דאָרף און האָט זיך אַליין וועגן אים דערמאָנט. ניט אַריינמישנדיק זיך, האָט מאַלוואַ געהערט זייער שמועס, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעוויקלט.

— זיי לעבן זיך, הייסט עס, די פּויערלעך?

— לעבן זיך דורך ווי עס איז... האָט יאַקאָוו געענטפערט.

— אַ סך דאַרף דען אונזערער אַ ברודער האָבן? אַ כאַטע און ברויט צו זאַט... און אין אַ יום־טוב אַ גלאָז בראַנפן... נ—יאָ, נאָר דאָס האָבן מיר דאָך אויך... כ'וואָלט דען אַוועק אַהער, ווען מ'וואָלט געקענט דורכשפּייזן זיך אין דער היים? אין דאָרף בין איך אויך זיך אַליין אַ באַלעבאָס, אַ מענטש מיט אַלעמען גלייך... און דאָ בין איך — אַ משרת...

— דערפאַר איז דאָ זאַטער און די אַרבעט איז לייכטער...

— נו דאָס דאַרפסטו אויך ניט זאָגן! ס'טרעפט אַמאָל אַזוי, אַז אַלע ביינער ברעכן, אַזוי ווי צעקוועטשטע... און דער עיקר, דאָ אַרבעטסטו דאָך פאַר אַ פרעמדן, און דאָרטן פאַר זיך אַליין.

אָבער דו אַרבעטס אויס מער — האָט רויק געענטפערט יאַקאָוו.

אינעווייניק אין האַרצן האָט וואַסילי מסכים געווען מיט די מאָטיוון פון דעם זון: — אין דאָרף איז סיי דאָס לעבן, סיי די אַרבעט שווערער, איידער דאָ, — אַוודאי; אָבער אים האָט זיך צוליב עפּעס ניט געוואָלט, אַז יאַקאָוו זאָל דאָס וויסן. און ער האָט האַרב געזאָגט:

— דו האָסט געציילט דעם היגן פאַרדינסט? אין דאָרף, ברודער...

— פּונקט ווי אין אַ גרוב — אי פינסטער, אי ענג... — האָט מאַלוואַ שפּאָטיק געשמייכלט. — און דערהויפּט דאָס לעבן פון דער פרוי — איז גאָלע טרערן.

— דאָס לעבן פון דער פרוי איז אומעטום גלייך... און די־

וועלט איז אומעטום גלייך, איין זון... — האָט זיך אָנגעברוגזט וואַסילי, אַ קוק געטאָן גענבדיק אויף איר.

— נו, דאָס זאָגסטו שוין אַליין! — האָט זי אויסגעשריען, ווערנדיק אויפגעלעבט. און דאַרף, צי איך וויל, צי איך וויל ניט, חתונה האָבן מוז איך. און אַ פרוי אַ חתונה געהאַטע — איז אַן אייביקער קנעכט: שנייד און שפּין, גיב אַכטונג אויף די בהמות און האָב קינדער... וואָס־זשע בלייבט איבער פאַר איר אַליין? בלויז דעם מאַנס קלעפּ און די זידלערייען...

— ניט בלויז קלעפּ... האָט איר איבערגעשלאָגן וואַסילי.

— און דאָ בין איך — האָט זי, ניט הערנדיק אים, ווייטער גערעדט, — קיינעמס ניט. פריי, ווי די מעווע! וואוהין איך וויל, אַהין פלי איך! קיינער פאַרשטעלט מיר ניט דעם וועג... קיינער רירט מיך ניט אָן!...

— און אַז מ׳וועט אָנרירן? — האָט מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ דערמאָנענדיקן טאָן געפרעגט וואַסילי.

— נו... איך וועל זיך שוין אָפּרעכענען! — האָט זי שטיל געזאָגט, און אירע צעברענטע אויגן האָבן זיך פאַרלאָשן.

וואַסילי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ לייטזעליקן געלעכטער.

— עך דו... ביסט אַ פלינקע, אָבער אַ שוואַכע! ווייבערשע רייד רעדסטו. און דאַרף איז די פרוי אַ נייטיקער מענטש אין לעבן... און דאָ לעבט זי בלויז אויף צו באַלעווען זיך... און געשוויגן אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן: — אויף זינד...

בעת זייער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן, האָט יאַקאָוו, אַ זיפּץ געבנדיק פאַרטראַכטערהייט, געזאָגט:

— און ס׳איז, דוכט זיך, גאָר קיין סוף ניטאָ צו דעם דאָזיקן ים...

אַלע דריי האָבן שווייגנדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם מדבר, וואָס איז געלעגן פאַר זיי.

— ווען דאָס אַלץ וואָלט אָבער געווען ערד! — האָט אויסגעשריען יאַקאָוו, אַ מאַך טוענדיק ברייט מיט דער האַנט. — און נאָך שוואַרצע ערד!... און מ׳וואָלט דאָס נאָך צעאַקערט!!

— אָהאָ! — האָט זיך וואַסילי גוטמוטיק צעלאַכט און זיך

אײַנגעקוקט מיט צעשטױמונג אין דעם זונס געזיכט, װאָס איז אַפֿילו רױט געװאָרן פֿון דער קראַפֿט פֿון דעם אױסגעדריקטן פֿאַרלאַנג. אים איז אָנגענעם געװען צו הערן אין דעם זונס װערטער די ליבשאַפֿט צו דער ערד, און ער האָט אַטראַכט געטאָן, אַז די דאָזיקע ליבשאַפֿט װעט, אפֿשר, אײניקן און מיט עקשנות רופֿן יאַקאָװן פֿון די אַלטע שטרײַפֿלונגען פֿון דעם פֿרײַען פֿישער־לעבן צוריק אין דאָרף אַרײַן. און ער װעט בלײַבן דאָ מיט מאַלװאַן און אַלײן װעט גײן אױפֿן אַלטן דרך....

— דאָס האָסטו, יאַקאָװ, גוט געזאָגט! אַ פּױער דאַרף אַזױ רײדן. אַ פּױער איז שטאַרק נאָר דורך דער ערד: כּל־זמן ער זיצט אױף איר — לעבט ער, אָבער װי נאָר ער האָט זיך פֿון איר אָפּגעריסן — איז ער אַ פֿאַרפֿאַלענער! אַ פּױער אָן ערד, איז װי אַ בױם אָן װאָרצלען: אין דער אַרבעט טױג ער, אָבער לעבן לאַנג קען ער ניט — ער פֿױלט! און זײַן װאַלד־שײנקײט פֿאַרמאָגט ער שױן ניט — אַן אַרומגעפֿליקטער איז ער, אַן אַרומגעצופּטער, ניט קײן אָנזעעװדיקער!... דאָס האָסטו, יאַקאָװ, זײער ריכטיקע רײד געזאָגט...

און אַרײַננעמענדיק די זון אין זײַנע טיפֿענישן, האָט דער ים זיך באַגעגנט מיט אַ פֿרײַנדלעכער מוזיק פֿון דעם פּאַטשן פֿון די כװאַליעס, װאָס דײנען מיט אירע לעצטע שטראַלן געװען אײַנגעצירט אין װאונדערלעכע, זעלטן רײַכע פֿאַרבן־שאַטירונגען. דער געטלעכער קװאַל פֿון ליכט, װאָס באַשאַפֿט לעבן, האָט זיך דאָ געזעגנט מיטן ים מיט דער שײנער האַרמאָניע פֿון זײַנע פֿאַרבן, כּדי ערגעץ־װײַט פֿון די דרײַ מענטשן, װאָס האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט, אױפֿצװעקן די פֿאַרשלאָפֿענע ערד מיט דעם פֿרײלעכן גלאַנץ פֿון אױפֿגאַנג.

— מיר צעגײט ממש דאָס האַרץ, בעת איך זע, װי די זון פֿאַרגײט... באמונה, אױף מײַן װאָרט! — האָט געזאָגט װאַסילי, װענדנדיק זיך צו מאַלװאַן.

זי האָט ניט געענטפֿערט. יאַקאָװס בלױע אױגן האָבן געשמײכלט, בלאָנדזשענדיק אין דער װײַט פֿון ים. אַ לאַנגע צײַט האָבן אַלע דרײַ פֿאַרטראַכט געקוקט אַהין, װוּ ס'האָבן זיך געלאָשן די לעצטע מינוטן פֿון דעם דאָזיקן טאָג. פֿאַר זײ האָבן געטליעט די־

קוילן אונטער דעם טשייניק טיי. הינטער זיי האָט די נאַכט שוין פונאַנדערגעוויקלט איבערן הימל אירע שאָטנס. דער געלער זאַמד איז געוואָרן אַלץ טונקעלער, די מעוועס זיינען ערגעץ־וואו אַנטרונען געוואָרן, — אַלץ אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, טרוימעריש־ליב... און אַפילו די ניט שטילווערנדיקע כוואַליעס האָבן, אָנ־לויפנדיק אויפן זאַמד פון דעם ערד־פּאַס, שוין ניט אַזוי פריילעך און רוישיק געקלונגען, ווי בייטאָג.

— וואָס זיצן איך? — האָט געזאָגט מאַלוואַ. — מ'דאַרף גיין.

וואַסילי האָט זיך אַ קרים געגעבן און האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון.

— וואו איילסטו זיך? — האָט ער אומצופרידן אַ מורמל גע־טאָן. וואַרט־צו... באַלד וועט אויפגיין די לבנה...

— וואָס איז מיר די לבנה? כ'האָב אַזוי אויך קיין מורא ניט... ס'איז מיר ניט דאָס ערשטע מאָל אַוועקצוגיין פונדאַנען ביינאַכט!

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און האָט פאַרזשמורעט די אויגן, באַהאַלטנדיק דאָס שמייכעלע, וואָס האָט אַ בליץ געטאָן אין זיי; דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מאַלוואַן, — זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף אים, — און אים איז געוואָרן אומ־באַקוועם.

— נו, מילא. גיי... — האָט וואַסילי ערלויבט, אַן אומ־צופרידענער און אַן אומעטיקער.

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געזעגנט און איז לאַנגזאַם אַוועק פאַזע ברעג פון דעם ערד־פּאַס, און די כוואַליעס האָבן, אונטערקייקלענדיק זיך אונטער אירע פיס, אַזוי ווי קאָקעטירט מיט איר. אין הימל האָבן זיך ציטעריק געצונדן די שטערן — די גאָלדענע בלומען זיינע. מאַלוואַס העל קאָפטל האָט, בעת זי האָט זיך דערווייטערט פון וואַסילין און זיין זון, וואָס האָבן זי באַגלייט מיט די אויגן, אין דער פינצטערניש אָנגעוואָרן זיין קאָליר.

— ליבסטער מיין... גיכער קום!
און נעם מיך שטאַרק און פעסט אַרום!

האָט מאַלוואַ אויף אַ הויכן און שאַרפן קול אָנגעהויבן צו זינגען.

וואַסילין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרט. ער האָט מיט פאַרביטערונג אַ שפּיי געטאָן, טראַכטנדיק: דאָס טוט זי בכּיוון... זי רייצט מיך, דער טייוול!

— וואָס זאָגסטו! זי זינגט... האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

זי האָט אין זייערע אייגן אויסגעזען בלויז, ווי אַ גרוי פּינטעלע אין דער פינסטער.

מיינע בריסט, ווי שוואַנען צוויי,
נאָר צו דיר געהערן זיי.

האָט זיך צעטראָגן איבערן ים איר שטים.

— הערסט! — האָט אויסגעשריען יאַקאָוו און האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַ צי געטאָן אַהין, פונוואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די פאַרפירערישע קולות.

— הייסט עס, דו האָסט זיך דאָרטן מיט דער ווירטשאַפט ניט געקענט איינפאָרען? — האָט זיך דערהערט וואַסיליס בייזער און געדיכטער קול.

— יאַקאָוו האָט מיט פאַרחידושונג אַ קוק געטאָן אויף אים און אָנגענומען די פריערדיקע פּאָזע.

דערטרינקען ווערנדיק אין דעם רויש פון די כוואַליעס, איז צו זייער געהער דערגאַנגען איינצעלנע, צעפּליקטע ווערטער פון דעם אויפרייצנדיקן ליד.

...אַך, איך קען ניט, ניין
..צו שלאָפן היינט אַליין!

— היים! — האָט טרויעריק אויסגעשריען וואַסילי, פאָרענדיק זיך אויפן זאַמד. — ס׳איז דאָך שוין נאַכט... און ס׳איז היים! אָט אָט אַ פאַרפלוכטער קאַנט...

— דאָס איז... דער זאַמד... האָט זיך אָנגעוואַרעמט פאַרן טאָג... האָט, אָפּקערנדיק זיך אָן אַ זייט און אַזוי ווי שטאַמלענדיק, געזאָגט יאַקאָוו.

— וואס מיינסטו עס?... די לאכסט עס מסתמא! — האט שטרענג געפרעגט דער פאטער.

— איך? האט אומשולדיק געפרעגט יאקאוו. — פון וואס זאל איך לאכן?

— אט דאס זאג איך דאך, ס'איז דאכט זיך ניטא פון וואס...

און זיי זיינען אנטשוויגן געווארן.

און דורך דעם רויש פון די כוואליעס איז צו זיי דערפלויגן אזוי ווי דימצן, אדער אזוי ווי שטילע, צערטלעך־רופנדיקע געשרייען.

ס'זיינען אריבער צוויי וואכן, און ווידער איז געווען זונטאג, און ווידער האט וואסילי לאגאסטיעוו, ליגנדיק אויפן זאמד לעבן זיין בוידל, געקוקט אין ים אריין און געווארט אויף מאלווא. און דער וויסטער ים האט געלאכט, שפילנדיק זיך מיט דער אפגעשפיגלטער זון, און לעגיאנען כוואליעס זיינען געבארן געווארן, כדי ארויפלויפן אויפן זאמד, א ווארף טאן אויף אים דעם שוים פון זייערע גריוועס, צוריק אפקייקלען זיך אין ים און צעגאנגען ווערן אין אים. — אלץ איז געווען פונקט אזוי, ווי מיט פערצן טעג צוריק. בלויז וואסילי, וואס האט פריער געווארט אויף זיין געליבטער מיט רויִקער זיכערקייט, האט אויף איר היינט געווארט מיט אומגעדולד. דעם פאריקן זונטאג איז זי ניט געווען — היינט מוז זי שוין זיין. ער האט ניט געספקט, אז זי וועט קומען, נאר אים האט זיך געוואלט וואס גיכער זי זען. יאקאוו וועט דיר היינט ניט שטערן: אייערנעכטן איז ער געקומען צו פארן נאך דער נעץ צוזאמען מיט אנדערע ארבעטער און האט געזאגט, אז זונטאג אינדערפרי וועט ער גיין אין שטאט קויפן זיך העמדער. ער האט זיך אנגעדונגען אין א פישערארטעל פאר פינצן רובל א חודש. שוין עטלעכע מאל איז ער געפארן אויף דעם פישפאנג און איצט האט ער אויסגעזען געזונט און פריילעך. פון אים, ווי פון אלע ארבעטער, האט געשמעקט מיט געזאלצענע פיש און ער איז, אזוי ווי אלע, געווען שמוציק און אפגעריסן. וואסילי האט א זיפץ געטאן ביי דעם געדאנק וועגן דעם זון.

— ער זאָל כאָטש דאָ בלייבן גאַנץ... ער וועט ווערן צעלאָזן... דעמאָלט וועט ער שוין גאָרניט וועלן צוריק אין דאָרף זיין... און איך וועל אַליין דאַרפן גיין...

אַריבער מעוועס, איז אין ים קיינער ניט געווען. דאָרט, וואו דער ים האָט זיך אָפּגעטיילט פון הימל מיט דעם דינעם פּאַס זאַמדיקן ברעג, האָבן זיך טיילמאָל אויף דעם פּאַס באַוויזן קליינינקע, שוואַרצע פּינטעלעך, האָבן זיך באַוועגט איבער אים און זיינען פאַרשוואונדן. און דאָס שפּיל איז אַליין ניט געווען, הגם די שטראַלן פון דער זון פאַלן אין ים כמעט שטייליק. אין דער צייט פלעגט שוין מאַלוואַ דאָ לאַנג זיין.

צוויי מעוועס זיינען אַראָפּגעפאַלן איינע אויף די אַנדערע אין דער לופט און רייסן זיך אַזוי, אַז די פעדערן פליען פון זיי. פאַרביטערטע געשרייען פליקן דאָס פריילעכע ליד פון די כוואַליעס, וואָס איז אַזוי באַשטענדיק, אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דער פייערלעכער שטילקייט פון דעם שיינענדיקן הימל, אַז עס דוכט זיך אויס, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּקלאַנג פון דער פריילעכער שפּיל פון די זונען־שטראַלן אויף דעם ים־פלאַך. די מעוועס פאַלן אין וואַסער אַריין און שלאָגן דאָרטן איינע די אַנדערע, און שרייען מיט צאָרן פון ווייטאָג און בייזקייט, און הייבן זיך ווידער אויף אין דער לופטן, פאַרפאָלגנדיק איינע די אַנדערע... און זייערע חברטעס — אַ גאַנצע טשאַטע — גלייך זיי זעען ניט די האָזיקע בייזע מלחמה, פאַנגען גיריק פיש און קייקלען זיך אין דעם גרינלעכן, דורכזיכטיקן, שפּילנדיקן וואַסער.

און דער ים איז ווייט. דאָרטן ווייט לעבן ברעג האָט זיך אויף אים ניט באַוויזן דער באַקאַנטער טונקעלער פלעק...

— פאָרכט ניט? — האָט הייך געזאָגט וואַסילי. — נו... איז דאַרף מען ניט! און ווי האָסטו געמיינט?...

און ער האָט מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי געטאָן אין דער ריכטונג צום ברעג.

דער ים האָט געלאַכט.

וואַסילי איז אויפגעשטאַנען און אַוועק אין בידל מיט דער

כּוונה צו קאָכן זיך מיטאָג, נאָר ער האָט דערשפּירט, אַז אים ווילט זיך ניט עסן, האָט ער זיך אומגעקערט אויף דעם אַלטן אָרט און האָט זיך ווידער דאָרטן געלייגט.

— וואָלט כאָטש סעריאָזשקע געקומען צו פֿאָרן! — האָט ער אײַנגעשריען אין געדאַנק און האָט זיך גענומען צו טראַכטן וועגן סעריאָזשקען. — דאָס איז אַ ספּירט אַ יונג. ער לאַכט פֿון אַלעמען, צו אַלעמען קריכט ער מיט די פֿויסטן. אַ געזונטער, אַ קענער, אַ געריבענער... נאָר אַ שיכּור. מיט אים איז פֿריילעך... די ווײַבער פֿירן פֿאַר אים. הגם ער איז דאָ ניט לאַנג געקומען — לויפֿן נאָך אים אַלע נאָך. בלויז מאַלוואַ אַליין האַלט זיך פֿון אים פֿון ווײַטן... זי פֿאָרט ניט אָט. אַ פֿאַרדאַמטע פֿרייענצימער! אפֿשר איז זי אויף אים אין כּעס דערפֿאַר, וואָס ער האָט זי געשלאָגן? נאָר דאָס איז דען אַ נײַס? נישקשה, אַז ס'האָבן איר געשלאָגן אַנדערע. און ער וועט מיר איצט אויך פֿאַרגעבן...

אַזוי אָ, טראַכטנדיק דאָס וועגן דעם זון, דאָס וועגן סעריאָזשקען און מער פֿאַר אַלץ וועגן מאַלוואַן, האָט זיך וואַסילי געפּאָרעט אויפֿן זאַמד און אַלץ געוואַרט. די אומרויִקע שטימונג איז בײַ אים אומבאַמערקט אַריבער אין אַ טונקעלן פֿאַרדעכטיקן געדאַנק, נאָר ער האָט אויף אים ניט געוואָלט אָפּשטעלן זיך. און פֿאַרבאָרגנדיק פֿון זיך זײַן חשד, האָט ער פֿאַרבראַכט די צײַט ביז אָוונט, דאָס אײַפּשטייענדיק, דאָס אַרומגייענדיק איבערן זאַמד, דאָס ווידער לייגנדיק זיך. דער ים איז שוין טונקל געוואָרן, און ער האָט אַלץ געקוקט אין זײַן ווײַטקייט, און האָט געוואַרט אויפֿן שיפֿל.

נאָר מאַלוואַ איז דעם טאָג ניט געקומען.

לייגנדיק זיך שלאָפֿן, האָט וואַסילי מיט אַ טרויעריקן געמיט געשאָלטן בײַ זיך אין האַרצן זײַן שטעלע, וואָס ערלויבט אים ניט אַוועקצוגיין אויפֿן ברעג, און אײַנשלאָפֿנדיק, איז ער אָפּטמאָל אויפֿגעשפּרונגען — אין דרעמל האָט ער געהערט, ווי ערגעץ־ווײַט פּאַטשן רודערס. דעמאָלט האָט ער די האַנט צוגעשטעלט צו זײַנע אויגן אַזוי ווי אַ דאַשעק און האָט געקוקט אין דעם טונקעלן טריבן ים.

אױפֿן ברעג. אױף דעם פֿיש־געװערב האָבן געברענט צװײ שײטערס, און אױפֿן ים איז קײנער ניט געװען.

— װאַרט־זשע, מכשפֿה! — האָט װאַסילי געדראָט — און דערנאָך איז ער אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ שװערן שלאָף.

און אױף דעם פֿיש־געװערב האָט אין דעם טאָג אָט־װאָס פּאַסירט.

יאַקאָװ איז אױפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, בעת די זון האָט נאָך ניט געברענט אַזױ הײס, און פֿון ים האָט געבלאָזן אַ מונטערע פֿרישקײט. ער איז אַרױס פֿון באַראַק צום ים אײַנװאַשן זיך און צוגײענדיק צום ברעג, האָט ער דערזען מאַלװאַן. זי איז געזעסן אױפֿן הינטערשטן טײל פֿון אַ גרױסן באַרקאַס, װאָס איז צוגעשװאומען צום ברעג, און, אַראָפּגעלאָזן איבערן באָרט די נאַקעטע פֿיס, האָט זי געקעמט אירע פֿײַכטע האָר.

יאַקאָװ האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט גענומען קוקן אױף איר מיט פֿאַרליבטע אױגן.

איר סיצן קאָפֿטל, װאָס איז ניט געװען פֿאַרשפּיליעט אױף דער ברוסט, איז בײַ איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אײן אַקסל, און דער אַקסל איז געװען אַזאַ װײַסער, אַזאַ געשמאַקער

אין דעם הינטער־טײל פֿון דעם באַרקאַס האָבן געשלאָגן די כװאַליעס, און מאַלװאַ האָט זיך דאָ אױפֿגעהױבן איבערן ים, דאָ אַראָפּגעלאָזן אַזױ נידעריק, אַז אירע נאַקעטע פֿיס האָבן זיך אָנגערירט אָן דעם װאַסער.

— געבאָדן זיך, נײן? — האָט צו איר אַ געשרײ געטאָן יאַקאָװ.

זי האָט צו אים אַ קער געטאָן דאָס פּנים, האָט געכאַפּט אַ קוק אױף די פֿיס און, װידער קעמענדיק די האָר, האָט זי געענטפֿערט:

— געבאָדן זיך... װאָס האָסטו זיך אַזױ פֿרי אױפֿגעהױבן?

— אָט האָסטו זיך נאָך פֿריער...

— װאָס גלײַכסטו זיך צו מיר?

יאַקאָװ האָט ניט געענטפֿערט.

— אָ? וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע דו ביסט! — האָט ער זיך צעשמייכלט און, צוזעצנדיק זיך אויף די קני, האָט ער זיך גענומען וואַשן.

— וועסט לעבן אויף מיין שטייגער — וועט דיר זיין שווער צו טראָגן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען...— האָט זי געזאָגט.

אָנשעפּנדיק דאָס וואַסער אין די הויפּנס, האָט ער זיך געפּלוכעט אין פּנים אַריין און האָט געשפּירט אַ פֿרישקייט. דערנאָך האָט ער, אָפּווישנדיק זיך מיטן ברעג העמד, געפֿרעגט מאַלאַן:

— פֿאַרוואָס דראָעכסטו מיר אַלץ?

— און דו פֿאַרוואָס גלאָצסטו אויף מיר מיט די אויגן?

יאַקאָוו האָט ניט געדענקט, אַז ער זאָל אויף איר האָבן געקוקט מער, איידער אויף אַנדערע פֿרויען, נאָר איצט האָט ער איר פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— אַז דו ביסט דאָך אַזאַ אַפּעטיטלעכע!

— וואַרט אָקאָרשט, דער פֿאָטער וועט זיך דערוויסן פֿון די דאָזיקע חפציות דיינע — וועט ער דיר שוין אָנאַפּעטיטעווען אין קאַרק!

זי האָט כיטרע און אויפֿרייצנדיק געקוקט אים אין פּנים אַריין.

יאַקאָוו האָט זיך צעלאַכט און איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן באַרקאַס. ער האָט אייגנטלעך ניט פֿאַרשטאַנען, וועגן וועלכע חפציות זיינע רעדט זי, נאָר אַז זי רעדט, מסתּמא האָט ער אויף איר שטאַרק געקוקט. און אים איז צוליב־עפּעס געוואָרן אָנגענעם און פֿריילעך.

— וואָס איז דער פֿאָטער? — האָט ער גערעדט, גייענדיק צו איר איבערן אויבערדעק פֿון באַרקאַס. — וואָס ביסטו זיינע אַ געקויפֿטע, צי וואָס?

אַוועקזעצנדיק זיך אין איין ריי מיט איר, האָט ער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר נאַקעטן אַקסל, אין איר האַלבאַנטבלויזטער ברוסט, אין איר גאַנצער פֿיגור — אַ פֿרישע און אַ געזונטע, וואָס האָט געשמעקט מיט ים.

— אָט ביסטו דאָס... אַ געשמאַקע שטיק! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַנטציקונג, באַטראַכטנדיק זי אויספֿירלעך.

— ניט פאַר דיר... — האָט זי קורץ געמאָלדן, ניט קוקנדיק אויף אים און ניט צורעכט מאַכנדיק איר אָפּענעם אָנצוג.

יאַקאָוו האָט אַ זיפץ געטאָן.

פאַר אים האָט זיך איבערצויגן דער ענדלאָזער ים, באַגאָסן מיט שטראַלן פון דער אינדערפריִקער זון. די קליינע שפּילעוודיקע כוואַליעס, וואָס ווערן געבאָרן פון דעם מילדן אָטעם פון דעם ווינט, האָבן זיך שטיל אָפּגעשלאָגן אָן דעם באָרטן פון באַרקאַס. ווייט אין ים אַריין האָט זיך, ווי אַ שראַם אויף זיין אַטלאַסענער ברוסט, געזען דער זאַמד-אינזל. פון אים אָבער האָט זיך אין דעם ווייכן באָן פון בלויען הימל אַריינגעשטאָכן אַ פלאָקן, ווי אַ דין שטריכעלע, און ס'איז געווען קענטיק, ווי אויף זיין שפּיץ באָמבלט זיך אַ טיכל איבערן ווינט.

— יאָ, בחורל... האָט מאַלוואַ אָנגעהויבן ריידן, ניט קוקנדיק אויף יאַקאָוון, — איך בין טאַקע געשמאַק, אָבער ניט פאַר דיר... און קיינער האָט מיך אויך ניט געקויפט... און דיין פאָטער בין איך ניט אונטערגעוואָרפן. איך לעב אַליין פאַר זיך.... נאָר דו קריך ניט צו מיר, ווייל איך וויל ניט שטיין צווישן דיר און וואַסילן... קריגן זיך און פאַרשיידענע פּליאָטקעס וויל איך ניט... פאַרשטאַנען?

— וואָס טו איך דען? — האָט זיך יאַקאָוו געחידושט. — איך ריר דיך דאָך ניט... איך מיין דאָס אַזוי זיך!

— רירן מיך וועסטו ניט וואַגן! — האָט געזאָגט מאַלוואַ.

זי האָט עס אַזוי געזאָגט, מיט אַזאַ ביטול צו יאַקאָוון, אַז אין אים איז תיכף באַליידיקט געוואָרן סיי דער מאַנספּאַרשוין, סיי דער מענטש. אַ צאָרנדיק, כמעט בייז געפיל האָט אים באַהערשט, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן.

— אָ? איך וואַג ניט? — האָט ער אויסגעשריען, רוקנדיק זיך צו איר.

— דו וואַגסט ניט!

— נ-נו? און אַז איך וועל אָנרירן?

— ריר!

— איז וואָס וועט זיין?

— וועל איך דיר דערלאַנגען איבער קאַרק, אַז דו וועסט זיך אַריינקייקלען אין וואַסער.

— נו גיב!

— נו ריר!

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט ברענענדיקע אויגן און פּלוצלונג האָט ער זי פעסט אַ כאַפּ געטאָן פון דער זייט מיט שטאַרקע לאַפּעס, האָט איר צונויפגעדריקט די ברוסט און דעם רוקן. פון דעם צורירן זיך צו איר קערפּער, וואָס איז געווען הייס און פעסט, האָט ער זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן און אין האַלז איז אים געוואָרן ענג פון עפּעס אַ שטיקעניש.

— אָט! נו... שלאָג! נו... וואָס?

— לאָז, יאַשקע! — האָט זי רויק געזאָגט, פרווונדיק זיך באַפרייען פון זיינע אויפציטערנדיקע הענט.

— און איבערן קאַרק האָסטו געוואָלט?

— לאָז! געדענק, וועסט ערגער מאַכן!

— נו... סטראַשע מיך ניט! עך דו... מאַלינע!

ער האָט זיך צוגעדריקט צו איר און האָט זיך איינגעזויגן מיט די גראָבע ליפּן אין איר רויטער באַק.

זי האָט אויפרייצנדיק געלאַכט, האָט פעסט געכאַפּט יאַקאָוון פאַר די הענט און האָט זיך פּלוצים, מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג פון איר גאַנצן קערפּער, אַ ריס געטאָן זיך פאַראויס. אַריינגענומען איינער אין דעם צווייטנס אָרעם, האָבן זיי זיך, ווי אַ שווערע מאַסע, אַריינגעוואַלגערט אין וואַסער און זיינען פאַרשוואונדן אין דעם שוים און אין די שפּריצן. דערנאָך האָט זיך אויף דעם צעכוואַליעטן וואַסער באַוויזן יאַקאָווס פייכטער קאָפּ מיטן צעשויאָקענעם געזיכט, און לעבן זיין קאָפּ איז, ווי אַ מעווע, אַרויסגעשוואומען מאַלוואַ. יאַקאָוו האָט פאַרצווייפלט געפּאָכט מיט די הענט, האָט פונאַנדערגעהאַקט לעבן זיך דאָס וואַסער און האָט געוואָיעט. און גערעוועט, און מאַלוואַ איז מיט אַ הויכן געלעכטער געשוואומען אַרום אים, פּלוכענדיק אים אין פּנים אַריין מיט הויפנס געזאַלצן וואַסער. זי האָט זיך אונטערגעטונקט, אויסמיידנדיק דעם ברייטן פּאַך פון זיינע לאַפּעס.

— טייוול! — האָט יאַקאָוו גענומען שרייען, פאַרשקענדיק.— איך טרינק זיך! דאָס וואַסער... איז ביטער... אַך, דו... איך ט—טרינק זיך!

נאָר זי האָט שוין אים געלאָזן און איז מעשה־מאַנסביל, רודערנדיק מיט די הענט, געשוואומען צום ברעג.. דאָרט האָט זי זיך ווידער פלינק אַרויפגעקליבן אויפן באַרקאַס, האָט זיך געשטעלט אויף דעם הינטערשטן טייל און האָט, לאַכנדיק, געקוקט אויף יאַקאָוון, וואָס איז אַיליק צו איר געשוואומען. די נאַסע קליידער, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו איר לייב, האָבן אָפּגעצייכנט זיינע ביגעוודיקע פאָרמען פון די קני ביז די אַקסלען, און יאַקאָוו האָט צושווימענדיק צו דעם שיפל און אָנכאַפּנדיק זיך פאַר אים מיטן האַנט, זיך איינגעזויגן מיט גיריקע אויגן אין דער דאָזיקער נאַסער, כמעט נאַקעטער פרוי, וואָס האָט פריילעך געשפּאַסט איבער אים.

— נו, קריך אַרויס... וואַמפּ! — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק און, שטעלנדיק זיך אויף די קני, האָט זי אים דערלאַנגט איין האַנט, און מיט דער צווייטער האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם באָרטן פון שיפל.

יאַקאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און האָט מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען:

— נו... איצטער האַלט זיך! איך וועל דיך... אויסבאָדן!...

ער האָט זי געצויגן צו זיך, שטייענדיק ביז די אַקסלען אין וואַסער; די כוואַליעס זיינען אַריבערגעלאָפן איבער זיין קאָפּ און, צעקלאַפּנדיק זיך אָן שיפל, האָבן זיי געשפּריצט מאַלוואַן אין פּנים אַריין. זי האָט זיך געזשמורעט, האָט געלאַכט און האָט פּלוצלונג, אַ קוויטש געבנדיק, אַ שפּרונג געטאָן אין וואַסער און אומגעוואָרפן יאַקאָוון מיט דער משא פון איר קערפּער.

און ווידער האָבן זיי זיך גענומען שפּילן, ווי צוויי גרויסע פיש, אין דעם גרינלעכן וואַסער, שפּריצנדיק איינער דעם אַנדערן און קוויטשענדיק, פאַרשקענדיק, רעווענדיק און אונטערטונקנדיק זיך אין וואַסער.

די זון האָט געקוקט אויף זיי און געלאַכט, און די שויבן אין די פענסטער פון די בנינים פון דעם פיש־געווערב האָבן אויך

געלאַכט, אָפּשפּיגלענדיק די זון. די כוואַליעס האָבן גערוישט, צעקלאַפּנדיק זיך אָן זייערע שטאַרקע הענט, און די מעוועס, צעשראָקן פֿון דעם האַדיקן טומל פֿון די צוויי מענטשן, האָבן זיך מיט אימהדיקע געשרייען געטראָגן איבער זייערע קעפּ, וואָס פֿלעגן פֿאַרשווינדן ווערן אונטער דעם אָנלויף פֿון די כוואַליעס פֿון דער ווייט פֿון ים...

ענדלעך זיינען זיי, מידע און אָנגעזשלאָקעטע מיט וואַסער, אַרויס אויפֿן ברעג און האָבן זיך געזעצט אויף דער זון אָפּרוען.

— טפֿו! — האָט יאַקאָוו, קאָרטשענדיק זיך, געשפּיגט. — נו איז עס פּאַסקודנע וואַסער! דערפֿאַר איז עס אַזוי פֿיל פֿאַראַן!

— אַלע פּאַסקודנע זאַכן זיינען פֿאַראַן אַ סך אויף דער וועלט... למשל, בחורים... זיינען דאָ אַ ים! — האָט לאַכנדיק געזאָגט מאַלוואַ, אויסקוועטשנדיק דאָס וואַסער פֿון אירע האָר...

דאָר האָט זי געהאַט טונקעלע און הגם ניט קיין לאַנגע, אָבער געדיכטע און געקרייזלטע.

— דערפֿאַר, הייסט עס, האָסטו זיך אויסגעקליבן דעם אַלטן, — האָט יאַקאָוו שפּאָטיש געשמייכלט, געבנדיק איר אַ שטויס מיטן איילנבויגן אין זייט.

— פֿאַראַן אַלטע, וואָס זיינען בעסער פֿאַר יונגע.

— נו, אַז דער טאַטע איז גוט, איז דאָך מסתמא דער זון נאָך בעסער...

— אָהאָ! וואו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט צו זיין אַ באַרימער!

— די מיידלעך אין דאָרף האָבן מיר אָפֿטמאָל געזאָגט, אַז איך בין גאָר נישקשה פֿון אַ בחור.

— די מיידלעך פֿאַרשטייען דען? פֿרעג מיך בעסער...

— און וואָס ביסטו? ניט קיין מיידל דען?

זי האָט אויף אים אַ קוק געגעבן מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק. ער האָט געלאַכט מיט אַ פֿרעכן געלעכטער. דענסטמאָל איז זי פּלוצלונג געוואָרן ערנסט און האָט אים געזאָגט מיט האַרץ:

— בין געווען, יאָ... כ'האָב איינמאָל אָפּגעהאַט!

— ס'איז פֿיין, אָבער מיט פּיין, — האָט יאַקאָוו געזאָגט און האָט זיך צעלאַכט.

— שוטה!... האָט אים שאַרף אַ זאָג געטאָן מאַלוואַ און האָט זיך פון אים אָפּגעקערט.

יאַקאָוו האָט זיך פאַרלאָרן און איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַר־בייסנדיק מיט די ליפּן.

ביי אַ האַלבע שעה האָבן זיי ביידע געשוויגן, און האָבן זיך אומגעקערט צו דער זון אַזוי, אַז זייערע פייכטע בגדים זאָלן זיך גיכער אויסטריקענען.

אין די באַראַקן — לאַנגע שמוציקע שאָפּעס, מיט דעכער אויף איין שיפּוע — האָבן זיך אויפגעכאַפּט די אַרבעטער. פון דער ווייטנס — ביז די באַראַקן איז געווען אַ קלאַפּטער הונדערט פופציק, — זיינען זיי אַלע געווען ענלעך איינע אויף די אַנדערע — אָפּגעריסענע, צע־טראַנטעוועטע, באָרוועסע... צום ברעג האָבן זיך דערטראָגן זייערע הייזעריקע קולות, עמעצער האָט געקלאַפּט איבער אַ דעק פון אַ פוסט פעסל, ס׳זיינען געפלויגן דומפּע קלעפּ, גלייך ס׳וואָלט גע־ברומט אַ גרויסער פויק. צוויי פרויען האָבן קוויטשענדיק זיך גערודלט און אַ הונט האָט געבולן.

— זיי שטייען אויף, — האָט געזאָגט יאַקאָוו — און איך האָב דאָך גאָר היינט געוואָלט וואָס פריער פאָרן אין שטאָט אַריין... און אָט האָב איך זיך פאַרשפּילט מיט דיר...

— מיט מיר וועט קיין גוטס ניט זיין, — האָט זי האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסנדיק געזאָגט.

— וואָס שרעקסטו מיך אַלץ? — האָט יאַקאָוו פאַרחידושט גע־שמייכלט.

—אָט וועסטו טאַקע זען, ווי דער פאָטער וועט דיך אָקאָרשט....

דאָס דאָזיקע דערמאָנען וועגן דעם פאָטער האָט אים פּלוצלונג אַריינגעבראַכט אין כעס.

— וואָס איז דער פאָטער? נו? — האָט ער גראָב אויסגעשריען.— דער פאָטער! כ׳בין שוין אַליין ניט קיין קליינינקער... אַ וויכטי־קע מעשה... דאָ זיינען אַנדערע אָרדענונגען... כ׳בין ניט קיין בלינדער, כ׳זע... ער איז אַליין אויך ניט קיין צדיק... ער שטערט זיך דאָ אין גאָרנישט... נו, איז טשעפּע מיך אויך ניט.

זי האָט איראָניש אַ קוק געטאָן אים אין געזיכט אַריין און האָט מיט נייגיריקייט געפרעגט:

— ניט טשעפּען דיך? וואָס־זשע קלייבסטו זיך אַזוינס צו טאָן?

— איך — ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן און האָט אויסגעשטעלט פאָראויס די ברוסט, גלייך ער וואָלט אויפגעהויבן אַ משא. — אך, וואָס איך וועל טאָן? איך קען אַ סך טאָן! שוין צופיל פרישע לופט האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן, האָט דעם דאָרפישן שטויב פון מיר אַראָפּגעבלאָזן.

— צו־גיך! — האָט איראָניש אויסגעשריען מאַלווע.

— וואָס מיינסטו? אָט נעם איך און שלאָג דיך גאָר אָפּ פון דעם פאָטער.

— נ־נו? ניט שוין־זשע?

— וואָס־זשע דען, דו מיינסט, כ׳האָב מורא?

— טאַקע?

— הער נאָר, דו, — האָט אויפגערעגט און היציק גערעדט יאַקאָוו, — דו רייץ מיך אָקאָרשט ניט! איך... היט זיך!

— וואָס? — האָט זי רויק געפרעגט

— גאָרנישט!

איצט האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט און איז אַנטשוויגן געוואָרן, באַקומענדיק אַ פּנים פון אַ כוואַט אַ יונג און אַ זיכערן אין זיך.

— דו האָסט זיך האַלט צו קריגן! אָט איז ביים אויפזעער פאַראַן אַ שוואַרצינקער קאָטער, האָסט געזען? איז ער אויך אַזוי ווי דו. פון ווייטן בילט ער, זאָגט צו אַ ביס צו טאָן, און גייסטו צו אים צו נאָענט, פאַרבייגט ער דעם עק און אַנטלויפט!

— נו, וואַרט! — האָט אויסגעשריען יאַקאָוו, ווערנדיק בייז. — וואַרט אָקאָרשט! וועסט מיך דערקענען, ווער איך בין, וועסט מיך דערקענען!

און זי האָט אים געלאַכט אין פּנים אַריין.

צו זיי איז געגאַנגען, מיט אַ לאַנגזאַם גענגל און אונטער־וויגנדיק זיך, אַ הויכער, אַן אָרדעדיקער, אַ בראָנזענער מענטש מיט אַ געדיכטן קאָפּ צעפּאַטלטע, פייערדיק־רויטע האָר. די קובאַטש־העמד

אָן דעם גאַרטל איז אויפֿן רוקן געווען צעריסן ביי אים כמעט ביזן קאָלנער, און כּדי די אַרבל פֿון איר זאָלן ניט אַראָפּפֿאַלן פֿון די הענט, האָט ער זיי פֿאַרקאַטשעט האַרט ביז די אַקסלען. די הויזן האָבן פֿאָרגעשטעלט אַ קאָלעקציע פֿון פֿאַרשיידענע לעכער, די פֿיס זיינען געווען באָרוועס. אויף זיין געזיכט, וואָס איז געווען געדיכט באַזייט מיט זומערשפּרענקלעך, האָבן עזותדיק געגלאַנצט גרויסע בלויע אויגן, און די נאָז, אַ ברייטע און פֿאַרריסן אין דער הייך, האָט זיין גאַנצע פֿיגור צוגעגעבן אַ פֿרעכן און הפקרותדיקן אויסזען. צוגייענדיק צו אים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און אַ גלאַנץ געגעבן מיט זיין קערפּער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון די אָן אַ שיעור לעכער פֿון זיין לייכטן אָנצוג, אַנטקעגן דער זון, האָט ער הייך אַ סמאָרע געטאָן מיט דער נאָז, האָט פֿרעגנדיק אויסגעגעשטעלט אויף זיי אַ פּאָר אויגן און האָט געמאַכט אַ קאָמישע גרימאַסע.

— נעכטן האָט סעריאָזשקע אויסגעטרונקען אַ ביסל, און היינט איז ביי סעריאָזשקען אין פּעקל — ווי אין אַ לעכערדיקן זעקל... ניט אַ הלוואהלע אַ צוואַנציקער! כ'וועל סיי־ווי ניט אָפּגעבן...

יאַקאָו האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט פֿון זיין עגערישן ריידן, און מאַלוואַ האָט געשמייכלט, באַטראַכטנדיק זיין קרועה בלואה יונגע פֿיגור.

— גיט, טייוואָלים! כ'וועל אייך שטעלן אַ חופּה פֿאַר אַ צוואַנציקער — ווילט איר?

— אַך דו, קאַטאָווע טרייבער! וואָס ביסטו רעדן, אַ פּאָפּ? — האָט יאַקאָוו געלאַכט.

— שוטה! אין אוגליטש בין איך ביי אַ פּאָפּ געווען אַ הויזוועכטער... גיב אַ צוואַנציקער.

— כ'וויל ניט שטעלן קיין חופּה! — האָט אים יאַקאָוו אָפּגעזאָגט.

— אַליין איינס — גיב! כ'וועל דיין פֿאָטער ניט זאָגן, אַז די פֿאַדעכט־אַרום זיין יפֿה־פֿיה, — איז סעריאָזשקע באַשטאַנען אויף זיינס, באַלעקנדיק מיטן צונג די טרוקענע, צעשפּאַלטענע ליפּן.

— האַק לוגנס, וועט ער דיר טאַקע גלייבן

— אַז איך וועל זאָגן אַליין, וועט ער גלייבן! — האָט פאַרזיכערט סעריאָזשקע, — און ער וועט דיר דערלאַנגען אַ הרגע — אַך, וועט ער דיר דערלאַנגען!

— כ'האָב קיין מורא ניט! — האָט יאַקאָוו געשמייכלט.

— נו, וועל איך דיר אַליין דערלאַנגען! — האָט רויק געמאָלדן סעריאָזשקע, צונויפציִענדיק די אויגן.

יאַקאָוו איז געווען אַ שאָד דער צוואַנציקער, נאָר מ'האָט אים שוין געוואָרנט, אַז מיט סעריאָזשקען דאַרף מען זיך ניט אָנהייבן און ס'איז אַלע מאָל בעסער נאָכגעבן אים. קיין סך פאָדערט ער ניט, און אויב מ'זאָל אים ניט געבן, קען ער בעת דער אַרבעט אָפּטאָן עפּעס אַ שווינעריי אָדער צעהרגענען אומזיסט-אומנישט. און דערמאָנענדיק זיך אָן די דאָזיקע אינסטרוקציעס, האָט ער אָפּגעזיפצט און האָט אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע.

— אָט אַזוי! האָט אים אונטערגעוואַרעמט סעריאָזשקע, אַראָפּלאָזנדיק זיך איבערן זאַמד לעבן אים. — זאָלסט מיך אַלע מאָל פאָלגן, וועסטו זיין אַ חכם. און דו, — האָט ער זיך געווענדט צו מאַלוואַן — וועסט איינגיכן פאַר מיר חתונה האָבן? מאַך זיך גיכער גרייט... קיין סך וועל איך ניט וואַרטן.

— ביסט אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן... פאַרריכט אַפריער די לעכער, דערנאָך וועלן מיר ריידן, — האָט מאַלוואַ געענטפערט.

סעריאָזשקע האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ קריטישן בליק אויף זיינע לעכער און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גיב מיר בעסער דיין קליידל.

— אַזוי — האָט געזאָגט מאַלוואַ און האָט זיך צעלאַכט.

— מיט אַן אמת! גיב... האָסט עפּעס אַ וועלכע ס'איז אַלט קליידל?

— די קויף בעסער הויזן, קויף, — האָט אים געעצהט מאַלוואַ.

— נו, כ'וועל בעסער דאָס געלט פאַרטרינקען...

— בעסער! — האָט יאַקאָוו געלאַכט, האַלטנדיק אין האַנט פיר פינפקאָפּיקענע.

— ווי דען? מיר האָט דער פּאָפּ געזאָגט, אַז ניט וועגן דעם גוף דאַרף אַ מענטש זאָרגן, נאָר וועגן זיין נשמה. און די נשמה

פֿאַרדערט בײַ מיר בראָנפֿן און גיט קיין האָיון. גיב געלט! נו, איצט וועל איך אויסטרינקען... און דעם טאַטן וועל איך פֿאַרט דערציילן וועגן דיר.

— דערצייל! — האָט יאַקאָוו אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און האָט וואוילוונגעריש אונטערגעוואונקען מאַלוואַן, אַ שטויס געבנדיק איר אין פּלייצע.

סעריאָזשקע האָט עס באַמערקט, האָט אויסגעשפּיגן און האָט נאָך מבטיח געווען:

— און געבן דיר אַ הרגע וועל איך אויך ניט פֿאַרגעסן... ווי נאָר ס'וועט זיין אַ פֿרייע צייט — וועל איך דיר דערלאַנגען אַזאַ כּיבוד!

— אָבער פֿאַרוואָס? — האָט אומרוּק געפֿרעגט יאַקאָוו

— איך ווייס שוין פֿאַרוואָס... נו, ווערסט פֿאַר מיר גיך חתונה האָבן? — האָט זיך סעריאָזשקע געווענדט צו מאַלוואַן.

— אָט דערצייל מיר נאָר, וואָס וועלן מיר טאָן און ווי וועלן מיר לעבן... דעמאָלט וועל איך אַ טראַכט טאָן... האָט זי ערנסט געזאָגט.

סעריאָזשקע האָט אַ קוק געטאָן אין ים, האָט פֿאַרשמורעט די אויגן, און באַלעקנדיק די ליפּן, האָט ער ערקלערט:

— מיר וועלן גאָרנישט ניט טאָן... מיר וועלן שפּאַצירן איבער דער ערד.

— און וואו וועלן מיר נעמען, וואָס צו עסן?

— נו, — האָט סעריאָזשקע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — דו רעדסט פּונקט אַזוי ווי מיין מאַמע. וואָס און ווי? אַלאַנגווייליק פֿאָלק זייט איר, ווייבער! צו דען ווייס איך, וואָס און ווי? כ'וועל גיין אויסטרינקען...

ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זיי, באַגלייט פֿון מאַלוואַס אויסטערלישן שמייכל און פֿון דעם אײַנפּריינדלעכן בליק פֿון דעם בחור.

— אָהאָ, אַ גאַנצער קאָמאַנדיר! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, בעת סעריאָזשע איז אַוועק פֿון זיי ווייט. — בײַ אונז אין דאָרף וואָלט מען

אַזאַ פֿייער גלייך אײַנגעשטילט... מ'וואָלט אים געגעבן אַ גו־טן ביקער און שרײַן... און דאָ האָט מען מורא...

מאַלוואַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט אַ דויסגעווייט דורך די ציינער:

— אַך דו, הינטל! דו האָסט דען אַ השגה, וואָס אַזאַ איז ווע־ט!

— וואָס השגה? דער פּרייז פֿון אַזאַ איז אַ פּיאַטאַק פֿאַר אַ פּאַק, אי דאָס בעת אין פּאַק איז פֿאַראַן אַ מאָו

— אַוודאי! — האָט איראָניש אויסגעשריען מאַלוואַ — דאָס איז דײַן פּרייז... און ער איז אומעטום אויסגעוועין, דורכגעשפּרייזט די גאַנצע ערד אין דער ברייט און אין דער לענג און האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט...

— און פֿאַר וועמען האָב איך מורא? — האָט העלריש גע־פֿרעגט יאַקאָוו.

זי האָט אים ניט געענטפֿערט, נאָכפֿאָלגנדיק פֿאַרטראַכטערהייט נאָך דער שפּיל פֿון די כוואַליעס, וואָס זיינען אָנגעלאָפֿן אויפֿן ברעג און האָבן געוויגט דעם שווערן באַרקאַס. זײַן מאַסט האָט זיך געוויגט פֿון איין זייט אויפֿן אַנדערן און דער הינטערשטער טייל, הייבנדיק זיך און פֿאַלנדיק אין וואַסער, האָט געקלאַפּט איבער אים. דער קלאַנג איז געווען אַ הילכיקער און עפּעס פֿול מיט עגמת־נפש — גלייך ווען באַרקאַס האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פֿון ברעג און אַוועקגיין אין דעם ברייטן, פֿרייען ים, און ער האָט געכעסט אויף דער שטריק, וואָס האָט אים אײַנגעהאַלטן.

— נו, פֿאַרוואָס־זשע גייסטו ניט? — האָט מאַלוואַ גע־פֿרעגט בײַ יאַקאָוון.

— וואוהין דאַרף איך דען גיין? — האָט ער זיך אָפּגערופֿן.

— האָסט דאָך געוואָלט אין שטאָט גיין...

— כ'וועל ניט גיין!

— נו, איז פֿאָר צום פֿאָטער

— און דו?

— וואָס?

— וועסט אויך פֿאָרן?

— ניין...

— נו, וועל איך אויך ניט.

— וועסט זיך וואַלגערן אַ גאַנצן טאָג לעבן מיר? האָט מאָל אַ רויק געפרעגט.

— דו ביסט מיר גאָר־ניט אַזוי שטאַרק נייטיק... האָט יאַקאָוו אָפּגעענטפערט אַ באַליידיקטער, איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען פון איר.

נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט, זאָגנדיק, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין איר. און איר איז אים געוואָרן אומעטיק. אַ מאָדנע געפיל איז אין אים געבאָרן געוואָרן נאָך דעם געשפּרעך מיט איר — אַ נעפּלדיקער פּראָטעסט קעגן פאָטער, אַ פאַרשטיקטע אומצופרידנקייט מיט אים. נעכטן איז עס ניט געווען, ס'איז אויך ניט געווען היינט ביז דער באַגעגעניש מיט מאַלוואַ... און איצט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פאָטער שטערט אים אין עפּעס, הגם ער געפינט זיך דאָרט, ווייט אין ים, אויף יענעם־אָ, פאַרן אויג קוים באַמערקבאַרן פּאַסיקל זאַמד... דערנאָך האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מאַלוואַ האָט מורא פאַר דעם פאָטער. און ווען זי זאָל ניט געווען מורא האָבן... וואָלט ביי אים מיט איר אַוועק גאָר אויף אַן אַנדער דרך. און איצט־אָ איז אָן איר אומעטיק, הגם איידערפרי האָט ער גאָר ניט געטראַכט וועגן איר.

און ער האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער דעם פיש־געווערב, נעפּל־האַפט באַטראַכטנדיק די אָנגעגענטע מענטשן און פיל איבערוואַרפנדיק זיך מיט זיי מיט צוויי־דריי ווערטער.

אָט זיצט דאָרטן סעריאָזשקע אויף אַ פעסל אין שאָטן פון באַראַק און צימבלענדיק אויף אַ באַלאַלײַקע, זינגט ער, מאַכנדיק קאָמישע העוויות:

ליבער הער פּאָליציאַנט,
ביטע, זייט מיט מיר באַקאַנט...
פירט מיך אָפּעט אין צירקול,
ס'איז דער וועג מיט בלאָטע פול...

עס רינגלען אים אַרום אַ מענטשן צוואַנציק אויך אַזעלכע אָפּגעריסענע, ווי ער, און פון זיי אַלע, ווי פון אַלץ, וואָס דאָ גע־

פּינט זיך, שמעקט מיט געזאַלצענע פיש און סאַליטרע. פיר פויער־טעס, וניט קיין שיינע און שמוציקע, זיצן אויפן זאַמד ניט ווייט פון דער דאָזיקער גרופּע און טרינקען טיי פון אַ גרויסן בלעכענעם טשאַיניק. און אָט האָט עפּעס אַן אַרבעטער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ס׳איז נאָך פרי, שוין אָנגעשיכּורט זיך און פּאַרעט זיך אויפן זאַמד, פּרוּווט זיך שטעלן און פאַלט ווידער. ערגעץ־וואו ווײנט אַ פּרוי מיט קוויטשענדיקע קולות, פון ערגעץ־וואו דער־טראָגן זיך קלאַנגען פון אַ קאַליע־געוואָרענעם האַרמאָניק... און אַר־מעטום גלאַנצן די פיש־שופּן.

אין האַלבן טאָג האָט יאַקאָז זיך איבערגעזוכט אַ באַשאָטנט ערטעלע צווישן אַ באַרג פּוסטע פעסלעך, האָט זיך דאָרטן גע־לייגט און איז אָפּגעשלאָפן ביז אָוונט, און אויפגעכאַפּט זיך, האָט ער ווידער גענומען אַרומוואַנדערן איבערן פיש־געוועלב, ניט האָבנ־דיק קיין שום קלאָרן צוועק, נאָר שפּירנדיק אַן אומקלאָרע ציִעניש ערגעץ־וואו.

אָפּגייענדיק אַזוי אַ שעה צוויי, האָט ער געפונען מאַלוואַן ווייט פון דעם פיש־געוועלב אונטער אַ קוסט פון יונגיטשקע ווערבעס. זי איז געלעגן אויף אַ זייט און, האַלטנדיק אין האַנט עפּעס אַ צעפליקט ביכל, האָט זי געקוקט אים אַנטקעגן און האָט געשמייכלט.

— זעכט, וואו זי איז! — האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן איר.

— דו זוכסט מיך שוין לאַנג? — האָט זי מיט זיכערקייט געפרעגט.

— איך האָב דיך דען געזוכט?! האָט יאַקאָז אויסגעשריען, באַגרייפנדיק פּלוצלונג, אַז אַזוי איז עס טאַקע באמת — ער האָט, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, זי געזוכט. און ער האָט אין פאַר־לעגנהייט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דו קענסט לייענען און שרייבן? — האָט זי געפרעגט.

— כ׳קען... אָבער שוואַך... שוין לאַנג אַלץ פאַרגעסן..

— און איך אויך שוואַך... דו האָסט זיך געלערנט אין אַ שיל?

— יאָ, אין אַ זעמסקע־.

— און איך האָב זיך אַליין אויסגעלערנט...

— נו?

— מיט אַן אמת... בין איך אַסטראַכאַן געווען אַ קעכין ביי אַן אַדוואָקאַט; זיין זון האָט מיך אויסגעלערנט לייענען.

— הייסט עס, ניט אַליין... האָט אויפגעקלערט יאַקאָוו.

— זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט ווידער געפרעגט:

— און דיר ווילט זיך לייענען ביכלעך?

— מיר? ניין... וואָס איז דען דאָרטן?

— און איך האָב ליב... אָט האָב איך איצט אויסגעבעטן ביי דעם איפזוערס וויב אַ ביכל און איך לייען...

— וועגן וואָס?

— וועגן אַלערליי דעם געטלעכן מענטשן.

און דערציילנדיק פּאַרטראַכטערהייט וועגן דעם, ווי אַ יונג בחורל — אַ זון פון רייכע און חשובע עלטערן, איז אַוועק פון זיי און פון זיין גליק, און האָט זיך דערנאָך אומגעקערט צו זיי, אַן אָרעמער און אַ אָפּגעריסענער, האָט געוואוינט ביי זיי אויפן הויף צוזאַמען מיט די הינט, ניט דערציילנדיק זיי ביזן טויט, ווער ער איז — האָט מאַלוואַ שטיל אַ פרעג געטאָן ביי יאַקאָוון:

— צו וואָס האָט ער עס אַזוי געטאָן?

— ווער ווייס אים, — האָט גלייכגילטיק געענטפערט יאַקאָוו.

די בערגלעך זאַמד, וואָס דער ווינט און די כוואַליעס האָבן אָנגעטראָגן, האָבן זיי אַרומגערינגלט. פון ווייטן האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרשטיקטער און טונקעלער גערויש — דאָס האָט מען געהיישט אויף דעם פיש-געווערב. די זון האָט זיך געזעצט און אויפן זאַמד איז געלעגן אַ ראָזעלעכער אָפּגלאַנץ פון אירע שטראַלן. עלנדע קוסטעס פון טייך-ווערבעס האָבן עטוואָס געציטערט מיט זייערע אָרעמער באַבלעטערונג אונטער דעם לייכטן ווינט פון ים. מאַלוואַ האָט געשוויגן, צוהערנדיק זיך צו עפּעס-וואָס.

— פאַרוואָס-זשע ביסטו היינט ניט געפאָרן אַהין... אויפן עדפּאַס?

— וואָס אַרט עס דיך?

יאַקאָוו האָט אַ־אָפּגעריסן אַ בלאַט און האָט אים גענומען קייען, קוקנדיק פון דער קריט מיט זשעדנע אויגן אויף דער פרוי און באַטראַכטנדיק, ווי זאָל ער איר זאָגן דאָס, וואָס אים איז נייטיק.

— אָט מיר... בשעת איך בין אַליין און ס׳איז שטיל אַזוי... ווילט זיך מיר אַלץ וויינען... אָדער זינגען. אָבער קיין פיינע לידער קאָן איך ניט, און וויינען איז מיאוס...

יאַקאָוו האָט געהערט איר שטימע, אַ זאַפטיקע און אַזאַ ליבלעכע, נאָר דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, האָט אין אים גאָרנישט ניט אָנגערירט, נאָר האָט בלויז צוגעגעבן זיין פאַרלאַנג אַ שאַרפע פאָרם.

— אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן... — האָט יאַקאָוו פאַרשטיקט גענומען ריידן, צורוקנדיק זיך צו איר, נאָר ניט קוקנדיק אויף איר,— די הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן... איך בין אַ יונגער בחור...

— און אַ נאַרישער, אַ נאַרישער! — האָט מיט איבערצייגונג אויסגעצויגן מאַלוואַ, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— נו, זאָל זיין אַ נאַרישער, — האָט מיט פאַרדראָס אויסגעשריען יאַקאָוו. מ׳דאַרף דען דאָ האָבן שכל? אַ נאַרישער — זאָל זיין אַ נאַרישער! אָבער אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן — ווילסט מיט מיר...

— רייד ניט... איך וויל ניט!...

— וואָס?

— קיין זאַך ניט!

— דו מאַך זיך ניט נאַריש... — און ער האָט זי פאָרזיכטיק גענומען פאַר די אַקסלען... דו באַגרייף...

— נעם די ווענ, יאַשקע! — האָט זי שטרענג געזאָגט, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך זיין האַנט. — אַוועק!

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַרומגעקוקט.

— נו... אויב דו ביסט אַזוי — איז שפּיי איך אויף דעם! אַזעלכע זיינען דאָ גענוג... מיינסט — ביסט בעסער פון אַנדערע?

— הינטל דו, — האָט זי רויק געזאָגט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אָפּגעטרייסלט דעם זאַמד פון קליידל

און זיי זיינען אַוועק לעבנאַנאַנד אויפן פיש־געווערב. געגאַנגען זיינען זיי פּאַוואָליע, ווייל די פיס האָבן געזונקען אין זאַמד.

יאַקאָו האָט זי דאָ איינגערעדט גראָב, זי זאָל נאָכגעבן זיין פאַרלאַנג, דאָ דערווייזן איר מיט גרינגשעצונג, אַז זי איז ניט איינע אויפן פיש־געווערב און איז ניט בעסער פון אַנדערע פרויען, און זי האָט אים רויק און קאַלט אויסגעלאַכט און האָט אים געענטפערט מיט שטעכווערטלעך.

פלוצלונג, בעת זיי זיינען שוין געווען לעבן די באַראַקן פון פיש־געווערב, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן אַקסל.

— דו צעפּלאַמפּסט עס מיך בכיוון?! צו וואָס טוסטו עס? איך וועל דיר... געדענק!

— טשעפּע זיך אָפּ, זאָג איך דיר! — זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט און איז אַוועק, און פון הינטערן ווינקל פון באַראַק האָט זיך אַנטקעגן איר באַוויזן סעריאָזשקע און, אַ טרייסל געבנדיק מיט זיין צעשויבערטן, פייער־רויטן קאָפּ, האָט ער געזאָגט מיט בייזקייט:

— געווילט זיך? וואַיל!

— גייט איך אַלע צום טייוול! — האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן מאַלוואַ.

און יאַקאָו האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן סעריאָזשקען און האָט אויף אים געקוקט פינסטער. צווישן זיי איז געווען אַ דיסטאַנץ פון אַ טריט צען...

סעריאָזשקע האָט זיך איינגעגעסן אין יאַקאָווס אויגן, געשטאַנען אַזוי ביי אַ מינוט, ווי צוויי צאַפּעס, וואָס זיינען גרייט אַ קנאַק טאָן זיך איינע אָן די אַנדערע מיט די שטערנס, זיינען זיי זיך שווייגנדיקערהייט פונאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע זייטן.

דער ים איז געווען שטיל און רויט פונם זונפאַרגאַנג, אויף דעם פיש־געווערב איז געשטאַנען אַ דומפּער גערויש, און פון אים האָט זיך רעלייף אויסגעטיילט אַ שיכורע פרויענשטים, וואָס האָט היסטעריש אויסגעשריען אומגעלומפּערטע ווערטער:

...טאַ—אַ גאַרגאַ, מאַטאַגאַרגאַ,
מאַמינקעלע מיי—נע!
אַ שיכּור—רע, צעהרגעטע
אַ צעשרייבערטע!

און די האָזיקע ווערטער, עקלהאַפט, ווי נעפּטלעך, זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן איבער דעם פיש־געווערב, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דעם ריח פון זאַלץ און פוילע פיש, זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן, באַליידיקנדיק די ווייכע מוזיק פון די כוואַליעס, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופטן.

אין דעם צאַרטן גלאַנץ פון דעם פרימאָרגנרויט האָט די ים־ווייטעניש זיך רויק געדרעמלט, אָפּשפּיגלענדיק די פּערלמוטער־דיקע וואָלקנס. אויף דעם ערדפּאַס האָבן זיך געפּאָרעט האַלב־שיכּורע פישער, אַריינלייגנדיק אין באַרקאַס די שטריקוואַרג.

די געוויינלעכע אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן שווייגנדיק און שנעל. די גרויע מאַסע פון דער נעץ האָט געפּויעט איבערן זאַמד אויפן באַרקאַס און האָט זיך צונויפגעלייגט אין אַ קופּע אויף זיין דעק.

סעריאָזשקע איז, ווי שטענדיק, געשטאַנען אָן אַ היטל און אַ האַלב־הונגעריקער אויף דעם הינטערטייל פון באַרקאַס און האָט געאיילט די פישער מיט אַ הייזעריקן, פאַרשיכּורטן קול. דער ווינט האָט געשפּילט מיט די טראַנטעס פון זיין העמד און מיט די געלע קודלעס פון די האָר.

— וואַסילי! וואו זיינען די גרינע רודערס? — האָט עמעצער געשריען — וואַסילי, אַ טריבער, ווי אַן אָקטאָבער־טאָג, האָט צו־ניפגעלייט די נעץ אין דעם באַרקאַס, און סעריאָזשקע האָט גע־קוקט אויף זיין איינגעבויגענעם רוקן און האָט באַלעקט די ליפּן — אַ סימן, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג ווידער אויסצוטרינקען נאָך זיין אויסניכטערן זיך.

— די האָסט בראָנפן? — האָט ער געפרעגט.

— כ'האָב — האָט טעמפּ געזאָגט וואַסילי.

— ני, וועל איך ניט פֿאָרן... כ'וועל בלייבן לעבן טרוקענעם פֿליגל.

— פּאַרטיק! — האָט מען אַ געשריי געטאָן פֿון דעם ערדפּאַס.

— שווים אָפּ! — האָט אַ באַבעל געגעבן סעריאָזשקע, אַראָפּגייענדיק צום באַרקאַס. — איר פֿאָרט... איך בלייב דאָ. זע — פֿיר אַרײַן ברייטער, כּדי ניט צו צעפּלאָנטערן די נעץ... לאָז זי אַראָפּ אין וואַסער גלײַכער... איר זאָלט ניט אָנבינדן די אייגלעך!... מאַרש!

דעם באַרקאַס האָט מען אַ שטויס געגעבן אין וואַסער, די פֿישער זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין אים פֿון די באָרטן און, פֿונאַנדערנעמענדיק די רודערס, האָבן זיי אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן, גרייט אַ זעץ צו טאָן איבערן וואַסער.

— איינס!

די רודערס האָבן אַלע גלײַך אַ פּאַל געטאָן אין וואַסער, און דער באַרקאַס האָט זיך אַ ריס געגעבן פֿאָראויס, אין דעם ברייטן פֿלײַן פֿון דעם באַלויכטענעם וואַסער.

— צוויי! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער שטייער־מאַן, און ווי לאַפּעס פֿון אַ ריזנשילדקרעט, האָבן זיך די רודערס אויפֿגעהויבן צו די באָרטן... איינס!... צוויי!...

אויפֿן ברעג בײַם טרוקענעם פֿליגל פֿון דער נעץ זײַנען געבליבן פֿינף מענטשן: סעריאָזשקע, וואַסילי און נאָך דרײַ. איינער פֿון די האָזיקע דרײַ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפֿן זאַמד און האָט געזאָגט:

— מ'דאַרף נאָך אַ ביסל שלאָפֿן...

די איבעריקע צוויי האָבן נאָכגעטאָן זײַן בײַשפּיל, און אויפֿן זאַמד האָבן זיך אויפֿגעדרייט אין קנוילן דרײַ לײַבער אין שמוציקע שמאַטעס.

— וואָס ביסטו ניט געווען זונטאָג? — האָט וואַסילי געפֿרעגט בײַ סעריאָזשקען, גייענדיק מיט אים אין בייחל.

— כ'האָב ניט געקענט...

— געווען שיכּור?

— ניין, כ'האָב אַכטונג געגעבן אויף דיין זון און אויף זיין שטיפמוטער... — האָט רויק דערציילט סעריאָזשקע.

— געפינען זיך אַן אַרבעט! — האָט וואַסילי קרום אַ שמייכל געטאָן מיט איראָניע — וואָס זיינען זיי, קליינע קינדער?

— נאָך ערגער... איינער איז אַ שוטה, די צווייטע איז אַ צע־דרייטע...

— וואָס איז מאַלווא אַ צעדרייטע? האָט וואַסילי געפרעגט, און זיינע אויגן האָבן זיך כּעספּולער אָנגעצונדן מיט בעקשאַפט

— זי...

— שוין לאַנג, אַז זי איז אַזוי געוואָרן?

— שטענדיק געווען אַזאַ. ביי איר איז, ברודער וואַסקאַ, די נשמה ניט נאָכן גוף נאָך... קענסט עס באַגרייפן?

— איך האָב עס שוין באַגריפן... ביי איר איז אַ מיאוסע נשמה.

סעריאָזשקע האָט זיך אויף אים אַ קרים געטאָן און האָט מיט פאַראַכטונג אַ פּאַרשקע געטאָן.

— אַ מיאוסע! עך איר... טעמפּ־שכלדיקע ערד־גרעסער! גאָר־נישט קענט איר באַגרייפן אין לעבן... איר דאַרפט נאָר, די ווייבער זאָלן האָבן פעטע ציצן... און איר כאַראַקטער דאַרפט איר ניט... אָבער אין דעם כאַראַקטער איז דאָך דער גאַנצער קאָליר פונם מענטשן... אַ פרוי אָן אַ כאַראַקטער — איז ווי ברויט אָן זאַלץ. קענסט עפּעס הנאה האָבן פון אַ גיטאַרע אָן סטרונעס? דו הונט איינער, וואָס דו ביסט!...

— אָהאָ, צו וואָס פאַר אַ דיבורים דו האָסט זיך נעכטן אָנ־געטרונקען! — האָט אים וואַסילי אַ שטאָך געטאָן.

אים האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן וועגן דעם, וואו און ווי האָט סעריאָזשקע נעכטן געזען יאַקאָוון און מאַלוואַן, נאָר ס'איז געווען מיאוס.

און קומענדיק אין בידל, האָט ער אָנגעטאָן סעריאָזשקען אַ גאַנצע טיי־גלאָז מיט בראָנפן, מיט דער האָפענונג, אַז נאָך אַזאַ פּאָר־ציע וועט סעריאָזשקע שיכור ווערן און וועט אים אַליין אָן פרעגעס דערציילן וועגן זיי.

נאָר סעריאָזשקע האָט אויסגעטרונקען, האָט אַ כרעקע געטאָן

אין, אינגאַנצן אַן אויסגעליטערטער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיר פֿון בײדל, ציענדיק זיך און גענעצנדיק.

— טרינקסטו אויס — איז אַזוי ווי דו וואָלסט אַ פֿײַער אַראָפּגעשלונגען — האָט ער געזאָגט.

— אָבער טרינקסטו! — האָט וואַסילי אויסגעשריען, געפּלעצט פֿון דער האַסטיקייט, מיט וועלכער סעריאָזשקע האָט אַראָפּגעשלונגען די בראָנפֿן.

— כ'קען... האָט יענער אַ שאָקל געטאָן מיט זײַן געלן קאָפּ און, אויסווישנדיק מיט דער הלאָניע די פֿײַכטע וואָנצן, האָט ער גענומען ריידן באַלערעוודיק און בראַוואָריש: — כ'קען, ברודער! איך מאַך אַלץ גיך און תּיכּף. אָן דריידלעך — רייב גלײַך און שוין! און דו וועסט שוין טרעפֿן — דאָס מאַכט שוין ניט אויס! פֿ'ן דער ג ד וועסטו, אויסער ווי אויף דער ערד, אין ערגעץ ניט פֿאַלן...

— דו האָסט געוואָלט אַוועקגיין אויף קאַווקאַז? — האָט וואַסילי געפֿרעגט, פּאַוואָליע באַוועגנדיק זיך צו זײַן ציל...

— כ'וועל גיין, ווען איך וועל וועלן. ווען איך וועל גוט וועלן, — וועל איך גלײַך איינס—איינס און... פֿאַרטיק! אָדער ס'וועט זײַן ווי איך וויל, אָדער כ'וועל זיך מאַכן אַ בייל איבערן שטערן... פּשוט!

— וואָס קען דען זײַן פּשוטער! דו לעבסט דאָך אַזוי, ווי דו וואָלסט אַ שטייגער געווען אָן אַ קאָפּ...

סעריאָזשקע האָט זיך איראָניש אַ קרים געטאָן אויף וואַסילין.

— און דו — ביסט אַ חכם! — דיך האָט מען וויפֿיל מאָל געשמיסן אין וואָלאָסט?

וואַסילי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווייזט אויס, גאַנץ אָפֿט... און דאָס איז דאָך גוט, וואָס בײַ אונדז יאָגט די „נאַטשאַלסטווע" אַרויס דעם שׂכל פֿון הינטן אויף פֿאָרנט מיט שמיץ... עך דו! נו, וואָס קענסטו מאַכן מיט דײַן קאָפּ? און וואוהין קענסטו זיך מיט אים לאָזן? און וואָס קענסטו אויסטראַכטן מיטן שׂכל? אָט דאָס איז דאָס! און איך רייב אָן קאָפּ גלײַך, און שוין! און געווים וועל איך אַוועק ווייטער פֿון דיר...

— אַזוי־אָ קענסטו אַמאָל... האָט וואַסילי צוגעשמייכלט. — קענסט אַמאָל דערגיין אַפילו ביז סיביר...

— אַך, שרעקלעך!

און סעריאָזשקע האָט זיך אויפריכטיק צעלאַכט.

ער איז ניט שיכור געוואָרן, טראָץ וואַסילים ריכטן זיך אויף דעם, און וואַסילין האָט עס געערגערט. דערלאַנגען אים נאָך אַ גלאָז איז אים געווען אַ שאָד, און ניכטערדהייט וועסטו פון אים, משמעות, גאָרנישט ניט אַרויסבאַקומען... נאָר סעריאָזשקע האָט אים אַליין אויסגעלייזט.

— פאַרוואָס פרעגסטו זיך עפּעס ניט נאָך אויף מאַלוואַן?

— צו וואָס דאַרף איך פרעגן? — האָט גלייכגילטיק אויסגעצויגן וואַסילי, אויפציטערנדיק פון עפּעס אַ פאָרגעפיל.

— זי איז דאָך זונטאָג ניט געווען... פרעג, ווי אַזוי האָט זי געלעבט די דאָזיקע טעג... ביסט דאָך, מסתמא, אייפערזיכטיק, אַלטער שד!

— פאַראַן אַ סך זייערע! — האָט וואַסילי מיט גרינגשעצונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט...

— פאַראַן אַ סך זייערע! — האָט אים סעריאָזשקע איבערקרימט.— עך איר, דאָרף „זיבן טויטע" פון דעם פריץ דעם שוטה! גיב אַייך האָניק, גיב אַייך דזשעגעכץ, וועט אַלץ אַרויסקומען באָב־ויך...

— וואָס עפּעס רק דו לויבסט זי? ביסט איר געקומען ריידן אַ שידוך, צי וואָס? האָב איך זי שוין לאַנג אויסגעשדכנט... — האָט איראָניש געזאָגט וואַסי

— סעריאָזשקע האָט אים באַטראַכט, האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט וואָגיק גענומען ריידן צו וואַסילין, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף זיין אַקסל:

— איך ווייס עס... מיר איז באַוואוסט, אַז זי לעבט מיט דיר. כ'האָב דיר אין דעם ניט געשטערט — כ'האָב ניט געוואָלט, מ'האָט ניט באַדאַרפט... נאָר איצט דרייט זיך אַרום איר דיין זון, יאַשקע— צעמזיק אים ביז בלוט! הערסט? אַניט וועל איך אַליין צעמזיקן... אַ פייער ביסטו אַ גוטער... כאָטש אַ דערמבענער טיפּ... כ'האָב דיר ניט געשטערט, און דו זאָלסט עס געדענקען...

— אַזוי גאָר! און איצט ביסטו אויך... פֿאַר איר? — האָט דימפּ געפֿרעגט וואַסילי.

— אויך! ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איך... וואָלט איך אייך פּשוט אַלעמען אָפּגעראַמט פֿון וועג און — אַ סוף!... אָבער אַזוי — אויף וואָס דאַרף איך איר?

— טאָ וואָס־זשע פּלאָנטערסטו זיך דאָ? — האָט פֿאַרדעכטיק געפֿרעגט וואַסילי.

סעריאָזשקען האָט, ווייזט אויס, איבערראַשט די דאָזיקע פּשוטע פֿראַגע.

ער האָט מיט ברייט־אויפֿגעעפֿנטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף וואַסילין און זיך צעלאַכט.

— וואָס איך פּלאָנטער זיך? דער טייוול ווייס איר, וואָס... אַזוי איז זי אַ פֿרויענצימער... אַזאַ... מיט פֿעפֿער... זי געפֿעלט מיר... און אפֿשר איז זי מיר אַ שאָד, צי וואָס...

וואַסילי האָט אויף אים געקוקט מיט אומצוטרוי, נאָר ער האָט געפֿילט, אַז סעריאָזשקע לאַכט אויפֿריכטיק, פֿון טיפֿן האַרצן און ער רעדט אויך אויפֿריכטיק, און אַז ער האָט ניט קיין אויסקוק אויף מאַלוואַן. נאָר דאָך האָט ער געזאָגט:

— ווען זי וואָלט געווען אַ ריין אומשולדיק מיידל — נו, וואָלט מען נאָך געקענט באַדויערן. אָבער אַזוי... ס׳איז עפּעס מאָדנע!

סעריאָזשקע האָט געשוויגן, קוקנדיק ווי דער באַרקאַס האָט זיך ווייט אין ים אומגעקערט מיט דער נאָז צום ברעג, מאַכנדיק אַ ברייטן בויגן. סעריאָזשקעס בלאָנד געזיכט האָט געקוקט אָפֿן און איז געווען אַזוי גוט און פּראָסט.

וואַסילי איז עפּעס אַזוי ווי ווייכער געוואָרן קוקנדיק אויף אים.

— דאָס זאָגסטו ריכטיק... זי איז אַ וואוילע פֿרויענצימער... ניט קיין באַשטענדיקע בלויז... יאַשקע... נו, איך וועל אים שוין געבן! אָט אַ הינטל!...

— ער איז מיר ניט צום האַרצן האָט געמאָלדן סעריאָזשקע.

— און ער לאַשטשעט זיך צו איר? — האָט צווישן די ציינער געפֿרעגט וואַסילי, גלעטנדיק די באָרד.

— נאָך ווי! ער וועט, — אַט וועסטו זען, — אַריינהאַקן זיך ווי אַ קלין צווישן אייך, — האָט מיט זיכערקייט געזאָגט סעריאָזשקע.

— איך וועל אים געבן אַריינהאַקן זיך!

אין דער ווייט פֿון ים האָט זיך אָנגעצונדן דער ראָזעווער פֿאָכער פֿון די שטראַלן פֿון דעם זונענאויפֿגאַנג. אַ ברעג זון האָט שוין אַרויסגעקוקט פֿון דעם באַגולדטן וואַסער. דורך דעם רויש פֿון די כוואַליעס איז פֿון ים פֿון דעם באַרקאַס אַפֿער געקומען אָנצופֿליִען אַ שוואַכער געשריי:

— פֿי—יר!...

— שטעלט זיך, חבֿרה! עי! שטעלט זיך צו נעץ! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן סעריאָזשקע, אויפֿהויבנדיק זיך פֿון אָרט.

און באַלד האָבן זיי, אַלע פֿיר, שוין אַרויסגענומען זייער ברעגנעץ. פֿון וואַסער האָט זיך געצויגן אויפֿן ברעג אַ לאַנג שטריקל, אַ בייגעוודיקס, ווי אַ סטרונע, און די פֿישער האָבן, פֿאַרקניפּנדיק אָן איר די צירימענס, אונטערקאַקענדיק, געשלעפּט דאָס שטריקל.

און די צווייטע זייט נעץ האָט געפֿירט צום ברעג דער באַרקאַס, גליטשנדיק זיך איבער די כוואַליעס, און זיין מאַסט האָט געשניטן די לופֿט און זיך געוויגט אין איר אין / אַלע זייטן.

די זון, אַ פּרעכטיקע און אַ העלע, האָט זיך אויבגעהויבן איבערן ים

— אַז דו וועסט זען יאַקאָװן, זאָג אים, ער זאָל ביי מיר מאָרגן זיין, — האָט וואַסילי געבעטן סעריאָזשקען.

— גוט.

דער באַרקאַס איז צוגעשוואומען צום ברעג, און, אַראָפּשפּרינגענדיק פֿון אים אין דעם זאַמד, האָבן די פֿישער געצויגן זייער עק נעץ. צוויי גרופּעס האָבן זיך ביסלעכווייז דערנענטערט איינע צו די אַנדערע, און די שווימהעלצלעך פֿון דער נעץ האָבן, טאַנצנדיק אין וואַסער, געבילדעט פֿון זיך אַ רעגולערן האַלבקרייז.

שפּעט אינאָװנט פֿון דעם דאָזיקן טאָג, בעת די אַרבעטער האָבן געגעסן אָװנט־ברויט אויף דעם פֿיש־געווערב, איז מאַלוואַ, אַ מידע און אַ פֿאַרטראַכטע, געזעסן אויף אַ צעבראָכן שיפֿל, וואָס איז געווען איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף, און האָט געקוקט אויפֿן ים.

וואָס איז שוין געווען פאַרהילט אין פינסטערניש. דאָרט ווייט האָט געפינקלט אַ פייער, און מאַלוואַ האָט געוואוסט, אַז דאָס פלאַקערט דער שייטערהויפן, וואָס וואַסילי האָט אָנגעצונדן. דער פייער, אַן איינזאַמער, גלייך ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער פינסטערער ווייט פון ים, האָט דאָ העל אויפגעפלאַקערט, דאָ אויסגעגאַנגען, אַזוי ווי ער וואָלט געווען קראַנק. און מאַלוואַן איז געווען טרויעריק צו קוקן אויף דעם דאָזיקן רויטן פינטל, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן אין דעם מדבר און האָט שוואַך געציטערט אין דעם אָנאויפהערדיקן, קיינעם ניט נייטיקן ברומען פון די כוואַליעס.

— וואָס זיצטו דאָ? — האָט זיך דערהערט סעריאָזשקעס שטימע הינטער איר רוקן.

— וואָס איז עס דיין דאַגה? — האָט זי טרוקן געפרעגט, ניט אַ קוק טוענדיק אויף אים.

— משיקאַווע.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט זי באַטראַכט, אַרויסגענומען אַ פאַפּיראָס, פאַררויכערט און זיך געזעצט רײַנדיק אויף דעם שיפל. דערנאָך, שפּירנדיק, אַז זי האָט ניט קיין לוסט צו ריידן מיט אים, האָט ער איר פריינדלעך געזאָגט:

— ביסט אַ מאָדנע פרויענצימער: — דאָס לויפסטו אַוועק פון אַלעמען, דאָס הענגסטו זיך שיר-ניט ביי אַלעמען אויפן האַלז.

— ביי דיר אפשר הענג איך זיך דאָס אויפן האַלז? — האָט זי קאַלטבלוטיק געפרעגט.

— ניט ביי מיר, נאָר ביי יאַשקען.

— און דיר פאַרדריסט עס?

— ממ... קום לאָמיר זיך דורכריידן אינטים? — האָט סעריאָזשקע פאָרגעלייגט, אַ קלאַפּ געבנדיק איר איבערן פלייצע. זי איז געזעסן צו אים מיט אַ זייט, און ער האָט געזען איר געזיכט, בעת זי האָט אים קורץ אַ זאָג געטאָן:

— רייד.

— וואָס, די האָסט וואַסילין אַוועקגעוואָרפן?

— איך ווייס ניט, — האָט זי געענטפערט, שווייגנדיק אַ ווײַלע. — און צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן?

— אָט אַזוי... פון לאַנגווייליקייט וועגן.

— איך בין איצט אויף אים אין כעס.

— פאַרוואָס?

— ר׳האָט מיך געשלאָגן!...

— נו—נו?... ער? אַזוינער און אַזוינער... טפו! און דו האָסט זיך געלאָזן? — אײ־אײ!

סעריאָזשקע איז געווען איבערראַשט פון איר מעלדונג. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף איר געזיכט און האָט איראָניש געשמאַקעט מיט די ליפּן.

— ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט ער מיך ניט געשלאָגן, — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט האַרץ.

— טאָ וואָס־זשע האָסטו עס?

— ניט געוואָלט.

האָסט אים, ווייזט אויס, שטאַרק ליב, דעם גרויען קאָמער? — האָט איראָניש געזאָגט סעריאָזשקע און האָט זי פאַרדעקט מיט דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס — נו, געשעפטן! און איך האָב געוועזט געטראַכט, אַז דו ביסט ניט פון די דאָזיקע...

— כ׳האָב אַייך קיינעם ניט ליב, — האָט זי ווידער קאַלטבלוטיק געזאָגט, אָפּווערנדיק זיך מיטן האַנט פונם רויך.

— דו ליגסט אַוודאי?

— צו וואָס זאָל איך ליגן? — האָט זי געפּרעגט, און נאָך איר שטים האָט סעריאָזשקע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט ווירקלעך ניט, נאָך וואָס צו ליגן.

— היינט אַז דו ליבסט אים ניט, ווי־זשע ערלויבסטו אים צו שלאָגן דיך? — האָט ער ערנסט געפרעגט.

— איך ווייס דען? וואָס שטייסטו צו?

— וואונדערבאַר!... האָט ער, אַ טרייסל געבנדיק דעם קאָפּ, געזאָגט.

און זיי האָבן ביידע לאַנג געשוויגן.

די נאַכט האָט זיך דערנענטערט, פון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט איפן הימל, האָבן זיך אויפן ים אויסגעלייגט שאָטנס. די כוואַליעס האָבן געהילכט.

דער פייער ביי וואַסילין אויפן ערד־פּאַס איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, אָבער מאַלוואַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אַהין. און סעריאָזשקע האָט געקוקט אויף איר.

— הער! — האָט ער געזאָגט. — דו ווייסט, וואָס דו ווילסט?

— אַז איך וואָלט געוואוסט! — האָט מיט אַ טיפן זיפץ און ווייער שטיל געענטפערט מאַלוואַ.

— ווייסטו הייסט עס ניט? דאָס איז שלעכט! — האָט מיט זיכערקייט ערקלערט סעריאָזשקע. — און איך ווייס שטענדיק, — און מיט אַ טאָן פון טריער האָט ער דערקלערט: נאָר זעלטנווען ווילט זיך מיר עפעס.

— מיר וויל זיך דווקא שטענדיק עפעס וואָס, — האָט מאַלוואַ פאַרטראַכטערהייט גענומען ריידן. —נאָר וואָס?... ווייס איך אַליין ניט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך זיך געזעצט אין אַ שיפל און מאַרש אין ים! ווי־ייט! און קיינמאָל ניט זען מער קיין מענטשן. און אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך יעדער מענטשן אַזוי פאַרדרייט, און געלאָזט דרייען אַרום זיך אַזוי ווי אַ דריידל. כ׳וואָלט אויף אים געקוקט און געקוואָלן. דאָס איז מיר אַ רחמנות אויף אַלעמען און מער פאַר אַלץ — אויף זיך אַליין; דאָס וואָלט איך אַלעמען אויסגעהרגעט. און דערנאָך וואָלט איך זיך אַליין... מיט אַ שרעקלעכן טויט... מיר איז אי אומעטיק אי פריילעך... און די מענטשן זיינען אַלע עפעס אַזעלכע דעמבענע.

— אַ צעפֿילט פאָלק, — האָט שטיל מסכּים געווען סעריאָזשקע. — איך קוק דאָס אַלץ אויף דיר און זע — ביסט ניט קיין קאַץ, ניט קיין פיש... און ניט קיין פויגל... און דאָס אַלץ איז פונדעסטוועגן פאַראַן אין דיר... ביסט ניט ענלעך אויף קיין פרוי.

— אַדאַנק כאָטש פאַר דעם! — האָט מאַלוואַ קלוגיטשקע געשמייכלט.

הינטער דער ביַיט פון די זאַמד־בערגלעך, לינקס פון זיי, האָט זיך באַוויזן די לבנה, באַגיסנדיק זייערע פיגורן און דעם ים מיט דעם זילבערנעם גלאַנץ פון איר שיין. אַ גרויסע און אַ מילדע, איז די לאַנגזאַם געשוואוימען אין דער הויך, איבער בלייען היכל־

געוועלב, און דער העלער גלאַנץ פֿון די שטערן איז געוואָרן בלייך און איז צערונען אין איר גלייכן פֿאַרחלומטן ליכט.

— חי טראַכסט צופֿיל, — דאָס איז די צרה!.... — האָט סע־ריאָזשקע מיט זיכערקייט גענומען ריידן און האָט אַ שליידער געטאָן דעם פּאַפּיראָס אין דער ליפּטן. — און דער, וואָס טראַכט — דעם איז אומעטיק צו לעבן.... מע דאַרף שטענדיק עפּעס טאָן, כּדי מענטשן זאָלן זיך דרייען אַרום דיר... און שפּירן, אַז דו לעבסט.... האָם לעבן דאַרף מען וואָס אָפּטער מישן, כּדי עס זאָל ניט פֿאַרזייערט ווערן... פֿלאָנטער זיך אין דעם לעבן אין אַלע זייטן, כּל־זמן כּוח איז פֿאַראַן — נו, וועט אַרום דיר זיין שטענדיק פֿריילעך.....

מאַלוואַ האָט זיך צעשמייכלט.

— האָם זאָגסטו אפֿשר ריכטיק... וויפֿיל מאָל דוכט זיך מיר, אַז ווען מע זאָל געוועזט אונטערצינדן ביינאַכט דעם באַראַק — אָט וואָלט עס געוואָרן אַ מהומה!

— נאָך אַ מין מהומה! — האָט סעריאָזשקע אויסגעשריען מיט אַנטציקונג און האָט איר אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע. — ווייסטו וואָס..: איך וועל דיך שיין אויסלערנען... לאָמיר עפּעס אָפּאַר־בעטן אַ שטיקל עסק! ווילסטו?

— נו? — האָט מאַלוואַ געפֿרעגט מיט נייגעריקייט.

— די האָסט אים, אָט דעם יאַשקען... גאַנץ נישקשה צעבלאָזט?

— ער שפּריצט מיט פֿייער... האָט זי קלוגיטשקע געשמייכלט.

— נו?... איז העץ זיי אָן איינע אויף די אַנדערע, אים מיטן פֿאָטער! אויף אַן אמת! ס'וועט זיין פֿריילעך... זיי וועלן זיך נעמען רייסן, אַזוי ווי די בערן.... דו וואַרעם אָקאָרשט אונטער דעם אַלטן, און אויך דעם.... דערנאָך וועלן מיר זיי אַרויפֿלאָזן איינע אויף די אַנדערע... אַ?

מאַלוואַ האָט זיך אומגעווענדט צו אים און האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף זיין פֿריילעך־שמייכלענדיק געזיכט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זומער־שפּרינקלעך. באַלויכטן פֿון דער לבנה, האָט דאָס געזיכט אויסגעזען ווייניקער באַשפּרינקלט, ווי בייטאָג, פֿאַר דער שיין פֿון דער זון.

— פאַרוואָס האָסטו זיי ניט ליב? — האָט מאַלוואַ מיט חשד געפרעגט.

— איך?... וואַסילי... איז נישקשה, ניט קיין שלעכטער פּויער, אָבער יאַשקע—דער איז אַ גאָרנישט. באמת גערעדט, האָב איך אַלע פּויערים ניט ליב... זיי זיינען אַלע מנוולים! זיי פאַרשטעלן זיך כלומרשט פאַר יתומים — און מע גיט זיי ברויט און... אַלץ!... זיי האָבן דאָך די „זעמסטווע" און זי טוט שוין פאַר זיי אַלץ... זיי האָבן אַ ווירטשאַפט, האָבן ערד, בהמות... איך בין געווען אַ קוטשער ביי אַ זעמסקין דאָקטאָר, האָב איך זיך גענוג אָנגעזען פון זיי... דערנאָך האָב איך אַ היפּש ביסל אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט. ס'טרעפט אַמאָל, דו קומסט אין אַ דאָרף, דו בעטסט אַ שטיקל ברויט — נעמט מען דיך באַלד אויפן צימבל: ווער ביסטו און וואָס ביסטו, און צי האָסטו אַ פּאַס... היינט וויפיל מענטשן האָט מען געשלאָגן... דאָס פלעגן זיי אָננעמען פאַר אַ פערד־גנב, דאָס סתם אַזוי... גענומען און אַריינגעזעצט אין אַרעסט....

זיי קרעכצן און פאַרשטעלן זיך, נאָר לעבן קאָנען זיי: — זיי האָבן אָן וואָס אָנצוהאַלטן זיך — זיי האָבן ערד. אָבער וואָס בין איך קעגן זיי?

— און דו ביסט ניט קיין פּויער? — האָט אים מאַלוואַ, וואָס האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע האַסטיקע רייד, איבערגעשלאָגן.

— איך בין אַ שטאָטיקער! — האָט סעריאָזשקע אָפּגעלייקנט מיט אַ געווויסער גדלות. — אַ נכתב פון דער שטאָט אוי־אַנגלימש.

— און איך בין פון פּאָוליש... — האָט מאַלוואַ פאַרטראַכטער־הייט דערקלערט.

— איך האָב קיינעם ניט, ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען! און די פּויערים... זיי, די טייוואָלים, זיי קאָנען לעבן. זיי האָבן אי אַ זעמסטווע, אי אַלץ.

— וואָס איז דאָס אַזינס — זעמסטווע? — האָט מאַלוואַ געפרעגט.

— וואָס דאָס איז? — שרים ווייסן זי, וואָס דאָס איז! ס'איז פאַר די פֿייערים, אָן אמת אוא, וואָס פֿירט אָן מיט זייערע ענינים.... לאָך זיך אוים דערפֿון... דו רייד בעסער צום ענין... מאַך עפּעס אָן צווישן זיי אַ שטיקל מחלוקת, אַ? קיין שרעקלעכע זאַך וועט דאָך דערפֿון ניט אַרויסקומען... מע וועט זיך אַ ביסל צעררייסן פֿאַר די נעזער און שוין... און איך וועל דיר העלפֿן! וואָסלי האָט דאָך דיך געשלאָגן? נו, איז זאָל אים זיין אייגענער זון באַצאָלן פֿאַר דיינע קלעפּ

— וואָס־זשע מיינסטו? — האָט מאַלוואַ געשמייכלט — ס'איז אפֿשר אַ ענין...

— דו גיב נאָר אַ טראַכט... איז דען ניט אָנגענעם, ווען מענטשן רייבן זיך איינע די אַנדערע די זייטן בלויז צוליב דיינע ווערטער?... האָסט אַ פּאָר מאָל אַ מאַך געטאָן מיט דער צונג — און... שוין מער דאַרפֿסטו ניט!

סעריאָזשקע האָט לאַנג און מיט ברען איר געגעבן צו דער־קלערן וועגן דעם רייץ פֿון איר חאָלע. ער האָט איינצייטיק אי געשפּאָט, אי גערעדט ערנסט, אי אַליין מיטגעריסן געוואָרן פֿון זיין פּלאַן.

— עך, ווען איך וואָלט עס געווען אַ שיינע פֿריי! כ'וואָלט שוין איינמאָל אָנגעמאַכט אַ טומל אויף דער וועלט! האָט ער צום סוף אויסגעשריען, און האָט דערנאָך געכאַפּט זיין קאָפּ אין די הענט, האָט אים שטאַרק פֿאַרקוועטשט, האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן און איז שטום געוואָרן.

ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, איז שוין די לבנה געשטאַנען הויך אין הימל. און זיי האָט זיך די שיינקייט פֿון דער נאַכט נאָך פֿאַרגרעסערט. איצט איז בלויז געבליבן דער גרענעצלאָזער פֿיי־ערלעכער ים, וואָס איז געווען באַזילבערט פֿון דער לבנה, און דער בלויער הימל, וואָס איז געווען באַזייט מיט שטערן. אויסער דעם זיינען נאָך געווען בערגלעך זאַמד, די ווערבע־קוסטעם צווישן זיי און די צוויי לאַנגע שמוציקע בנינים אויפֿן זאַמד, וואָס זיינען געווען ענלעך אויף ריזיקע, גראָב־צונויפֿגעקלאַפּטע טרונעס. אָבער דאָס

אַלין האָט אויסגעזען עלנט און נישטיק אַנטקעגן דעם מעכטיקן ים, און די שטערן, וואָס האָבן געקוקט אויף דעם, האָבן גע־בלישטשעט קאַלט.

דער פאָטער מיטן זון זיינען געזעסן אין דעם בוידל איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און האָבן געטרונקען בראָנפן. דעם בראָנפן האָט געבראַכט מיט זיך דער זון, כדי ס'זאָל ניט זיין לאַנגווייליק צו זיצן ביים טאַטן און אויך כדי מפצה זיין אים; סע־ריאָזשקע האָט דערציילט יאַקאָוון, אַז דער פאָטער איז בייז אויף אים פאַר מאַלוואַן, און ער סטראַשעט מאַלוואַן, אַז ער וועט זי ממיתן; אַז מאַלוואַ ווייס פון דער דראָאונג און דערפאַר וויל זי זיך אים, יאַקאָוון, ניט אונטערגעבן. סעריאָזשקע האָט זיך מיט אַ בייז־קייט לוסטיק געמאַכט איבער זיי:

— אָי, וועט ער דיר געבן פאַר דייינע חפצית! ער וועט דיר אַזוי אָנדרייען פאַר די אויערן, אַז זיי וועלן זיך אויסציען אויף אַן אַרשין די לענג. די וואַרף זיך אים בעסער ניט אין די אויגן!

ער תוזק פון דעם דאָזיקן געלן, אומאָנגענעמען יונג האָבן ביי יאַקאָוון אַרויסגערופן אַ שאַרפן האַס צום פאָטער. און מאַלוואַ ברעקלט זיך נאָך איך דאָ, און מיט איר קוקן אויף אים, דאָס אַריסרופנדיק, דאָס אומעטיק, דערפירט זי זיין פאַרלאַנג צו באַזיצן זי ביז ווייטאָג... און זי דערמאָנט אים אויך רק וועגן פאָטער.

איז אָט, איז יאַקאָוו געקומען צום פאָטער און קוקט אויף אים, אַזוי ווי אויף אַ שטיין, וואָס ליגט אויף זיין וועג, אַזוי ווי אויף אַ שטיין, וואָס ס'איז אוממעגלעך אי אַריבערצושפּרינגען, אי אויסצומיידן. נאָר אַזוי ווי ער האָט געשפירט, אַז ער האָט פאַרן פאָטער להלוטין קיין שום מורא ניט, האָט יאַקאָוו מיט זיכערקייט געקוקט אין זיינע אומעטיקע, בייזע אויגן, גלייך ער וואָלט אים געזאָגט:

— אַ־נו, גיב נאָר אַ ריר?!

זיי האָבן שוין געהאַט צוויי מאָל אויסגעטרונקען, נאָר האָבן נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן, אויסער עטלעכע ווייניק־באַדייטנדיקע ווערטער, וועגן דעם לעבן אויפן פיש־געווערב.

איינער אויפֿן איינעם, אין מיטן ים, האָבן זיי געזאַמלט אין זיך כּעס, איינער קעגן אַנדערן און האָבן בײדע געוואוסט, אַז באַלד וועט ער זיך אָנצינדן און וועט זיי אָפּרענען.

די ראָזשאָזשעס פֿונם בײַחל האָבן געשאַרכט אינם ווינט, די ראָזשאָזשע-פֿעדעם האָבן געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע און די רויטע שמאַטע האָט עפּעס געפּלאַפּלט אין דער הייך אויפֿן עק פֿלאָקן. די אַלטע קלאַנגען זײַנען געווען ציטעריקע און זײַנען געווען ענלעך אויף אַ ווייטן געמורמל, וואָס האָט וועגן עפּעס אומלאָגיש און אומ-אַנטשלאָסן געבעטן. די ים-כוואַליעס ווידער האָבן געחישט, אַזוי ווי שטענדיק, — פֿרײַ און גלײַכגילטיק.

— וואָס, סערױאָזשקע טרינקט נאָך אַלץ? — האָט וואַסילי בײַז געפֿרעגט.

— טרינקט... ער איז יעדן אָוונט שיכּור... — האָט דער זון געענטפֿערט, און אָנגעגאָסן דעם פֿאָטער נאָך בראָנפֿן.

— ער איז אַ פֿאַרפֿאַלענער... אָט דאָס ווערט פֿונם פֿרײַען לעבן... אָן מורא... און דו וועסט אויך אַזוי זײַן ווי ער...

יאַקאָוו האָט ניט ליב געהאַט סעריאָזשקען און דעריבער האָט ער קורץ געענטפֿערט:

— איך וועל ניט זײַן, אַזוי ווי ער!

— וועסט ניט זײַן?! — האָט וואַסילי, כמורענדיק די ברעמען, געזאָגט. — כ'ווייס, וואָס איך זאָג.... וויפֿיל צײַט וואוינסטו דאָ? שוין דער דריטער חודש, דאַרפֿסט שוין באַלד גיין אַהיים, נו, און וויפֿיל געלט וועסטו פֿון דאַנען אַוועקטראָגן? — ער האָט בײַז אַ פֿליכע געטאָן פֿונם קוביקל אין מויל אַרײַן די בראָנפֿן, וואָס דער זון האָט אים אָנגעגאָסן, און אַרײַננעמענדיק די באָרד אין האַנט אַרײַן, האָט ער זי אַזאַ צי געטאָן, אַז דער קאָפּ האָט זיך בײַ אים אַ טרייסל געטאָן.

— פֿאַר אַזאַ קורצער צײַט קען מען דאָ קיין סך ניט אָנקלײַבן...— האָט יאַקאָוו געענטפֿערט מיט שׂכל.

— אַ, אַזוי-גאָר, איז האָסטו דאָך ניט וואָס אַרומצוואַלגערן זיך דאָ — גיי דיר צוריק אין דאָרף אַרײַן!

יאַקאָוו האָט געשוויגן און האָט קלוגיטשקע געשמייכלט.

— וואָס מאַכסטו מיר פאַר אַ מיאוסע העוויות? — האָט וואַ-סילי אויסגעשריען מיט אַ חאָרישן טאָן און איז אַריין אין גרימ-צאָרן, זעענדיק, ווי דער זון איז רויק. — דער טאַטע רעדט, און דו לאַכסט גאָר! צו-פרי האָסטו אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון זיך!

יאַקאָוו האָט אָנגעגאָסן בראָנפן און האָט אויסגעטרונקען. דאָס ראָזיקע גראָבע טשעפּען זיך צו אים האָט אים באַליידיקט, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט ניט געוואָלט ריידן, וואָס ער האָט געטראַכט און ווי ער האָט געוואָלט, כּדי ניט אויפצורייצן דעם פאָטער. איצט האָט ער אַ ביסל געציטערט פאַר זיין בליק, וואָס האָט געבליצט מיט האַרטקייט און שטרענגקייט.

און וואַסילי, אַז ער האָט דערזען, ווי דער זון האָט אויסגע-טרונקען איינער אַליין, און האָט אים ניט אָנגעגאָסן, איז נאָך מער אַריין אין גרימצאָרן, וואָס פון דעם איז ער געוואָרן רויִקער און שאַרפער.

— דער טאַטע זאָגט צו דיר — גיי אַהיים, און דו שמייכלסט? איך זאָג דיר קורץ און אָפן... רעכן זיך אויס שבת, וואָס דיר קומט, און... מאַרש אין דאָרף. דו הערסט?

— כ'וועל ניט גיין! — האָט יאַקאָוו, אַ ציטער געבנדיק מיטן גאַנצן קערפער, פעסט געזאָגט און האָט עקשנותדיק אַ שאָקל גע-טאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס הייסט, דו וועסט ניט גיין? — האָט זיך וואַסילי צערוועט און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן דעם פּעטל, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. — איך רייד צו דיר, אָדער ניין? וואָס, דו הונט איינער, וועסט ריידן אַנטקעגן אַ טאַטן? האָסט פאַרגעסן, אַז איך קען מיט דיר מאַכן, וואָס איך וויל? האָסט פאַרגעסן?

די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט און דעם פּנים האָבן גע-קרימט קאָנוואַלסיעס, צוויי אָדערן האָבן זיך אָנגעבלאָזן אויף זיינע שלייפן.

— איך האָב קיין זאַך ניט פאַרגעסן... — האָט יאַקאָוו אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל, ניט קוקנדיק אויפן פאָטער; — זע ניקאָרשט, צי דו געדענקסט אַלץ?

— ס'איז ניט דיין עסק מיך צו לערנען! כ'וועל אויף שטיקלעך צעהאַקן....

יאַקאָוו האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם טאַטנס האַנט, וואָס איז געווען אויפגעהויבן אויף זיין קאָפּ, און, שפּירנדיק, ווי די ווילדע רציחה נעמט אין אים קאָכן, האָט ער מיט פאַרדריקטע ציינער אַ זאָג געטאָן:

— זאָלסט מיך ניט אָנרירן... דאָ איז דיר ניט אין דאָרף.

— שווייג! איך בין דיר אומעטום אַ פאָטער...

— דאָ וועסטו אין וואָלאָסט ניט שמייסן, דאָ איז אַזאַ, אַ וואָלאָסט דייסטו עס, ניטאָ... — האָט אים יאַקאָוו מיט שפּאָט אַריינגעלאַכט גלייך אין פּנים אַריין און האָט זיך אויך לאַנגזאַם אויפגעהויבן.

זיי זיינען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן.

מיט בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן האָט וואַסילי, אויסציענדיק פאַר אים די האַלדז, צונויפגעפּרעסט די ציינער און האָט געעטעמט דעם זין אין פּנים אַריין מיט אַ הייסן אָטעם, וואָס איז געווען צונויפגעמישט מיט אַ ריח פון בראָנפן; און יאַקאָוו איז אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און האָט מיט אַ צאָרנדיקן בליק אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט נאָך יעדער באַוועגונג פון דעם פאָטער, גרייט אָפּצושלאָגן די קלעפּ און זייענדיק אויסערלעך רויק, נאָר איינגאַנצן באַדעקט מיט אַ הייסן שווייס. צווישן זיי איז געשטאַנען אַ פעסל, וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ טיש.

— כ'וועל ניט שמייסן? — האָט הייזעריק געפרעגט וואַסילי, און האָט אויסגעבויגן דעם רוקן, ווי אַ קאָטער, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טאָן.

— דאָ — זיינען אַלע גלייך... דו ביסט אַן אַרבעטער און איך אויך.

— אַזוי גאָ־אָר?

— נו ווי דען? וואָס האָסטו זיך אָנגעטאָן אין מיר? מיינסט, איך פאַרשטיי ניט? תּחילת האָסטו אַליין....

וואַסילי האָט גענומען ברומען און האָט אַזוי שנעל אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט, אַז יאַקאָוו האָט ניט באַוויזן אָפּצורוקן זיך. דער זעץ האָט אים געטראָפן אין קאָפּ, ער האָט זיך אַ

פּאַקל געטאָן און האָט אויסגעשטשירעט די ציינער אויף דעם חוצשן געזיכט פון דעם פּאָטער, וואָס האָט שוין ווידער געהאַט אויפגעהויבן די האַנט.

— היט זיך... האָט ער אים געוואָרנט, צונויפדריקנדיק די פויסטן.

— איך וועל דיר... היטן זיך!

— לאָז אָפּ!

— אַהאַ... הי!... דו ווייסט דעם פּאָטער?... דעם פּאָטער?... דעם פּאָטער?... זיי איז דאָ געווען ענג, אונטער די פיס ביי זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט זעק פון זאַלץ, אַן איבערגעקערט פעסל, אַן אָפּגעזעגט שטיקל קלאָץ.

אָפּוועריקנדיק זיך מיט די פויסטן פון דעם פּאָטערס קלעפּ, איז יאַקאָוו, אַ בלייכער און אַ פאַרשוויצטער מיט פאַרקוועטשטע ציינער און אַן אָנגעכמורעטער, מיט אַ וועלפיש־ברענענדיקן בליק, לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן פאַר דעם פּאָטער, און יענער האָט זיך גערוקט אויף אים, פּאָכנדיק מיט די הענט און דער לופטן, מיט ווילדער בייזקייט, בלינד אין זיין כעס; ער איז עפּעס פּלוצלונג און משונהדיק געוואָרן אָנגעשפּיצט — גלייך ביי אים וואָלטן זיך אָנגעשפּיצט די האָר, ווי אַ ביי אַ צעיושעטן, ווילדן חזיר.

— לאָז צורו.... ס'וועט זיין גענוג... לאָז אָפּ! — האָט יאַקאָוו רויק און מיט אַ בייז־בשורהדיקן טאָן געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון דער טיר פון בידל אויף דער פריי.

דער פּאָטער האָט געריטשעט און איז געקראָכן אויף אים, נאָר זיינע קלעפּ האָבן בלויז געטראָפן דעם זונס פויסטן.

— אַהאָ, ווי ס'האָט דיך... אָהאָ... — האָט אים יאַקאָוו אונטערגעהעצט, שפּירנדיק, אַז ער איז פלינקער און ער האָט ניט מורא.

— וואַרט... — שטיי—יי..

נאָר יאַקאָוו האָט אַ שפּרונג געטאָן אָן אַ זייט און האָט זיך געלאָזט לויפן צום ים

וואַסילי האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אויסגעצויגן די הענט פאָראויס. ער האָט זיך אָבער פאַר-

טשעפּעט מיט דער פֿיס אָן עפּעס און האָט אַ פֿאַל געגעבן מיט דער ברוסט אויפֿן זאַמד. ער האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן אויף די קני און האָט זיך געזעצט, און מיט די הענט איינגעשפּאַרט זיך אין זאַמד. ער איז געבליבן לגמרי אָן כּוחות פֿון דער דאָזיקער פּאַרעניש און האָט אומעטיק גענומען וואָיען אויס דעם ברענענ־דיקן געפֿיל פֿון ניט־באַגיטיקטער באַליידיקונג, אויס דעם ביטערן באַוואוסטזיין פֿון זיין שוואַכקייט....

— פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן — האָט ער זיך צעכריפּעט, אויסציענדיק די האַלז צו יאַקאָוון און אויסשפּייענדיק דעם רציחה־פֿולן שוים פֿון זיינע ציטערנדיקע ליפּן.

יאַקאָוו האָט זיך צוגעטוליעט צום שיפֿל, האָט וואַכזאַם געקוקט אויף אים און האָט אָפּגעווישט מיט דער האַנט דעם צעקלאַפּטן קאָפּ. איין אַרבל פֿון זיין העמד איז געווען אָפּגעריסן און איז געהאַנגען אויף אַ פֿאָדים, דער קראַגן איז געווען צעריסן, און די ווייסע שווייסיקע ברוסט האָט געגלאַנצט אויף דער זון, גלייך זי וואָלט געווען איינגעשמירט מיט פֿעטס. ער האָט איצט געשפּירט אַ פֿאַראַכטונג צו דעם פֿאָטער; ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ שטאַרקערן, און, זעענדיק, ווי דער פֿאָטער, אַ צעשויבערטער און אַ נעבעכדיקער, זיצט אויפֿן זאַמד און דראָעט אים מיט די פֿיסטן, האָט ער געשמייכלט מיט אַ שמייכל פֿון אויבן אַראָפּ און באַליידיקנדיק, ווי עס שמייכלט אַ שטאַרקער צו אַ שוואַכן.

— אַ חנער זאָל דיך אײַנשלאָגן! פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן פֿון מיר.... אויף אייביק!

וואַסילי האָט אַזוי הויך אויסגעשריען זיין קללה, אַז יאַקאָוו האָט זיך ניט ווילנדיק איינגעקוקט אין דער ווייט פֿון ים, אין דער ריכ־טונג פֿון דעם פֿיש־געווערב, גלייך ער וואָלט געטראַכט, אַז דאָרטן וועט מען הערן דעם קראַנקן געשריי פֿון אָנמאַכט.

נאָר דאָרטן זיינען בלויז געווען כוואַליעס און זון. דעמאָלט האָט ער אויסגעשפּיִט אָן אַ זייט און האָט געזאָגט:

— שריי!.... ווער קלעמט זיך דערפֿון? דו אַליין בלויז.... און אַז ביי אונז איז שוין אַזוי אַרויסגעקומען, וועל איך דיר אַלץ וואָס זאָגן.... כּדי מיט איין מאָל צו מאַכן אַ סוף צו אַלץ....

— שווייג... גיי אַוועק פֿון די אויגן... גיי אַוועק! — האָט וואַסילי געשריען.

— אין האָרף וועל איך ניט גיין... כ'וועל דאָ בלייבן ווינטערן... — האָט יאַקאָוו געזאָגט, ניט אַכטנדיק אויף די געשרייען, נאָר ניט אויפֿהערנדיק נאָכצופֿאָלגן דעם פֿאָטערס באַוועגונגען. — מיר איז דאָ בעסער... איך פֿאַרשטיי דאָס, בין ניט קיין שוטה. דאָ איז גרינגער... און ס'איז פֿאַראַן מערער פֿרייהייט.... האָרטן וואָלסטו אויף מיר געווען דער איבערהאַר, ווי דו האָסט געוואָלט, און דאָ — נאַ, ביים!

ער האָט באַוויזן דעם פֿאָטער אַ פֿיג און זיך צעלאַכט ניט הויך, אָבער אַזוי, אַז וואַסילי איז ווידער, אַן אויפֿגעקאָכטער פֿון צאָרן, אויפֿגעשפּרונגען און, כאַפּנדיק אַ רודער, האָט ער זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן און אויסגעשריען מיט אַ הייזעריקן קול:

— דעם פֿאָטער? דעם פֿאָטער איז דאָס אַזוי, אַ? כ'וועל דערהרגענען...

נאָר בעת ער איז, בלינד אין זיין צאָרן, צוגעשפּרונגען צום שיפֿל, איז שוין יאַקאָוו געווען ווייט פֿון אים. ער איז געלאָפֿן אין דער אָפֿגעריסענער אַרבל פֿון העמד האָט זיך נאָך אים געטראָגן אין דער לופֿטן.

וואַסילי האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים דעם רודער, נאָר ער איז ניט דערפֿליגן, און ער האָט זיך ווידער, אַן אָפּגעשוואַכטער, אַ וואָרף געטאָן מיט דער ברוסט אין שיפֿל אַריין און האָט מיט די נעגל געקראַצט די האָלץ פֿון שיפֿל און האָט געקוקט אויפֿן זון, וואָס האָט צו אים געשריען פֿונדערווייטן.

— וואָלסט כאָטש געהאַט בושה! ביסט דאָך שוין גרוי, און ביסט געוואָרן אַזוי ווי אַ חיה צוליב אַ פֿרויענצימער.... עך דו! אין צוריק אין האָרף וועל איך זיך דאָך ניט אומקערן.... כ'וועל זאָך ניט אומקערן! אַליין גיי אַהין.... אַלץ־איינס האָסטו שוין ניט וואָס צו טאָן דאָ....

— יאַשקע! שווייג! — האָט וואַסילי, פֿאַרטײַבנדיק זיין געשריי, זיך צערעוועט. יאַשקע! כ'וועל דיך דערהרגענען.... גיי אַוועק פֿונדאַנען! גיי אַוועק!

נאָר יענער איז שוין געגאַנגען און געלאַכט.

וואַסילי האָט מיט טעמפּע און אומזיניקע אויגן געקוקט, ווי ער גייט. אָט איז ער געוואָרן קירצער, זיינע פיס זיינען אַזוי ווי פאַרזונקען געוואָרן אין דעם זאַמד... ער איז אין אים אַריין ביזן גאַרטל... ביז די אַקסלען... און אָט — שוין ביזן קאָפּ. ניטאָ אים... נאָר אין אַ מינוט אַרום, אַ ביסל ווייטער פון דעם אָרט, וואו ער איז פאַרשוואונדן, האָט זיך ווידער באַוויזן זיין קאָפּ, די אַקסלען, דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן אינגאַנצן... ער איז איצט געוואָרן קלענער... האָט זיך אומגעקערט און קוקט אַהער און שרייט עפּעס.

— פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן! פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן! — האָט וואַסילי געענטפערט אויף דעם זונס געשריי. און יענער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז ווידער אַוועק און... איז ווידער פאַרשוואונדן הינטערן בערגל זאַמד.

וואַסילי האָט נאָך אַ צייט לאַנג געקוקט אין יענער זייט, ביז דער תיקון האָט אים גענומען ברעכן פון דער אומבאַקוועמער פּאָזע, אין וועלכער ער האָט זיך, האַלב־ליגנדיק, צוגעטוליעט צו דעם שיפל און איינגעשפּאַרט זיך אין דעם זאַמד. אַ דערשלאָגענער און אַ צעבראָכענער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט זיך אַ וואַקל געטאָן פון דעם נאָגנדיקן ווייטאָג אין די ביינער. דער גאַרטל האָט זיך ביי אים אַרויפגערוקט אונטער די אָרעמס; ער האָט אים מיט פאַרהילצערטע פינגער פונאַנדערגעבונדן, צוגעטראָגן צו די אויגן און אַ וואָרף געטאָן אויפן זאַמד. דערנאָך איז ער אַוועק אין בידל אין, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן דער פאַרטפינג אינעם זאַמד, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויף דעם אָרט איז ער געפאַלן און ווען ער וואָלט ניט געפאַלן, איז מעגלעך, אַז ער וואָלט דעם זון געכאַפּט. אין בידל איז אַלץ געווען צעוואָרפן. וואַסילי האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן דאָס פלעשל בראָנפן און, געפינענדיק עס צווישן די זעק, האָט ער עס אויפגעהויבן. דער פּראָפּן איז געזעסן פעסט אין העלדזל פון פלעשל און דער בראָנפן האָט זיך ניט אַרויסגעגאָסן. וואַסילי האָט לאַנגזאַם אַרויסגעקאָלופּעט דעם פּראָפּן און, אַריינזוקנדיק דאָס העלדזל פונם פלעשל צו זיך אין האַלדז, האָט ער געוואָלט טרינקען. נאָר די גלאָז פון פלאַש האָט אים

געקלאַפּט אין די ציינער, און דער בראָנפן האָט זיך געגאָסן פון מויל אויפן באָרד, אויף דער ברוסט. דער בראָנפן איז געווען אַזוי ווי וואַסער.

ביי וואַסילין אין קאָפּ איז געווען טונקל, אויפן האַרצן איז געווען שווער, אַ נאָגנדיקער ווייטאָג האָט געבראָכן דעם רוקן.

— איך בין פאַרטן אַלט!... — האָט ער געזאָגט אינדערהייך און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד לעבן אַריינגאַנג איןביידל.

פאַר אים איז געלעגן דער ים — אַ מעכטיקער, פיל מיט כח און שיינקייט... די כוואַליעס האָבן געלאַכט, אַזוי ווי שטענדיק, הייסיקע און שפּילעוודיקע. וואַסילי האָט לאַנג געקוקט אויפן וואַסער און האָט זיך דערמאָנט אָן די גיריקע רייד פון דעם זון:

— ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען ערד! און נאָך שוואַרצע ערד! און מע וואָלט עס צעאַקערט!

אַ שמאַרציקן געפיל פון בענקשאַפט איז דעם פּויער באַפאַלן. ער האָט פעסט אָפּגעווישט די ברוסט, האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און האָט טיף אָפּגעזיפצט. זיין קאָפּ האָט זיך טיף אַראָפּגעלאָזט און דער רוקן האָט זיך איינגעבויגן, גלייך אַ משא וואָלט זיך אויף אים אַרויפגעלייגט. עפּעס אַ ספּאַזמאַטישע שטיקעניש האָט אים פאַרקוועטשט די האַלז. וואַסילי האָט זיך אויסגעהוסט און זיך איבערגעצלמט, קוקנדיק אין הימל אַריין. אַ שווערע מחשבה האָט אים באַהערשט.

...דערפאַר, וואָס ער האָט צוליב אַן אויסגעלאַסענער פרויענצימער אַוועקגעוואָרפן אַ ווייב, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט אין ערלעכער מי איבער אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר, — האָט אים גאָט געשטראָפט, אַז דער זון האָט קעגן אים ווידערשפּעניקט. יאָ, גאָט!

דער זון האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים, — האָט אים שמאַרצלעך אַ ריס געטאָן פאַרן האַרצן... הערהרגענען אים איז ווינציק פאַר דעם, וואָס ער האָט אַזוי צעריסן די נשמה פון זיין פאָטער! פאַרוואָס? צוליב אַ נישטיקער פרוי, וואָס לעבט אַ שענדלעך לעבן!... ער, אַן אַלטער מאַן, איז באַגאַנגען אַ חטא הערמיט, וואָס

ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט איר און האָט פֿאַרגעסן אָן זיין ווייב און אָן זיין זון...

איז אָט האָט גאָט און זיין הייליקן צאָרן אים דערמאָנט, דורך דעם הן האָט ער אים אַ זעץ געטאָן איבערן האַרצן מיט זיין גערעכטער שטראָף.... גאָט, די ביסט גערעכט!...

וואַסילי איז געזעסן אײַנגעבויגן און האָט זיך געצלמט, און האָט אָפט געפינטלט מיט די אויגן, אַראָפּטרייסלענדיק מיט די וויעס די טרערן, וואָס האָבן אים פֿאַרשטעלט די שיין.

און די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין, און אויפֿן הימל האָט זיך שטיל געלאָשן דער מאָרגנרויט. פֿון דער שטומער ווייטקייט האָט זיך צו דעם פּויערס געזיכט, וואָס איז געווען פֿייכט פֿון טרערן, געטראָגן אַ וואַרעמער ווינט. פֿאַרזונקען אין רעיונות פֿון חרטה, איז ער אַזוי לאַנג געזעסן, ביז ער איז אײַנגעשלאָפֿן. ס'איז שוין געווען באַגינען.

אין אַ טאָג אַרום, נאָך דער קריגערײַ מיטן פֿאָטער, איז יאַקאָוו מיט אַ פּאַרטיע אַרבעטער אַוועק אויף אַ באַרקע, וואָס אַ דאַמפֿער האָט בוקסירט, פֿאַר אַ ווערכט דרײַסיק פֿון דעם פֿיש־געווערב, אין אַ בוכטע, צו פֿאַנגען שטערפֿיש. אומגעקערט האָט ער זיך אויף דעם פֿיש־געווערב אין אַ טאָג פֿינף אַרום איינער אַליין אין אַ זעגל־שיפֿל. מע האָט אים געשיקט נאָך פּראָוויאַנט. ער איז געקומען אין האַלבן טאָג, בעת די אַרבעטער האָבן נאָך מיטאָג גערוט. ס'איז געווען אומדערטרעגלעך הייס, דער צעגליטער זאַמד האָט געברענט די פֿיס, און די שופּן מיט די ביינער פֿון די פֿיש האָבן זיי געשטאָכן. יאַקאָוו איז פֿאָרזיכטיק געגאַנגען צו די באַראַקעס און האָט זיך אַליין געטאַדלט, נאַכמאַל ער האָט ניט אָנגעטאָן די שטיוול. אומקערן זיך אויפֿן באַרקאַס האָט ער זיך געפֿוילט; דערצו האָט ער זיך געאײַלט עפּעס אָנצובײַסן און גיין זען מאַלוואַן. פֿאַר דער דאָזיקער לאַנגווײַליקער צײַט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אויפֿן ים, האָט ער זי אָפֿט דערמאָנט. אים האָט זיך איצט געוואָלט דערגיין, צי זי האָט געזען זיין פֿאָטער און וואָס האָט ער איר געזאָגט... אפֿשר האָט ער זי געשלאָגן? שלאָגן שאַדט ניט — וועט זי

ווערן רויִקער. וואָרעם שוין צופֿיל זוכט זי זיך צו קריגן. זי איז אָבער אַ לעבעדיקע שטיק...

אויפֿן פֿיש־געווערב איז געווען שטיל און פּוסט. די פֿענצטער אין די באַראַקן זײַנען געווען אָפֿן, און די דאָזיקע גרויסע, הילצערנע קאַסטנס זײַנען, ווי עס האָט זיך געדוכט, געווען פֿאַרחלשט פֿון היץ. בײַ דעם אויפֿזעער אין קאָנטאָר, וואָס איז געווען פֿאַרבאַהאַלטן צווישן די באַראַקן, האָט מיט די לעצטע כּוחות געשריִען אַ קליין קינד. פֿון הינטער דעם באַרג פֿעסלעך האָבן זיך דערטראָגן עמעצנס שטילע שטימען.

יאַקאָוו איז דרייסט געגאַנגען נאָך זיי: אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט מאַלוואַס רייד. נאָר צוגייענדיק צו די פֿעסלעך און אַ קוק געבנדיק אויף זיי, איז ער אָפּגעטראָטן אויף צוריק און, אָנבלאָזנדיק זיך, איז ער געבליבן שטיין.

הינטער די פֿעסלעך, אין זייער שאָטן, איז מיט דער ברוסט אַרויף, די הענט פֿאַרלייגט אונטערן קאָפּ, געלעגן דער געלער סעריאָזשקע. פֿון איין זײַט איז אים לעבן געזעסן יאַקאָווס פֿאָטער און פֿון דער צווייטער — מאַלוואַ.

יאַקאָוו האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן פֿאָטער: — וואָס טוט ער דאָ? ניט שוין־וושע האָט ער זיך פֿון זײַן רויִקער שטעלע אַריבערגעקליבן אויף דעם פֿיש־געווערב בלויז צוליב דעם, כּדי צו זײַן נעענטער צו מאַלוואַן און אים ניט צולאָזן צו איר? אַך, דו אַלטער טײַוול! ווען די מוטער וואָלט אַלע דײַנע מעשים געוווּסט!... גיין צו זיי, אָדער ניט?

— אַזוי... — האָט סעריאָזשקע געזאָגט — הייסט עס — אַדיע? נו, מילא! גיי גראָב די ערד...

יאַקאָוו האָט אַ ציטער געטאָן און האָט פֿריילעך אַ פֿינטל־געטאָן מיט די אויגן....

— איך גיי... — האָט זײַן פֿאָטער געזאָגט.

דעמאָלט האָט יאַקאָוו דרייסט אַ טראָט געטאָן פֿאָראויס און האָט זיך געגריסט:

— אַ גוט מאָרגן דער זויבערער געזעלשאַפֿט!

דער פּאָטער האָט פאַרבײַגײענדיק אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ בליק און האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זײַט. מאַלווא האָט אַפילו ניט אַ פינטל געטאָן מיט אַ ברעם, און סעריאָזשקע האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער פּנים און האָט געזאָגט מיט אַ געדיכטער שטימע:

— אָט האָט זיך אונזער געליבטער זון יאַשקע אומגע־קערט פון ווײַטע לענדער! — און האָט מיט זײַן געוויינלעכן טאָן צוגעגעבן: — שינדן פון אים די פעל אויף אַ פּויק דאַרף מען.... ווי די פעל פון אַ שעפּס...

מאַלווא האָט זיך שטיל צעלאַכט.

ס'איז הייס! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, אַנידערזעצנדיק זיך לעבן זיי.

וואַסילי האָט ווידער, אַזוי ווי ניט־ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף אים.

— און איך וואַרט אויף דיר דאָ פון פרימאָרגן אָן. נעכטן האָט דער איפּוזער מיר געזאָגט, אַז דו קומסט צו פאָרן... — האָט ער גענומען ריידן.

זײַן שטימע האָט אויסגעוויזן יאַקאָוון צו זײַן שטילער, ווי אַלע מאָל, און דאָס געזיכט איז אויך געווען גלײַך ווי עפּעס אַ ניי געזיכט.

— כ'בין געקומען נאָך שפּייז... — האָט ער געמאָלדן און געבעטן בײַ סעריאָזשקען טאַבאַק אויף אַ פּאַפּיראָס.

— פאַר אַזאַ שוטה ווי דו האָב איך ניט קיין טאַבאַק, — האָט סעריאָזשקע געזאָגט און ניט גערירט זיך פון אָרט.

— איך גיי אַוועק אַהיים, יאַקאָוו, — האָט וואַסילי, בויערנדיק דעם זאַמד מיט דעם פינגער פון דער האַנט, שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— וואָס עפּעס? — האָט דער זון אויף אים נאַיִוו אַ קוק געטאָן.

— נו, און דו... בלײַבסט?

— יאָ, איך בלײַב... וואָס וועלן מיר ביידע טאָן אין דער היים?

— נו... איך וועל דיר גאָרנישט ניט זאָגן. טו ווי דו ווילסט.... ביסט ניט קיין קליינער. זאָלסט נאָר דאָס... זאָלסט נאָר גע־

דענקען, אַז איך וועל לאַנג ניט ציען: לעבן וועל איך אפשר לעבן. נאָר אַרבעטן ווייס איך שוין ניט, צי איך וועל קענען... איך בין שוין אָפּגעווינט, כּשמעות, פון דער ערד... איז געדענק־זשע, דו האָסט דאָרטן אַ מאַגען.

אים איז, ווײַזט אויס, שווער געווען צו ריידן: די ווערטער זײַנען אַזוי ווי געבליבן שטעקן צווישן די ציינער. ער האָט געגלעט די באָרד, און זײַן האַנט האָט געציטערט.

מאַלוואַ האָט דורכדרינגלעך אויף אים געקוקט... סעריאָזשקע האָט פאַרשמירעט איין אויג, און דאָס צווייטע האָט ער געמאַכט קיילעכיק און האָט אים אויסגעשטעלט אויף יאַקאָווס געזיכט. יאַקאָוו איז געווען פול מיט פרייד, און, מורא האָבנדיק אַרויסצוווײַזן דאָס, האָט ער געשוויגן און געקוקט אויף זײַנע פיס.

— פאַרגעס־זשע ניט, יאַקאָוו, וועגן דער מאַמען.... געדענק, ביסט איינאיינציקער בײַ איר, — האָט וואַסילי געזאָגט.

— וואָס איז דאָרטן אַזוי? — האָט יאַקאָוו געזאָגט, אויבקאָרטשענדיק זיך, — איך ווייס.

— אויב דו ווייסט, איז גוט... — האָט דער פאָטער, אַ קוקגעבנדיק אויף אים מיט אומצוטרוי, געזאָגט. — איך זאָג נאָר, זע ניט פאַרגעס.

— ני...

וואַסילי האָט טיף אָפּגעזיפצט. עטלעכע לאַנגע מינוטן האָבן אַלע דרײַ געשוויגן. דערנאָך האָט מאַלוואַ געזאָגט:

— באַלד וועט מען נעמען קלינגען צו דער אַרבעט...

נו, איך גיי... — האָט וואַסילי, אויפהויבנדיק זיך, געמאָלדן. און אַלע איבעריקע זײַנען אויפגעשטאַנען נאָך אים.

— אַדיע, סערגיי... אויב ס'וועט דיר אַמאָל אויסקומען צו זײַן אויף דער וואָלגע — וועסט אפשר פאַרבלאָנדזשען?... סימבירסקער געגנט, דאָרף מאַזילאַ, ניקאָלאָ־ליקאָווער וואָלאַסט....

— רעכט, — האָט געזאָגט סעריאָזשקע, האָט אים אַ טרייסל געטאָן די האַנט און, ניט אַרויסלאָזנדיק זי פון זײַן אָדערדיקער לאַפּע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט געלע האָר, האָט ער אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכל אויף זײַן טרויעריק און ערנסט געזיכט.

— ליקאָווע־ניקאָלסק איז אַ גרויס דאָרף... עס הערט זיך ווייט, און מיר געפינען זיך פון אים — פיר וויאָרסט, — האָט וואסילי הער־קלערט.

— נו, נו... כ'וועל פאַרבלאָנדזשען אַמאָל... אַז ס'וועט אויסקומען...

— זיי געזונט!

— זיי געזונט, ליבער מענטש!

— זיי געזונט, מאַלוואַ! — האָט וואסילי געזאָגט מיט אַ דומפּן קול און האָט ניט געקוקט אויף איר.

זי האָט מיטן אַרבל לאַנגזאַם אויסגעווישט אירע ליפּן און, פאַרוואַרפנדיק אירע ווייסע הענט אויף זיינע אַקסלען, האָט זי אים דריי מאָל שווייגנדיקערהייט און ערנסט אַ קוש געטאָן אין די באַקן און אין די ליפּן.

ער האָט זיך פאַרלאָרן און האָט אַ ברום געטאָן עפּעס אומ־פאַרשטענדלעכס. יאַקאָוו האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט פאַר־באַהאַלטן דעם שמייכעלע, און סעריאָזשקע איז געווען רויִק און האָט אַפילו לייכט אַ גענעץ געטאָן, קוקנדיק בשעת־מעשה אין הימל אַריין.

— ס'וועט דיר זיין היים צו גיין, — האָט ער געזאָגט.

— ס'מאַכט ניט אויס... נו, זיי געזונט, יאַקאָוו!

— זיי געזונט!

זיי זיינען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן און ניט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן. דאָס טרויעריקע וואָרט „זיי געזונט“, וואָס האָט אַזוי אָפט און איינטאָניק געקלונגען אין דער לופט אין די דאָזיקע סעקונדעס, האָט דערוועקט אין יאַקאָווס נשמה אַ וואַרעם געפיל צום פאָטער, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי אויס־צודריקן אים: צי אַרומנעמען דעם פאָטער, ווי דאָס האָט געטאָן מאַלוואַ, צי דריקן אים די האַנט, ווי סעריאָזשקע? און וואַ־סילין האָט געקרענקט די אומאַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין דעם זונס פּאָזע און אויף זיין געזיכט, און חוץ דעם האָט ער געשפּירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען נאָענט צו בושה, פאַר יאַקאָוון. די ערינערונגען וועגן דער סצענע אויפן ערד־

פּאַס אין מאַלוואַס קוש האָבן ביי אים דאָס דאָזיקע געפיל אַרויסגעריסן.

— איז... געדענק אָן דער מאַמען! — האָט וואַסילי צום סוף געזאָגט.

— אָבער גיט שוין! — האָט יאַקאָוו מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויסגעשריען. — באַאומרויק זיך ניט... און איך וועל שוין!....

און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו... און שוין! לעבט אייך דאָ, זאָל אייך גאָט געבן... דערמאָנט ניט צום שלעכטן... דעם קעסעלע האָב איך, סערגעי, פאַרגראָבן אין זאַמד אונטער דעם הינטערשטן טייל פון שיף, לעבן דעם גרינעם שיפל.

צו וואָס דאַרף ער דען דעם קעסעלע? — האָט יאַקאָוו שנעל געפרעגט.

— מען האָט אים באַשטימט אויף מיין אָרט... אַהין אויפן ערד־פּאַס... — האָט וואַסילי דערקלערט.

יאַקאָוו האָט מיט קנאה אַ קוק געטאָן אויף סעריאָזשקען, אויף מאַלוואַן און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, באַהאַלטנדיק דעם פריילעכן גלאַנץ אין זיינע אויגן.

— זייט געזונט, ברידער... איך גיי

וואַסילי האָט זי צו זיי פאַרבויגט און איז אַוועקגעגאַנגען. מאַלוואַ האָט זיך געלאָזט נאָך אים.

— כ'וועל דיך באַגלייטן אַ ביסל.

סעריאָזשקע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן זאַמד און האָט יאַקאָוון, וואָס האָט שוין אויך געהאַט אַ שפּריין געטאָן נאָך מאַלוואַן, אָנגעכאַפּט פאַרן פוס

— טפּרוּ! וואוהין?

— וואַרט! לאָז אָב... — האָט זיך יאַקאָוו געהאַט אַ ריס געטאָן.

נאָר סעריאָזשקע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער צווייטער פוס.

— זיץ מיט מיר אַ ביסל...

— נו־נו! וואָס מאַכסטו זיך נאַריש?

— איך מאַך זיך ניט נאַריש!... און דו זעץ זיך אַקאָרשט! יאַקאָוו האָט זיך געזעצט, פֿאַרקוועטשנדיק די ציינער.

— וואָס ווילסטו?

— וואַרט! זאָל שווייג אַקאָרשט, איך וועל אַ טראַכט טאָן, דערנאָך וועל איך זאָגן...

ער האָט אַן אימהדיקן בליק געטאָן אויף דעם בחור, מיט זיינע פֿרעכע אויגן, און יאַקאָוו האָט זיך אים אונטערגעגעבן....

מאַלוואַ און וואַסילי זיינען אַ ביסל צייט געגאַנגען שווייגנדיקערהייט. זי האָט פֿון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף זיין געזיכט, און אירע אויגן האָבן איבערמעדליש געגלאַנצט. און וואַסילי האָט זיך בייז אָנגעכמורעט און האָט געשוויגן. זייערע פֿיס האָבן געהינקען אין זאַמד און געגאַנגען זיינען זיי לאַנגזאַם...

— וואַסיאַ!

— וואָס?

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און האָט זיך תּיכּף אָפּגעקערט.

— וואָס האָב איך דאָך בכּיוון דיך צעקריגט מיט יאַשקען... איר וואָלט אַזוי אויך געקענט לעבן דאָ, ניט קריגנדיק זיך — האָט זי געזאָגט רויִק און גלייך; קיין סימן פֿון חרטה האָט ניט געקלונגען אין אירע ווערטער!

— צו־וואָס־זשע האָסטו עס געטאָן? — האָט וואַסילי, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געפֿרעגט.

— כ׳ווייס ניט... אָט אַזוי!...

זי האָט אַ קניטש געגעבן מיט די אַקסלען, און האָט שפּאָטיש געשמייכלט.

— אַ פֿיינע זאַך האָסטו געטאָן! עך דו! — האָט ער זי געטאַדלט מיט אַ בייזער שטימע

זי האָט געשוויגן.

— וועסט מיר קאַליע מאַכן דעם בחור, וועסט אים קאַליע מאַכן ביזן גרונט! עך־מאַ! מכשפֿה דו, מכשפֿה... האָסט קיין מורא ניט פֿאַר גאָט... האָסט קיין בושה ניט... וואָס טוסטו?

און וואָס דאַרף מען טאָן? — האָט זי אים געפרעגט. און איר פראַגע האָבן געקלונגען עפּעס אַ שרעק, אַ עגמת-נפש.

— וואָס? עך, דו!... האָט וואַסילי אויסגעשריען.

ער האָט שטאַרק געוואָלט געבן איר אַ קלאַפּ, אַ וואָרף טאָן די אונטער זיינע פיס און איינטרעטן אין זאַמד, זעענדיק מיט די שטיוול אין ברוסט און געזיכט. ער האָט צונויפגעדריקט אַ פויסט און האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק.

נאָרט לעבן די פעסלעך האָבן אַרויסגעשטאַרצט יאַקאָווס און סעריאָזשקעס פיגורן, און זייערע פנימער זיינען געווען געווענדט צו אים.

— טראָג זיך אָפּ פונדאַנען.... גיי אַוועק! איך וואָלט דיך אויף צווייען איבערגעבראָכן... ער האָט זיך איבגעשטעלט און האָט איר אַריינגעשעפּטשעט די זידל-ווערטער כמעט אין געזיכט אַריין. די אויגן זיינען ביי אים געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט, די באָרד האָט זיך געטרייסלט, און די האַנט האָט זיך ניט-ווילנדיק געצויגן צו אירע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם קאָפּטיכל.

זי ווידער האָט אויף אים געקוקט רויק מיט אירע גרינע אויגן.

— כ'וואָלט דיך באַדאַרפט דערהרגענען, דו אויסגעלאַסענע פרוי איינע! וואַרט... וועסט זיך נאָך אָנרייסן... מע וועט דיר צע-ברעכן דעם שאַרבן.

זי האָט געשמייכלט, געשוויגן אַ ווײַלע, און דערנאָך, טיף אָפּ-זיפצנדיק זיך, האָט זי אים אַ וואָרף געטאָן:

— נו, גענוג... אַדיע!

און געגעבן זיך מיט איינמאָל אַ דריי אום, איז זי אַוועק אויף צוריק.

וואַסילי האָט גערעוועט נאָך איר און האָט געקנאַקט מיט די ציינער. און מאַלוואַ איז געגאַנגען און האָט זיך אַלץ געפּלייסט צו טרעפן מיט אירע פיס אין וואַסילי'ס קלאָרע טיפע שפורן, וואָס זיינען געווען אָפּגעדריקט אין זאַמד, און טרעפנדיק אויף אַזאַ שפור, האָט זי אים פלייסיק אָפּגעווישט מיט איר פוס. אַזוי איז

זי לאַנגזאַם געגאַנגען ביז האַרט לעבן די פֿעסלעך, וואו סעריאָזשקע האָט זי באַגעגנט מיט אַ פֿראַגע:

— ני, באַגלייט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן צו אים מיטן קאָפּ אויף יאָ און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבנאַנאַנד מיט אים. און יאַקאָוו האָט אויף איר געקוקט און ליבלעך געשמייכלט, און האָט אַזוי באַוועגט מיט די ליפּן, גלייך ער וואָלט געשעפּטשעט עפּעס, וואָס בלויז ער אַליין האָט געקענט הערן.

— איז וואָס... האָסטו אים באַגלייט, און איצט באַדויערסטו? — האָט זי סעריאָזשקע ווידער געפֿרעגט מיט די ווערטער פֿון דעם ליד.

— ווען גייסטו אַהין, אויף דעם ערד־פּאַס? — האָט זי אים געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע און געשאָקלט מיטן קאָפּ צום ים.

— אינאָוונט.

— איך גיי אויך מיט דיר...

— זייער וואויל!... דאָס האָב איך ליב.

— און איך גיי אויך! — האָט יאַקאָוו קאַטעגאָריש געמאָלדן.

— ווער רופֿט דיך? — האָט סעריאָזשקע זשמורענדיק מיט די אויגן געפֿרעגט.

ס׳האָט זיך דערהערט דער הייזעריקער קלונג פֿון דעם צעבראָכענעם גלאָק — דער רוף צו דער אַרבעט. די קלאַנגען האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע אײַליק געטראָגן אין דער לופֿטן און זיינען אָפּגעשטאָרבן אין דעם פֿריילעכן שאָרכען פֿון די כוואַליעס.

— אָט רופֿט זי! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, קוקנדיק אויף מאַלוואַן מיט אַן אַחיסרון.

— איך? אויף וואָס דאַרף איך דיך? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— לאָמיר ריידן אָפֿן, יאַשקע... — האָט סערגעי, שטעלנדיק זיך, שטרענג געזאָגט, — אויב דו וועסט צו איר זיך נעמען בינדן, — וועל איך דיך אויף פּיצלעך צערייבן! און אויב דו וועסט

זי אָנרירן מיט אַ פינגער — וועל איך דיך דערהרגענען, ווי אַ פליג! כ'וועל אַ זעץ טאָן איבערן מוח — און ס'וועט זיין נאָך דיר! ביי מיר איז עס — פשוט!

דאָס גאַנצע געזיכט זיינע, די גאַנצע פיגור און די קניפּלדיקע הענט, וואָס האָבן זיך אַ צי געטאָן צו יאַקאָווס האַלז, האָבן זייער איבערצייגנדיק גערעדט וועגן דעם, ווי איינפאַך ס'איז פאַר אים צו דערהרגענען אַ מענטשן.

יאַקאָוו איז אָפּגעגאַנגען אויף אַ טראָט צוריק און האָט מיט אַ געדריקטן קול געזאָגט:

— וואַרט אָקאָרשט! זי האָט דאָך אַליין...

— שווייג — און שוין! ווער ביסטו אַזוינס? ניט דו, הונט, דאַרפסט עסן שעפּסנפלייש; זאָג אַדאַנק פאַר די ביינער... נו? וואָס גלאָצסטו מיט די עינים?

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַלוואַן. אירע גרינע אויגן האָבן געשמייכלט אין זיינע אייגן אַריין מיט אַ באַליידיקנדיקן שמייכעלע, און זי האָט זיך פון דער זייט אָנגעשפּאַרט אויף סעריאָזשקען אַזוי צערטלעך, אַז יאַקאָוון האָט באַדעקט אַ שווייס.

זיי זיינען אַוועק פון אים, האַרט איינע לעבן די אַנדערע און, אָפּגייענדיק אַ ביסל, האָבן זיי זיך ביידע צעלאַכט מיט אַ הויכן געלעכטער. יאַקאָוו האָט פעסט אַריינגעדריקט די רעכטע פוס אין זאַמד אַריין און איז פאַרשטאַרט געוואָרן אין אַ אָנגעשטרענגטער פּאָזע מיט אַ רויטן געזיכט און מיט אַ שווערטעמענדיקער ברוסט.

ווייט, איבער די געלע, טויטע זאַמד־כוואַליעס האָט זיך באַוועגט אַ קליינע און טונקעלע מענטשלעכע פיגור; רעכטס פון איר, האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון דער ליכטיקער און מעכטיקער ים, און לינקס, האַרט ביים האָריזאָנט, זיינען געלעגן די זאַמד, איינטאָניקע, אומעטיקע, וויסטע. יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם איינזאַמען מענטשן און, אַ פינטל טוענדיק מיט די אויגן, פול מיט באַליידיקונג און פאַרחידושונג, האָט ער מיט ביידע הענט זיך פעסט געווישט די ברוסט...

און אויף דעם פיש־געווערב האָט גענומען קאָכן די אַרבעט.

יאַקאָוו האָט געהערט מאַלוואַס זאַפּטיקע, ברוסטיקע שטים. וואָס האָט שטאַרק געשריען:

— ווער האָט גענומען מיין מעסער?...

די כוואַליעס האָבן געקלונגען, די זון האָט געשיינט, דער ים האָט געלאַכט...

וואַסקע דער רויטער.

אין איינער אַ שטאָט בײַ דער וואָלגע האָט מיט אַ קורצער קורצער צײַט צוריק געדינט אין אַ „פֿרײלעך הײזל" אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיטן נאָמען וואַסקע, מיטן צונאָמען „דער רויטער". דעם צונאָמען האָט מען אים געגעבן פֿאַר זײַנע העל=רויטע האָר און דעם דיקן געזיכט, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פֿון רוי פֿלייש. ער האָט געהאַט גראָבע ליפּן און גרויסע אויערן, וואָס האָבן געשטאַרצט אויף זײַן שאַרבן, ווי אויערלעך אויף אַ וואַש=כּלי, און מיט דעם אַכזריותדיקן אויסדרוק פֿון זײַנע קלײנינקע פֿאַרבלאָזטע אייגעלעך האָט ער געבראַכט מענטשן צום שטוינען; די אייגעלעך זײַנען בײַ אים געווען פֿאַרשוואָמען מיט שמאַלץ, האָבן געגלאַנצט, ווי שטיקער אײַז, און ניט געקוקט אויף זײַן זאַטער, לײַביקער פֿיגור, האָט זײַן בליק שטענדיק געהאַט אַזאַ אויסדרוק, גלײַך דער מענטש וואָלט געווען טויט=הונגעריק. ניט קיין הויכער און אַ פֿעסט=געבוי=טער, האָט ער געטראָגן אַ בלויען קאַזאַקין*), ברייטע טוכענע הויזן און גלאַנציקע אויסגעפּוצטע שטיוול מיט קליינע פֿאַלבן. זײַנע רויטע האָר האָבן זיך געקרײַזט אין לאָקן, און בעת ער פֿלעגט אָנטאָן איפּן קאָפּ זײַן פֿראַנטיש היטל און זיי פֿלעגן אַרויסקריכן פֿון אונטערן היטל און זיך לייגן אויף זײַן ראַנד — דעמאָלט פֿלעגט זיך דאַכטן, אַז בײַ וואַסקען איפּן קאָפּ איז אַ רויטער קראַנץ.

מיטן צונאָמען רויטער האָבן אים גערופֿן די חברים, אָבער די מיידלעך האָבן אים גערופֿן תּליון, ווײַל ער האָט ליב געהאַט אָנצוטאָן זיי עינויים

---

*) אַזאַ מין בגד

אין שטאָט זיינען געווען אייניקע היכשולן, ס'איז געווען אַ גרויסע יוגנט, דעריבער האָבן אין איר די „פריילעכע הייזלעך" געבילדעט אַ גאַנצן קוואַרטאַל: אַ לאַנגע גאַס מיט אייניקע געסלעך. וואַסקען האָט מען געקענט אין אַלע הייזער פון דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, זיין נאָמען האָט אָנגעיאָגט אַ פחד אויף די מיידלעך, און בעת זיי האָבן זיך צוליב־עפּעס געקריגט און געאַמפּערט מיט דער באַלעבאָסטע — האָט זיי די באַלעבאָסטע געדראָט:

— זעט!... פירט מיך ניט אַרויס פון געדולד... איך וועל רופן וואַסקען דעם רויטן!...

טיילמאָל איז געווען גענוג די דאָזיקע דראָונג, אַז די מיידלעך זאָלן זיך באַרויקן און אָפּזאָגן זיך פון זייערע פאָדערונגען, וואָס זיינען צייטנווייז געווען פולקום געזעצלעכע און גערעכטע, ווי אַ שטייגער, די פאָדערונג צו פאַרבעסערן דאָס עסן אָדער דאָס רעכט צו גיין שפּאַצירן. און ווען די דאָזיקע דראָונג איז געווען ווייניק צו באַרויקן די מיידלעך, — האָט דערמאָלט די באַלעבאָסטע גערופן וואַסקען.

ער פלעגט קומען צו גיין מיט אַ לאַנגזאַמען גענגל פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך ניט נאָך וואָס צו אײַלן, פלעגט זיך פאַרשפּאַרן מיט דער באַלעבאָסטע אין איר צימער, און דאָרט פלעגט אים די באַלעבאָסטע אָנווייזן אויף די מיידלעך, וועלכע מען דאַרף באַשטראָפן.

אויסגעהערט שווייגנדיק איר אָנקלאָגע, פלעגט ער איר זאָגן קורץ:

— רעכט...

און פלעגט אַוועקגיין צו די מיידלעך. דערזעענדיק אים, פלעגן זיי ווערן בלאַס און נעמען ציטערן; ער האָט דאָס געזען און האָט געהאַט הנאה פון זייער שרעק. אויב די סצענע פלעגט זיך אָפּשפּילן אין קיך, וואו די מיידלעך פלעגן עסן מיטאָג אָדער טרינקען טיי, — פלעגט ער לאַנג שטיין ביי דער טיר, קוקנדיק אויף זיי, שווייגנדיק און אומבאַוועגלעך, ווי אַ סטאַטוע, און די מאָמענטן, ווען ער איז געווען אומבאַוועגלעך, זיינען געווען פונקט אַזוי פיינלעך פאַר די מיידלעך, ווי די עינויים, וואָס ער פלעגט זיי אָנטאָן.

אַ קוק געטאָן אויף זיי, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ גלייכ־גילטיקן און הייזעריקן קול:

— מאַשקע! קום נאָר אַהער....

— וואַסילי מיראָגיטש! — פֿלעגט דאָס מיידל מיילבאַל זאָגן מיט תחנונים און קאַטעגאָריש: — דו זאָלסט מיך ניט טשעפּען! ניט טשעפּען.... ווּעסטו טשעפּען — וועל איך זיך דערשטיקן...

— קום, נאָר איינע, כ׳וועל דיר געבן אַ שטריק... — האָט גלייכגילטיק, אָן אַ שמייכעלע אַפֿילו, געזאָגט וואַסקע.

ער האָט שטענדיק אויסגעפֿירט, אַז די שולדיקע זאָל אַליין גיין צו אים.

— כ׳וועל שרייען גוואַלד... כ׳וועל די שייבן אויסברעכן...—האָט דאָס מיידל, פֿאַרכלינענדיק זיך פֿון שרעק, אויסגערעכנט אַלץ, וואָס זי קען טאָן.

— ברעך די שייבן... און איך וועל דיך צווינגען זאָלסט זיי עסן... — זאָגט וואַסקע.

און דאָס איינגעשפּאַרטע מיידל האָט זיך על־פּי־רוב אונטער־געגעבן, איז געגאַנגען צום תליון; אויב זי האָט עס אָבער ניט געוואָלט, איז וואַסקע אַליין צו איר געגאַנגען, האָט זי גענומען פֿאַר די האָר און אַ וואָרף געטאָן איבן דיל. אירע אייגענע חבר־טעס גופֿא, — און זייער אָפּט אויך די חברטעס, וואָס האָבן דווקא געהאַלטן מיט איר, — האָבן איר געבונדן די הענט מיט די פֿיס, האָבן איר פֿאַרבונדן דעם מויל און דאָ טאַקע, אויף דער דיל פֿון קיך, אין פֿאַר זיי אין די אויגן, האָט מען די שולדיקע געשמיסן. טאָמער איז דאָס געווען אַ כוואַט אַ מיידל, וואָס האָט זיך געקענט אַפֿילו קלאָגן, האָט מען זי געשמיסן מיט אַ דיקן רימען, כּדי ניט צו צעהאַקן איר די הויט, און דורך אַ ליילעך, איינגענעצט אין וואַ־סער, כּדי אויפֿן לייב זאָלן ניט בלייבן קיין רויטע פֿלעקן. ־מע האָט אויך זיך באַנוצט מיט לאַנגע און דינע זעקלעך, אָנגעפֿילט מיט זאַמד און שטיין־זאַמד, — אַזאַ זעקל, אַז מ׳פֿלעגט מיט אים אַ זעץ טאָן אין דעם הינטער־חלק, פֿלעגט פֿאַרשאַפֿן דעם מענטשן אַ טעמפּן ווייטאָג, און דער דאָזיקער ווייטאָג פֿלעגט זיך אַ לאַנגע צייט לאָזן שפּירן...

אַגב, האָט זיך די אַכזריות פון דער שטראָף געווענדט ניט אַזוי אָן דעם כאַראַקטער פון דער שולדיקער, ווי אָן דער גרייס פון איר שולד און אָן וואַסקעס סימפּאַטיע. טיילמאָל פלעגט ער אַפילו די דרייסטע מיידלעך שמייסן אָן שום פאַרזיכט און אָן שום רחמנות; אין קעשענע פון זיינע ברייטע הויזן איז ביי אים שטענדיק געלעגן אַ קאַנטשיק מיט דריי עקן, אַריינגעטאָן אויף אַ קורצן דעמבענעם העלצל, וואָס איז געווען אָפּגעפּאָלירט פון אָפטן געברויך. אין די רימענס פון דעם דאָזיקן קאַנטשיק איז מייסטערהאַפט געווען אַריינגעטאָן אַ דראָט, פון וועלכן עס האָט זיך געבילדעט אַ פּענזל. שוין דער ערשטער קלאַפּ מיט דעם קאַנטשיק האָט דורכגעהאַקט די הויט ביז די ביינער, און אָפטמאָל האָט מען, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם ווייטאָג, צוגעלייגט צו דעם צעשניטענעם רוקן אַ זענעפטל, אָדער טיכלעך איינגענעצט אין שטאַרק־געזאַלצענע וואַסער.

באַשטראָפנדיק די מיידלעך, איז וואַסקע קיינמאָל ניט געווען אין כעס. ער איז שטענדיק געווען אויף איין אופן שווייגעדיק, גלייכגילטיק, און זיינע אויגן האָבן קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם אויסדרוק פון אומגעזעטיקטן הונגער; ער האָט זיי בלויז פון צייט צו צייט פאַרזשמורעט, וואָס פון דעם זיינען זיי געוואָרן שאַרפער...

די פאָרמען פון דער שטראָף האָבן זיך ניט באַגרעניצט מיט די דאָזיקע מיטלען אַליין — וואַסקע איז געווען אומאויסשעפּלעך אין זיין פאַרשיידנאַרטיקייט, און זיין ראַפינירטקייט אין פייניקן די מיידלעך האָט זיך דערהויבן ביז אַ שאַפונג.

צום ביישפּיל: אין איינעם פון די „פריילעכע הייזלעך" האָט אַ גאַסט געוואָרפן אַ חשד אויף דער מיידל, ווערא קאָפּטיעווא, אַז זי האָט ביי אים צוגענומען טויזנט רובל. דער דאָזיקער גאַסט, אַ סיביריער סוחר, האָט געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז ער איז געווען ביי ווערען אין צימער מיט איר און מיט איר חברטע שרה שערמאַן; די לעצטע איז, אָפּזיצנדיק מיט אים ביי אַ שעה, אַוועקגעגאַנגען, און מיט ווערען איז ער געבליבן אויף אַ גאַנצער נאַכט, און איז אַוועק פון איר אַ שיכורער

מען האָט דעם ענין אַוועקגעלאָזט מיט זיין געזעצלעכן גאַנג; אַ צייט לאַנג האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג, די באַשולדיקטע האָט מען ביזן משפט אַריינגעזעצט אין טורמע, ס'איז געווען אַ פּראָצעס אין, אַזוי ווי קיין באַווייזן זיינען ניט געווען, האָט מען זי באַפרייט.

אומקערנדיק זיך נאָכן פּראָצעס צו זייער באַלעבאָסטע, האָט מען די ביידע חברטעס ווידער גענומען אויפן פאַרהער; די באַלעבאָסטע איז געווען זיכער, אַז די גנבה — איז זייערס אַ שטיקל אַרבעט, און האָט געוואָלט באַקומען פון זיי אַ חלק.

שרהן איז געלונגען צו דערווייזן, אַז זי האָט ניט קיין שום שייכות צו דער האָוויקער גנבה; דעמאָלט האָט זיך די באַלעבאָסטע מיט פליים גענומען צו ווערע קאַפּטיעווען. זי האָט זי פאַרשפּאַרט אין באָד און דאָרט האָט זי זי געשפּייזט מיט געזאַלצענעם קאַוויאַר, אָבער ניט געקיקט אויף דעם און אויף פיל אַנדערע זאַכן, האָט זיך דאָס מיידל ניט מודה געווען, וואו זי האָט באַהאַלטן דאָס געלט. מע האָט באַדאַרפט אָנקומען צו וואַסקעס הילף.

מע האָט אים צוגעזאָגט הונדערט רובל, אויב ער וועט ביי איר אַרויסבאַקומען, וואו עס געפינט זיך דאָס געלט.

און אָט האָט זיך איינמאָל ביינאַכט, אין באָד, וואו ווערע איז געזעסן, באַוויזן אַ טייוול.

ער איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע צעקודלטע האָר, און פון זיינע האָר איז געגאַנגען אַ ריח פון פאַספאָר און אַ בלויער לייכטנדיקער רויך. צוויי פייערדיקע פונקען האָבן געפינקלט ביי אים אָנשטאָט אויגן. ער האָט זיך געשטעלט לעבן דער מיידל און האָט ביי איר מיט אַ שרעקלעכער שטימע געפרעגט:

— וואו איז דאָס געלט?

פון אימה איז זי אַראָפּ פון זינען

געווען איז עס ווינטער. אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט מען זי, אַ נאַקעטע, און איין העמד, געפירט פון באָד אין הויז איבערן טיפן שניי, זי אָבער האָט שטילינקערהייט געלאַכט און האָט גערעדט מיט אַ גליקלעכער שטימע:

— מאָרגן וועל איך ווידער גיין מיט דער מאַמען צו דער בייטאָגיקער קלויסטער־תּפילה.... כ'וועל ווידער גיין... ווידער גיין צו דער בייטאָגיקער קלויסטער־תּפילה....

בעת שׂרה שערמאַן האָט זי דערזען אין אַזאַ לאַגע, האָט זי שטיל אין פאַרלוירן ערקלערט פאַר אַלעמען:

— דאָס האָב איך דאָך געגנבעט דאָס געלט...

ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס האָט מער דאָמינירט בײַ די מיידלעך אין זייער באַציִונג צו וואַסקען — צי די מורא פאַר אים אָדער דער האַס צו אים.

זיי האָבן זיך געהאַנדלט צו אים און געזוכט אײַנצוקויפן זיך בײַ אים אין אַ לאַסקע. יעדערע פון זיי האָט זיך געפלײַסט צו האָבן דעם כּבוד צו זײַן זײַן געליבטע און אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיי אַלע צוגערעדט זייערע „קרעדיט־פּעיקע" בוזעם־פריינט, די געסט אין די באַקאַנטע „הייזל־יונגען", צו שלאָגן וואַסקען. ער האָט אָבער געהאַט אַ מוראדיקן כּוח און האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעטרונקען ביז שיכּור ווערן — ס'איז אים שווער געווען בײַצוקומען. ניט איינמאָל האָט מען אים אַרײַנגעשאָטן סם אין עסן, אין טיי אין ביר, און איינמאָל אַפילו גאַנץ געלונגען, ער איז אָבער געזונט געוואָרן. ער האָט זיך עפּעס יאָ אָנגעשטויסן, אַזוי ווי ווען אַלץ, וואָס ס'איז אונטערגענומען געוואָרן קעגן אים; ס'איז אָבער ניט געווען קענטיק, אַז דאָס וויסן, מיט וואָס ער ריזיקירט, וואָלטנדיק צווישן אָן אַ שיעור פיינד, זאָל פאַרקלענערן אָדער פאַרגרעסערן זײַן קאַלטע אַכזריות צו די מיידלעך. קאַלטבלוטיק, אַזוי ווי שטענדיק, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, אַז איר וואָלט מיך מיט די ציינער צעביסן, ווען איך וואָלט זיך נאָר געמאַכט די געלעגנהייט.... נו, אָבער אומזיסט קאָכט איר זיך... מיט מיר וועט גאָרנישט פּאַסירן.

אין פונאַנדערגעשפּרייט זײַנע דיקע ליפּן, האָט ער מיט זיי אַ פּאָטשקע געטאָן די מיידלעך אין געזיכט אַרײַן — ווײַזט אויס, ער האָט געלאַכט פון זיי.

ער איז געווען בלאַט מיט די פּאָליציי־לייט, מיט אַזעלכע חי ער אַליין איז געווען, מיט די „הייזל"־יונגען און מיט די שפּיאָנעס, וואָס זיינען שטענדיק פיל פאַראַן אין די שאַנד־הייזער. אָבער צווישן זיי האָט ער ניט געהאַט קיין פריינט, קיין איינעם פון זיינע באַקאַנטע האָט ער ניט געוואָלט זען אָפטער, איידער עמעצן אַן אַנדערן, צו אַלעמען האָט ער זיך באַציגן גלייך און אַבסאָלוט גלייכגילטיק.

מיט זיי האָט ער געטרונקען ביר, און האָט גערעדט וועגן די סקאַנדאַלן, וואָס האָבן יעדע נאַכט פּאַסירט אין דעם פּאָליציי־באַצירק. אַליין איז ער ערגעץ ניט געגאַנגען פון זיין „הייזל", אויב מע האָט אים ניט גערופן „וועגן אַן עניין", ד. ה. כדי אָפּצושטילן אָדער — ווי דאָרטן פלעגט מען זאָגן — כדי „אָנצושרעקן" אַ וועלכע ס'איז מיידל.

דאָס „הייזל", וואו ער האָט געדינט, האָט געהערט צו די דורכשניטלעכע „הייזלעך". פאַר אַ באַזוך האָט מען פון יעדן גאַסט גענומען צו דריי רובל, פאַר אַ גאַנצע נאַכט — צו פינף רובל. די באַלעבאָסטע פון „הייזל", טעקלע יערמאָלאַיעוונע, אַ רויע, דיקע פרוי פון אַ יאָר פופציק, אַן ערך, איז געווען אַ נאַיישע, אַ שלעכטע, האָט מורא געהאַט פאַר וואַסקען, האָט אים זייער געשעצט און האָט אים געצאָלט פופצן רובל אַ חודש מיט קעסט און קוואַרטיר, — אַ קליין, קבר־אַרטיק צימערל אויבן סאַלקע. אין איר „הייזל" האָט, אַדאַנק וואַסקען, צווישן מיידלעך געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג; געווען זיינען זיי עלף, זייערע און אַלע זיינען זיי געווען געהאָרכזאַם, ווי די שעפסן.

געפינענדיק זיך אין אַ גוטמוטיקער שטימונג, האָט טעקלע יערמאָלאַיעוונע אָפט זיך באַרימט מיט אירע מיידלעך, ווי מע באַרימט זיך מיט חזירים אָדער מיט קי.

— ביי מיר איז דאָ סחורה — פּרימאַ, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק צופרידן און שטאָלץ. — אַלע מיידלעך זיינען פרישע, יאַדערדיקע — גאָר דער עלטסטער איז זעקס־און־צוואַנציק יאָר. אַחוץ אויף צו ריידן מיט איר איז זי אפשר אַ מיידל ניט קיין אינטערעסאַנטע, אָבער דערפאַר האָט זי אַ גוף! גיט נאָר אַ קוק, פּאָטערל — אַ צאַצקע, ניט קיין מיידל. — קסושקאַ! קום נאָר אַהער...

קסישקאַ איז צוגעגאַנגען, האָט זיך געוויגט, אַזוי ווי אַן ענטעלע, פון איין זייט אויף דער אַנדערער, דער גאַסט האָט זי מער־וויניקער „באַקוקט“ געניי און איז שטענדיק געבליבן צופרידן פון איר קער־פער.

דאָס איז געווען אַ מיידל פון מיטעלן וואוקס, אַ דיקע און אַזאַ פעסטע, גלייך מע וואָלט זי מיט האַמערס אויסגעשמידט. די ברוסט איז ביי איר געווען אַ מעכטיקע, אַ הויכע, דאָס פּנים אַ קיילעכיקס, דאָס מויל אַ קליינטשיקס, מיט דיקע, בונט־רויטע ליפּן. די שטומע און גאָרניט אויסדריקנדיקע אויגן האָבן דערמאָנט אָן צוויי פּאַטשער־קעס אויף דעם געזיכט פון אַ ליאַלקע, און די שטומפּיקע נאָז און די לעקעלעך האָר איבער די ברעמען, וואָס האָבן פאַרענדיקט איר ענלעכקייט צו אַ ליאַלקע, האָבן אַפילו די כאַמע אומפּרעטענציעזע געסט אָפּגעשלאָגן יעדן חשק צו ריידן מיט איר וועגן עפּעס.

געוויינטלעך פלעגט מען איר פּשוט זאָגן:

— קום!

און זי פלעגט גיין מיט איר שווערן, וואַקלדיקן גאַנג, שמייכלענדיק זינלאָז און וואַרפנדיק מיט די אויגן פון רעכטס אויף לינקס, ווי עס האָט איר געהייסן די באַלעבאָסטע און וואָס ס'האָט געהייסן פאַרלאַנגען דעם „גאַסט“, — גלייך פון דעם מאָמענט אָן, ווען זי פלעגט אַ רייך־פאַרפּרצטע, אינאָווענט אַריינגיין אין זאַל, וואָס איז נאָך געווען פּוסט, און אַזוי פלעגן זיך אירע אויגן באַוועגן פון איין זייט אויף דער צווייטער די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין זאַל: איי־נע אַליין, מיט חברטעס, אָדער מיט אַ גאַסט — אַלץ איינס

זי האָט געהאַט נאָך אַן אויסטערלישן מאַניער: אַרומגעוויקלט איר לאַנגן צאָפּ, וואָס האָט געהאַט אַ קאָליר פון נייע ראָגאָזשע־פּע־דעם, אַרום איר האַלז, האָט זי אים ענדלעך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ברוסט און האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך פאַר אים מיט דער לינקער האַנט, — גלייך זי וואָלט אויף איר האַלז געטראָגן אַ פּעטליע....

זי האָט געקענט דערציילן וועגן זיך, אַז מע רופט זי אַקסיניאַ קאַלוגינאַ, און אַז שטאַמען שטאַמט זי פון ריאַזאַנער גובערניע, אַז זי איז אַ מיידל, האָט איין מאָל „געזינדיקט“ מיט פעדקען, האָט

געבוירן אַ קינד און איז געקומען צו פֿאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט מיט דער פֿאַמיליע פֿון אַן „אַקציזניק“, איז בײַ זײ געװען אַן אָם, און דערנאָך, בעת דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָט מען איר אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע און מע האָט איר „אָנגעדונגען“ אַהער. אָט איז שוין פֿיר יאָר, װי זי לעבט דאָ.

— געפֿעלט דיר? — האָט מען איר געפֿרעגט.

— נישקשה. כ׳בין זאַט, אָנגעשיכט, אָנגעקלײדט... איך בין נאָר אומרויִק אָט... און װאַסקע אויך... טשעפּעט זיך אַלץ, דער טײוול...

— דערפֿאַר איז אָבער פֿרײלעך!?

— װאָ? — האָט זי געפֿרעגט, „לאָקנדיק דעם גאַסט“.

— אָט־דאָ... ס׳איז דען ניט פֿרײלעך?

— נישקשה!... — האָט זי געענטפֿערט און, אומקערנדיק דעם קאָפּ, האָט זי באַקוקט דעם זאַל, גלײך זי האָט געװאָלט דערזען, װאו איז זי, אָט די פֿרײלעכקײט?

אַרום איר איז אַלץ געװען שיכור און רױשיק, און אַלץ, פֿון דער באַלעבאָסטע און די חברטעס, ביז די פֿאָרמען פֿון די שפּאַלטן אויפֿן סופֿיט, איז איר געװען באַקאַנט.

גערעדט האָט זי מיט אַ געדיכטער באַנשטימע און געשמײכלט האָט זי בלױז דאַן, װען מע האָט זי געקיצלט; זי האָט געלאַכט הײך, װי אַ געזונטער פֿױער, און האָט זיך אינגאַנצן געטרײסלט פֿון געלעכטער. די סאַמע נאַרישסטע און גוזינסטע צװישן אירע חברטעס, איז זי געװען װײניקער אומגליקלעך, אײדער זײ, דען זי איז נעענטער פֿון זײ געװען צו דעם מין חיה.

פֿאַרשטײט זיך, אַז מערער װי אַלע, האָבן פֿאַר װאַסקען מורא געהאַט און איבערגעהאַט די מײדלעך פֿון דעם הויז, װאו ער איז געװען אַ „הײזל־יונג“. אין אַ שיכורן צושטאַנד האָבן די מײדלעך ניט פֿאַרבאָרגן די דאָזיקע געפֿילן און האָבן זיך אינדערהױך געקלאָגט אויף װאַסקען, אָבער אַזױ װי די געסט זײנען צו זײ געקומען ניט כּדי צו פֿאַרטײדיקן זײ, האָבן די אָנקלאָגעס ניט געהאַט קײן זין און ניט געבראַכט קײן רעזולטאַטן. אין די־יעניקע פֿאַלן,

ווידער, ווען די אנקלאַגעס פּלעגן זיך אויפהויבן ביז אַ היסטערישן געשריי און אַ געיאָמער און וואַסקע האָט זיי געפּלעגט הערן, — האָט זיך זיין קאָפּ באַוויזן אין טיר פון זאַל און די גלייכגילטיקע הילצערנע שטימע האָט געזאָגט:

— עי, די, מאַך ניט קיין נאַרישע העוויות....

— תליין! מנוול! — האָט געשריען אַ מיידל — ווי וואַגסטו מיך צו קאַלעטשען? גיט אַ קוק, הערעלע, ווי ער האָט מיך צעפּאַסקעט מיט דעם קאַנטשיק.... — און די פּריילין האָט געמאַכט אַ פּרווו אַראָפּצוציִען פון זיך דעם ליף....

דעמאָלט איז וואַסקע צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי גענומען פאַרן האַנט און, ניט ענדערנדיק די שטים, — וואָס איז געווען באַזונדערס שרעקלעך, — האָט ער זי איינגעשטילט:

— טומל ניט... באַרויק זיך. וואָס גוואַלדעוועסטו גלאַט אין דער וועלט אַריין? — ביסט שיכּור... היט זיך!

כּמעט שטענדיק איז עס געווען גענוג, און זייער זעלטן פּלעגט אים אויסקומען אַרויסצופירן אַ מיידל פון זאַל.

קיינמאָל האָט קיין מיידל ניט געהערט פון וואַסקען קיין איין בייזנדלעך וואָרט, הגם פיל פון זיי זיינען געווען זיינע קעבסווייבער. ער האָט זיי גענומען פּשוט: איז אים צוליב־עפּעס געפעלן געוואָרן דאָס אָדער יענע מיידל, האָט ער איר געזאָגט:

— היינט וועל איך צו דיר קומען נעכטיקן...

דערנאָך איז ער צו איר געגאַנגען אַ געוויסע צייט און האָט אויפגעהערט, ניט זאָגנדיק איר קיין וואָרט.

— אָט אַ טייוול! — האָבן זיך וועגן אים אָפּגערופן די מיידלעך. — עפּעס גאָר אַ הילצערנער אַזאַ....

אין זיין „הייזל" האָט ער, נאָך דער ריי, געלעבט כּמעט מיט אַלע מיידלעך, ער האָט אייך געלעבט מיט אַקסיניען. און דווקא בעת ער האָט מיט איר געהאַט באַציונגען, האָט ער זי איינמאָל אומברחמנותדיק געשמיסן.

אַ געזונטע און אַ פוילע, האָט זי זייער ליב געהאַט צו שלאָפן און אָפט פּלעגט זי איינשלאָפן אין זאַל, ניט געקוקט אויף דעם טומל, וואָס האָט אים אָנגעפילט. זיצנדיק ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל, האָט

זי פּלוצלונג אויפגעהערט צו „פאַרלאָקן דעם גאַסט" מיט אירע נאַרישע אויגן, וואָס האָבן זיך אומבאַוועגלעך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ געגנשטאַנד, דערנאָך האָבן זיך די וויעס לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט און זיך פאַרמאַכט, און איר אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאַנגען און האָט אַנטפּלעקט די גרויסע, ווײַסע ציינער. ס׳האָט זיך דערהערט אַ זיס כראָפּען, וואָס האָט בײַ די חברטעס און די געסט אַרויסגערופן אַ הויכן געלעכטער, נאָר דער געלעכטער האָט אַקסיניען ניט אויפגעוועקט.

מיט איר פלעגט אָפט אַזוינס פּאַסירן; די באַלעבאָסטע האָט זי שטאַרק געזידלט, האָט זי געפּאַטשט איבער די באַקן, נאָר די קלעפּ האָבן ניט איבערגעשראָקן דעם שלאָף — זי פלעגט זיך נאָך דעם אויסוויינען און ווײַטער שלאָפן.

אָבער פאַר דעם ענין האָט זיך גענומען וואַסקע.

איינמאָל, בעת דאָס מיידל איז אײַנגעשלאָפן, זיצנדיק אויפן דיוואַן לעבן אַ שיכּורן גאַסט, וואָס האָט אויך געדרעמלט, איז וואַסקע צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי שווײַגנדיקערהייט אָנגענומען פאַרן האַנט, האָט זי אַוועקגעפירט נאָך זיך.

— ניט שײַן־זשע וועסטו שלאָגן? — האָט אַקסיניע בײַ אים געפרעגט.

— מע דאַרף... — האָט וואַסקע געזאָגט.

בעת זיי זײַנען געקומען אין קיך, האָט ער איר געהייסן זיך אויסטאָן.

— זאָלסט כאָטש ניט שטאַרק... — האָט אים אַקסיניע געבעטן.

— נו, נו...

זי איז געבליבן אין איין העמד.

— צי אַראָפּ! — האָט וואַסקע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

— אָט ביסטו עס אַ בעזחרפּהטניק — האָט דאָס מיידל אָפּגעזיפצט און האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די העמד.

וואַסקע האָט איר אַ שמײַס געטאָן מיטן קאַנטשיק איבער די פּלייצעס.

— גיי אויפן הויף!

— וואָס רעדסטו? ס'איז דאָך ווינטער... ס'וועט מיר זיין קאַלט...
— רעכט! דו קענסט דען פילן?...

ער האָט זי אַריינגעשטיסן אין דער טיר פון קיך, האָט איר דורכגעפירט, אונטערשמייכנדיק מיטן רימען, איבערן פּודהויז און האָט איר אויפן הויף געהייסן זיך לייגן אויף אַ בערגל שניי.

— וואַסיאַ... וואָס טוסטו?

— נו, נו!

און אַ שטויס געטאָן זי מיטן פּנים אין דעם שניי, האָט ער אין אים אַריינגעקוועטשט איר קאָפּ, כּדי עס זאָלן זיך ניט הערן אירע געשרייען, און האָט זי אַ לאַנגע צייט געשמיסן מיטן רימען, זאָגנדיק דערביי:

— דרעמל ניט, דרעמל ניט, דרעמל ניט!...

בעת ער האָט איר שוין אָפּגעלאָזן, האָט זי, שוידערנדיק פון קעלט און ווייטאָג, דורך טרערן און געוויין, אים געזאָגט:

— וואַרט אָקאָרשט, וואַסקע! ס'וועט קומען דיין צייט... וועסט אויך וויינען! ס'איז דאָ אַ גאָט, וואַסקע!

— רייד נאָך! – האָט ער איר רויק געזאָגט. — פּרוּוו נאָר נאָך איין מאָל איינשלאָפן אין זאַל, וועל איך דיך דעמאָלט אַרויספירן אויפן הויף, וועל אָפּשמייסן און אָפּגיסן דיך מיט וואַסער...

דאָס לעבן האָט זיך זיין חכמה, און די דאָזיקע חכמה רופט מען צופאַל; טיילמאָל באַלוינט זי אונז, אָבער אָפטער ווי אַלץ איז זי זיך נוקם, און פּונקט אַזוי ווי דו זון גיט יעדער זאַך איר שאָטן, פּונקט אַזוי גרייט צו די לעבנס-חכמה פאַר יעדערן זיין שכר. דאָס איז ריכטיק, דאָס איז אומפאַרמיידלעך, און מיר אַלע דאַרפן דאָס געדענקען....

דער טאָג פון באַצאָלונג איז אויך אָנגעקומען פאַר וואַסקען.

איינמאָל אינאָוונט, בעת די האַלב-אָנגעטאָנענע מיידלעך האָבן געגעסן אָוונטברויט, אײדער זיי האָבן באַדאַרפט אַריינגיין אין זאַל, האָט איינע פון זיי, לידאַ טשערנאָראָוואַ, אַ רירעוודיקע און אַ בייזע בלאָנדינע, אַ קוק געבנדיק אין פענסטער געמאָלדן:

— וואַסקע איז געקומען צו פאָרן.

— ס'האָבן זיך דערהערט אייניקע קאָמערפולע זידל־ווערטער.

— זעט־נאַר! האָט איס:עשריען לידע. — ער איז.... שיכור! מיט אַ פּאָליציאַנט.... זעט־נאַר!

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטער.

— מע נעמט אים אַראָפּ... ער גייט ניט אַליין.... מיידלעך! — האָט מיט פרייד איס:עשריען לידע. — ער האָט זיך, משמעות, געמיזט צעקלאַפּן!

אין קיך האָט זיך דערהערט אַ געתייש פון זידלערייען און בייזן געלעכטער, — אַ פריידגעלעכטער פון נקמה־נעמער. די מיידלעך האָבן, שטויסנדיק איינע די אַנדערע, זיך געוואָרפן אין פירהויז מקבל־פּנים זיין דעם אָנמעכטיקן שונא.

האָרטן האָבן זיי דערזען, ווי דער פּאָליציאַנט און דער פּורמאַן פירן וואַסקען אונטערן האַנט, און דאָס געזיכט איז ביי וואַסקען גרוי, אויפן שטערן זיינען ביי אים אַרויס גרויסע טראָפּנס שווייס און די לינקע פיס שלעפּט זיך נאָך אים נאָך.

— וואַסילי מיראָניטש! וואָס איז דאָס? — האָט די באַלעבאָסטע איס:ען:שריען.

וואַסקע האָט מאַכטלאָז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געענטפערט:

— כ'בין געפאַלן...

— פון פערד־טראַמוואַי אַראָפּגעפאַלן.... האָט דער פּאָליציאַנט דערקלערט. — אַראָפּגעפאַלן אין די פוס, הייסט עס, האָט זיך ביי אים אַרונטערגעדרייט אונטערן האָר! אַ קנאַק... נו, און שוין!

די מיידלעך האָבן געשוויגן, נאָר די אָויגן האָבן ביי זיי געברענט, אַזוי ווי קוילן. וואַסקען האָט מען אַרויפגעטראָגן אין דער הויך אין זיין צימער, אַוועקגעלייגט אויפן בעט, און געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. די מיידלעך האָבן שטייענדיק לעבן געלעגער, איבערגעקוקט זיך איינע מיט די אַנדערע, נאָר האָבן ניט גערעדט קיין איין וואָרט.

— אַוועק פון דאַנען! — — האָט וואַסקע זיי געזאָגט.

קיין איינע פון זיי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— אַהאַ! איר פרייט זיך!...

— ווײַנען דערפֿון וועלן מיר ניט... — האָט לידע געענטפֿערט מיט אַ שמייכעלע.

— באַלעבאָסטע! טרײַב זיי אַוועק פֿון דאַנען... וואָס זײַנען זיי... געקומען!

— שרעקסט זיך? — האָט לידע געפֿרעגט, אָנבייגנדיק זיך צו אים.

— גייט, מײדלעך, גייט אַראָפּ אונטן.... — האָט די באַלעבאָסטע באַפֿוילן.

זיי זײַנען אַוועק.

אָבער אַוועקגייענדיק, האָט יעדערע פֿון זיי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בייז־באַשולדיקן בליק, — און לידע האָט שטיל געזאָגט:

— מיר וועלן קומען!

אַקסיניע ווידער, האָט אים אַ דראָע געטאָן מיטן פֿויסט און אַ געשריי געטאָן:

— אוי, טײַוול! וואָס איז — האָסט זיך איבערגעבראָכן? רעכט אויף דיר...

די האָזיקע דרייסקייט אירע האָט זייער ערשטוינט די מיידלעך....

אין אונטן האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ התפּעלות פֿון בייז־פֿרייד־ווידיקייט, אַ נקמה־נעמערישע התפּעלות, אַ שאַרפֿע זיסקייט, וועלכע זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געשפּירט ביז דער צייט. אַרייסגייענדיק פֿון די כּלים מחמת שמחה, האָבן זיי זיך לוסטיק געמאַכט איבער וואַסקען, האָבן געשראָקן די באַלעבאָסטע מיט זייער ווילד־צעווישעטער שטימונג און בּיסלעכווייז אויך זי אָנגעשטעקט מיט דער האָזיקער שטימונג.

אַפֿילו די איז אויך געווען גערן צו זען וואַסקען אַ באַ־שטראָפֿטן פֿונם גורל; ער איז איר אויך געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז, מחמת ער פֿלעגט זיך ווענדן צו איר ניט ווי אַן אָנגעשטעלטער, נאָר ניכער ווי אַ שעף צו אַ סובאָרדינירטער. אָבער די האָט געוואוסט, אַז אָן אים וועט זי ניט קענען האַלטן די

מײדעלעך אין צאַם, און האָט פּאָרזיכטיק אַרױסגעװיזן אירע געפֿילן צו װאַסקען.

ס'איז געקומען צו פֿאָרן דער דאָקטאָר, האָט אַרױפֿגעלײגט אַ באַנדאַזש, האָט פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט און איז אַװעקגעפֿאָרן, זאָגנדיק דער באַלעבאָסטע, אַז ס'װאָלט געװען גלײכער אַװעקצופֿירן װאַסקען אין שפּיטאָל.

— איז װאָס, מײדעלעך! מיר װעלן אפֿשר גאָר גײן געװאַיר װערן אינזער ליבהאַרציקן הולה?! — האָט לידע װאָילעריש אױסגעשריען.

און אַלע האָבן זיך אַ װאָרף געטאָן אינדערהױך מיט געלעכטער און מיט געשרײען.

װאַסקע איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אױגן און, ניט עפֿנענדיק זײ, האָט ער געזאָגט:

— איר זײט שױן װידער געקומען....

— מיר באַזײערן דיך, װאַסילי מיראָניטש.

— צי דען האָבן מיר דיך ניט ליב?

— דערמאָן זיך, װי דו האָסט מיך....

זײ האָבן גערעדט ניט הײך, נאָר אײנדרינגלעך, און אַרומגערינגלט זײן געלעגער, האָבן זײ געקוקט אין זײן גרױ געזיכט מיט בײזע און פֿרײדעװדיקע אױגן. ער האָט אױך געקוקט אױף זײ, און זײנע אױגן האָבן פֿריער קײנמאָל ניט אױסגעדריקט אַזױפֿיל אומגעשטילטן, אומגעזעטיקטן הונגער, — יענעם אומפֿאַרשטענדלעכן הונגער, װאָס האָט שטענדיק געבלאַנקט אין זײ.

— מײדעלעך... זעט! איך װעל אױפֿשטײן....

— און אפֿשר װעט גאָט געבן, אַז דו װעסט ניט אױפֿשטײן...— האָט אים לידע איבערגעשלאָגן.

װאַסקע האָט שטײף צונױפֿגעצױגן די ליפּן און איז אַנטשװיגן געװאָרן.

— װאָסער פּיסעלע טוט עס װײ? — האָט אײנע פֿון די מײדלעך, אָנבײגנדיק זיך צו אים, צערטלעך געפֿרעגט, — דאָס געזיכט איז בײ איר געװען בלאַס און די צײנער אױסגעשטשירעט. — װאָס?

און אַ כאַפּ געבנדיק װאַסקען פֿאַר דער קראַנקער פּוס, האָט זי מיט כּוח זי אַ ציִ געטאָן צו זיך.

וואַסקע האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די ציינער און זיך צערעוועט. די לינקע האַנט איז ביי אים אויך געווען צעשעדיקט, האָט ער אַ פּאַך געטאָן מיט דער רעכטער אין, וועלנדיק אַ קלאַפּ טאָן דער פּריילן, האָט ער אַ זעץ געטאָן זיך איבערן פּייך.

אַ שטורעם פון געלעכטער האָט זיך אויפגעהויבן אַרום אים.

— מוירן! — האָט ער געריוועט און האָט שרעקלעך געדרייט מיט די אויגן. — היט זיך!... כ'וועל דערהרגענען!....

אָבער זיי זיינען געשפּרונגען אַרום זיין בעט און האָבן אים געקניפּט, געריסן פאַר די האָר, געשפּייט אים אין פּנים אַריין, געצופּט זיין קראַנקע פוס. זייערע אויגן האָבן געברענט, זיי האָבן געלאַכט, זיך געזידלט, געברומט, ווי די הינט; זייער לוסטיק מאַכן זיך איבער אים האָט אָנגענומען אַן אומבאַשרייבלעכן, העסלעכן און ציניש'ן כאַראַקטער. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ נקמה-שיכּרות, זיינען אין דער האַזיקער שיכּרות דערגאַנגען ביז ווילדער משוגעת. אַלע אין ווייסן, האַלב-נאַקעטע, צעהיצטע פון דער שטופּעניש, זיינען זיי געווען משונהדיק שרעקלעך.

וואַסקע האָט געברומט, פּאַכנדיק מיט דער רעכטער האַנט; די באַלעבאָסטע האָט שטייענדיק לעבן טיר געוואָיעט מיט אַ ווילדן קול:

— גענוג! לאָזט אָפּ... כ'וועל רופן פּאָליציי! איר וועט דערהרגענען... מאַטעלעך! טאַ-טעלעך!

נאָר זיי האָבן איר ניט געהערט. ער האָט זיי יאָרנלאַנג געמאַטערט און זיי האָבן אים באַצאָלט מיט מינוטן און האָבן זיך געאיילט...

פּלוצלונג האָט זיך אין דעם טומל און געוואָי פון דער דאָזיקער אָרגיע דערהערט אַ גערדיכטע, בעטנדיקע שטימע:

— מיידלעך! זאָל שוין זיין גענוג... האָט רחמנות, מיידלעך... ער איז חאָך אויך... אים טוט דאָך אויך וויי! ליבינקע! האָט רחמנות... ליבינקע....

אויף די מיידלעך האָט די דאָזיקע שטימע געווירקט, ווי אַ שטראָם קאַלט וואַסער: זיי זיינען צעשראָקן און שנעל אָפּגעטראָטן פון וואַסקען.

גערעדט האָט עס אַקסיניע; זי איז געשטאַנען לעבן פענסטער און האָט אינגאַנצן געציטערט און האָט זיך פאַר זיי טיף פאַרנייגט, דאָ צודריקנדיק די הענט צום בויך, דאָ אומגעלומפערט אויסשפרייטנדיק זיי פאָראויס.

וואַסקע איז געלעגן אומבאַוועגלעך; די העמד איז אויף זיין ברוסט געווען צעפליקט, און די דאָזיקע ברייטע ברוסט, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט געדיכטע געלע האָר, האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט, גלייך עפעס וואָלט געקלאַפט דאָרטן, שטרעבנדיק מיט רציחה אַרויסצורייסן זיך פון איר. ער האָט געכריפעט און זיינע אייגן זיינען געווען פאַרמאַכט.

צונויפדרענגענדיק זיך אין אַ קופּע, זיינען די מיידלעך, גלייך זיי וואָלטן צונויפגעקנאָטן געוואָרן אין איין גרויסן קערפּער, געשטאַנען לעבן טיר און געשוויגן, און געהערט, ווי אַקסיניע מורמלט עפעס טויב און ווי וואַסקע כריפעט. לירע האָט, שטייענדיק פאָראויס פאַר אַלעמען, שנעל אָפּגערייניקט איר רעכטע האַנט פון די געלע האָר, וואָס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן אירע פינגער.

— און טאָמער... שטאַרבט ער?... — האָט זיך דערהערט עמעצנס געפּליסטער. און ווידער איז געוואָרן שטיל...

איינע נאָך די אַנדערע זיינען די מיידלעך, פּלייסנדיק זיך ניט צו טומלען, פאָרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען פון וואַסקעס צימער, און בעת די זיינען אַלע אַוועק, האָט מען איבער דיל פון צימער דערזען עפעס אַ סך שמאַטעס, אָפּגעריסענע שטיקלעך..

אין צימער איז געבליבן אַקסיניע.

שווער אָטעמענדיק, איז זי צוגעגאַנגען צו וואַסקען און מיט איר געוויינלעכער באַסנשטימע האָט זי אים געברעגט

— וואָס וועסטו איצטער טאָן?

ער האָט איפגעעפנט די אויגן, האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און האָט גאָרנישט ניט געענטפערט.

— נו, זאָג שוין... אויסטרינקען..... אויפראַמען.... וואָלט איך איפגעראַמט..... אָדער אפשר ווילסטו נאָך אַ טרונק וואַסער? קען איך דיר געבן וואַסער....

וואַסקע האָט שווייגנדיקערהייט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און די ליפּן האָבן זיך בײַ אים גענומען באַוועגן. אָבער ער האָט קיין איין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן.

— איז אָט ווי עס האַלט – קענסט אַפילו ניט ריידן! — האָט אַקסיניע געזאָגט, אַרומוויקלענדיק דעם צאָפּ אַרום האַלדז. — אַזוי שטאַרק האָבן מיר דיך פאַרפּייניקט... ס׳טוט וויי, וואַסיאַ, אַ? נו, לייד שוין דורך, ווי עס איז... ס׳וועט דאָך אַריבערגיין... דאָס טוט נאָר פון אָנפאַנג וויי.... איך ווייס.

אויף וואַסקעס געזיכט האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן, ער האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געזאָגט:

— גיב... וואַסער.....

אין דער אויסדרוק פון דעם אומגעשטילטן הונגער איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן.

אַזוי איז אַקסיניע פאַרבליבן אינדערהיים בײַ וואַסקען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן בלויז כדי צו עסן, צו טרינקען טיי און צו נעמען עפּעס פאַרן חולה. די חברטעס אירע האָבן מיט איר ניט גערעדט, האָבן בײַ איר קיין זאַך ניט געפרעגט, די באַלעבאָסטע האָט איר אויך ניט געשטערט אַרומצוגיין אַרום דעם חולה און אין די אָוונטן האָט זי זי ניט אַרויסגערופן צו די געסט. געוויינלעך איז אַקסיניע געזעסן אין וואַסקעס צימער לעבן פענסטער און האָט געקוקט דורך אים אויף די דעכער, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שניי, אויף די ביימער, וואָס זיינען געווען ווייס פון טוי־פראָסט, אויף דעם רויך, וואָס האָט זיך אין אָפּאַל־פאַרביקע וואָלקנס אויפגעהויבן צום הימל. בעת איר פלעגט דערעסן צו קוקן, פלעגט זי איינשלאָפן, טאַקע דאָ אויפן שטול, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די איילנבויגנס אָן טיש. בײַנאַכט איז זי געשלאָפן אויפן דיל, לעבן וואַסקעס בעט.

זיי האָבן כמעט ניט גערעדט; אַז וואַסקע פלעגט בעטן וואַסער אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך, פלעגט אים אַקסיניע ברענגען, אַ קוק טאָן אויף אים און אָפּגיין צום פענסטער.

אַזוי זיינען אַוועק אַ טעג פיר. די באַלעבאָסטע האָט זיך פלייסיק

משתּדל געווען וועגן אײַנאָרדענען וואַסקען אין שפּיטאָל, נאָר דער־ווײַלע איז האַרט קיין אָרט ניט געווען.

און אָט האָט וואַסקע אײנמאָל אינאָוונט, בעת וואַסקעס צימער האָט זיך אָנגעפּילט מיט פינסטערניש, איבערגעריבן דעם קאָפּ און געפרעגט:

— אַקסיניע, ביסטו דאָ?

זי האָט געדרעמלט, נאָר זײַן פראַגע האָט זי איבערגעוועקט.

— וואַ־זשע הען? — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— קום־נאָר אַהער....

זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, אַרומוויקלענדיק, ליט איר געוויינהייט, דעם צאָפּ אַרום האַלז און האַלטנדיק מיט דער האַנט דעם עק:

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

— נעם אַ שטול, זעץ זיך דאָ...

אָפּזיפצנדיק זיך, איז זי אַוועק צום פענסטער נאָך אַ שטול. האָט אים געבראַכט צום בעט און האָט זיך געזעצט.

— נו?

— איך... — גאָרנישט... אָט זיץ דאָ...

איפן וואַנט, איבער וואַסקעס געלעגער, איז געהאַנגען זײַן גרויסער זילבערנער זייגער און האָט אַייליק געקלאַפּט. איבער דער גאַס איז שנעל דורכגעלאָפן אַ פורמאַן. מע האָט געהערט, ווי עס האָבן אַ קוויטש געטאָן די שליטנשטאַנגען. אינטן האָבן די מיידלעך געלאַכט, און אײנע פון זיי האָט אויף אַ הויכער שטימע געזונגען:

זיך פא־רליבט אין א סטודענט א הו־נגערי־יקן...

— אַקסיניע! — האָט וואַסקע געזאָגט.

— אַ? — אָט־וואָס... לאָמיר גאָר לעבן צוזאַמען.

— מיר לעבן דאָך סײ־ווי.... — האָט דאָס מיידל פייל געענטפערט.

— ניין, הי וואַרט אָקאָרשט... לאָמיר מאַכן ווי עס באַדאַרף צו זײַן...

— לאָמיר... — האָט זי אײַנגעשטימט.

— נו, איז אַט...

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און איז לאַנג געלעגן מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן.

— איז אַט... ווען מיר אַוועקגיין פֿון דאַנען און אָנהייבן לעבן.

— וואו וועלן מיר אַוועקגיין? — האָט אַקסיניע געפֿרעגט.

— אַט וואו־עס־איז... איך וועל מאָנען ביי דעם פֿערד־טראַמוואַי פֿאַרן קאַליעטשען מיך... זיי וועלן באַצאָלן, לויטן געזעץ דאַרפֿן זיי באַצאָלן, דערנאָך האָב איך אייגענע געלט אַ קערבלעך זעקס הונ־דערט.

— וויפֿיל? — האָט אַקסיניע אַ פֿרעג געטאָן.

— אַ קערבלעך זעקס הונדערט.

— אָהאָ! — האָט דאָס מיידל געזאָגט און האָט אַ גענעץ גע־טאָן.

— יאָ... פֿאַר די דאָזיקע געלט אַליין קען מען פֿאַרלייגן אַן אייגן „הייזל"... און ווען מע זאָל נאָך עפּעס כאַפּן ביי דעם פֿערד־טראַמוואַי... מיר וועלן אַוועקפֿאָרן קיין סימבירסק, אָדער גאָר קיין סאַמאַרע... און האָרטן וועלן מיר פֿאַרלייגן.... דאָס ערשטע „הייזל" אין שטאָט וועט עס זיין.... מיידן וועלן מיר צונויפֿנעמען די סאַ־מע בעסטע..... פֿינף רובל פֿאַרן אַריינגאַנג וועלן מיר נעמען

— אַט פּלאַפּל ניט — האָט אַקסיניע געלאַכט

— וואָס? אַזוי וועט עס טאַקע זיין...

— אַוודאי!...

— אַז איך זאָג ס'וועט זיין, וועט עס זיין... לאָמיר שטעלן אַ חופּה, אויב דו ווילסט.

— וואָ—אָס?! — האָט אַקסיניע אויסגעשריען און האָט נאַריש גענומען פּינטלען מיט די אויגן.

— לאָמיר שטעלן אַ חופּה... — האָט וואַסקע מיט עפּעס אַן אומרויִקייט איבערגעחזרט.

— איך מיט דיר?

— נ—יאָ...

אַקסיניע האָט זיך הויך צעלאַכט. וויגנדיק זיך אויפֿן שטול, האָט זי זיך געהאַלטן פֿאַר די זייטן און האָט דאָ געלאַכט גערעכט,

מיט באַסיקן נאָמעס, האָ זיך צעקוויטשעט, וואָס איז פאַר איר געווען לחלוטין אומנאַטירלעך.

— וואָס איז דיר? — האָט וואַסקע געפרעגט און אין זיינע אייגן האָט זיך ווידער באַוויזן עפּעס הונגעריקס. און זי האָט אַלץ געהירזשעט. — וואָס איז דיר? — האָט ער זי געפרעגט.

ענדלעך האָט זי, ווי עס־איז, הירך געלעכטער און דורך קוויטשערייען, זיך אַרויסגעזאָגט:

— מכּוח אַ חופּה... ס'איז דען מעגלעך? איך בין דאָך אין קלויסטער ניט געווען שוין אַוודאי אַ יאָר פיר.... און אפשר מער... מאָרגער מענטש! וואָס זאָגסטו, געפינען זיך אַ ווייב! צי ווילסטו צומאָל ניט האָבן מיט מיר קיין קינדער? כאַ, כאַ, כאַ!

דער געדאַנק וועגן קינדער האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ נייעם שטורעם פון געלעכטער. וואַסקע האָט אויף איר געקוקט און געשוויגן....

— מיינסט, טאַקע, כ'וועל מיט דיר פאָרן ערגעץ? מיינסט אַיכעט... ווּעסט מיך פאַרפירן ערגעץ און וועסט מיך דערהרגענען... די ביסט דאָך אַ באַרימטער רוצח.

— נו, שווייג שוין, שווייג! — האָט וואַסקע שטיל געזאָגט.

אָבער זי האָט אים געגומען דערציילן וועגן זיינע אַכזריותן און האָט אים דערמאָנט פאַרשיידענע צופאַלן.

— שווייג! — האָט ער זי געבעטן, און ווען זי האָט ניט געפאָלגט, האָט ער מיט אַ הייזעריקער שטימע אַ געשריי געטאָן: — שווייג, זאָג איך דיר!

אין דעם האָזיקן אָוונט האָבן זיי מער ניט גערעדט. ביינאַכט האָט וואַסקע געערדט פון היץ; פון זיין ברייטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ כריפּעניש און אַ וואָיעניש. וואַסקע האָט געקריצט מיט די ציינער און געפּאַכט אין דער לופטן מיט דער רעכטער האַנט, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן.

אַקסיניע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן בעט און האָט אַ צייט־לאַנג מיט מורא געקוקט אים אין געזיכט אַריין. דערנאָך האָט זי אים אויפגעוועקט.

— וואָס איז דאָס מיט דיר געווען? אַ „דאַמאָוויק"*) האָט דיך געשטיקט, צי וואָס?

— יאָ, ס'האָט זיך מיר געדוכט... — האָט וואַסקע שוואַך געזאָגט. — אַ ביסל וואַסער.

אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט דערקלערט:

— ניין, כ'וועל קיין „הייזל" ניט עפענען... כ'וועל זיך בעסער פאַרנעמען מיט האַנדל... בעסער! און קיין „הייזל" דאַרף מען ניט...

— האַנדל... האָט אַקסיניע פאַרטראַכטערהייט געזאָגט. — נ־יאָ... אַ קרעמעלע עפענען — דאָס איז גוט.

— וועסט גיין מיט מיר, יאָ? — האָט וואַסקע איבערצייגנדיק און שטיל געפרעגט.

— מיינסט עס מיט אַן אמת? — האָט אַקסיניע אויסגעשריען, אָפּרוקנדיק זיך פון בעט.

— אַקסיניע סעמיאָנאָוונע! — האָט וואַסקע מיט אַ קלינגענדיקער שטימע געזאָגט, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון קישן — אָט דיך...

און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ מאַך טוענדיק מיטן האַנט אין דער לופטן.

— כ'וועל אין ערגעץ מיט דיר ניט פאָרן... — האָט אַקסיניע שאָקלענדיק מיטן קאָפּ גענומען רידן, ניט דערוואַרטנדיק זיך פון אים קיין ווערטער. — אין ערגעץ ניט!

— ווען איך זאָל וועלן — וועסט גיין... — האָט וואַסקע שטיל געזאָגט.

— אין ער־רגעץ וועל איך ניט גיין!

— מער ניט, וואָס איך וויל ניט... אָבער ווען איך זאָל וועלן... וואָלסטו געגאַנגען!

— דאָס ניט...

— טייוול!... — האָט וואַסקע אויסגעשריען אַ צערייצטער: אָט עסקסטו זיך דאָך אַרום מיר, פאַרעסט זיך דאָ... נו טאָ וואָס?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש... — האָט אַקסיניע געזאָגט מיט

---

*) אַ שטוב־שד.

איבערלעגנהייט. — אָבער לעבן מיט דיר — ניין! כ'האָב מורא פֿאַר דיר... בֿיסט שוין אַ צו־גרויסער רוצח!

— עכמאַ! וואָס פֿאַרשטייסטו?! האָט וואַסקע בייז אויסגעשריען. אַ רוצח! ביסט אַ נאַר... מיינסט — אַז אַ רוצח, איז שוין אַלץ פֿאַרטיק? מיינסט — ס'איז לייכט, אַז אַ רוצח?

די שטימע האָט זיך בײַ אים איבערגעריסן, און וואַסקע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, רײַבנדיק די ברוסט מיט דער געזונטער האַנט. דערנאָך האָט ער ווידער, מיט אַ בענקשאַפֿט אין דער שטימע און מיט אַ פּחד אין די אויגן, שטיל גענומען ריידן:

— וואָס, איר זייט שוין... זייער? נו, אַ רוצח... איז ניט שוין־ושע איז דער גאַנצער מענטש אין דעם? עך!... וואָס האָט מען בײַ מיר געפֿרעגט?... קום, לאָמיר גיין, אַקסיניע סעמיאָנאָוונע!

— וועגן דעם זאָלסטו גאָר ניט ריידן! כ'וועל ניט גיין....— איז אַקסיניע מיט עקשנות באַשטאַנען אויף איר און האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים מיט פֿאַראַכט.

זייער געשפּרעך האָט זיך ווידער איבערגעריסן. אין צימער האָט אַרײַנגעקוקט די לבֿנה, און פֿון איר שײַן האָט וואַסקעס געזיכט אויסגעזען גרוי. אַ לאַנגע צײַט איז ער געלעגן און געשוויגן, דאָס איפּגעעפֿנט, האָס פֿאַרמאַכט די אויגן. אונטן האָט מען געטאַנצט, געזונגען, געהירזשעט.

ס'האָט זיך דערהערט אַקסיניעס זאַפֿטיק כראָפּען; וואַסקע האָט טיף אָפּגעזיפֿצט.

ס'איז אַוועק נאָך אַ צוויי טעג, און די באַלעבאָסטע האָט גע־פֿינען פֿאַר וואַסקען אַן אָרט אין שפּיטאָל.

ס'איז געקומען נאָך אים דער שפּיטאָל־וואָגן מיט אַ פֿעלדשער און אַ באַדינער. וואַסקען האָט מען פֿאָרזיכטיק אַראָפּגעפֿירט אונטן אין קיך, און דאָרטן האָט ער דערזען אַלע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געשטויסן אין צימער לעבן טיר.

זײַן געזיכט האָט זיך צעקרימט, דאָך האָט ער זיי גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי האָבן אויף אים געקוקט שטרענג און ערנסט, נאָר נאָך זייערע אויגן האָט מען גאָרנישט ניט געקענט דערגיין, וואָס זיי טראַכטן, ווען זיי דערזעען וואַסקען. אַקסיניע מיט דער באַלעבאָסטע

האָבן אים אָנגעטאָן דעם מאַנטל, און אַלע האָבן אין קיך שווער און אָנגעבראָגזט געשוויגן.

— אַדיע! — האָט וואַסקע פּלוצלונג געזאָגט, אָנבויגנדיק דעם קאָפּ און ניט קוקנדיק אויף די מיידלעך. — זייט געז... געזונט!

איניקע פון זיי האָבן זיך צו אים שוויגנדיקערהייט פאַרנייגט, אָבער ער האָט עס ניט געזען; און לידע האָט רויק געזאָגט:

— פאָר געזונט, וואַסילי מיראָניטש...

— זיי געזונט... יאָ...

דער פעלדשער און דער שפּיטאָל-דינער האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און, אויפהייבנדיק אים פון באַנק, האָבן זיי אים אַוועקגעפירט צום טיר.

אָבער ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צו די מיידלעך:

— זייט געזונט... איך בין, וואָס אַן אמת, געווען... אַ...

נאָך אַ צוויי אָדער דריי שטימען האָבן אים געזאָגט:

— זייט געזונט, וואַסילי...

— ס'איז נישט צו מאַכן! — האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו אים גוואַלטיק ניט געפּאַסט. — אַדיע! אין גאָטס נאָמען... וועלכע... צו וועלכע...

— מע פירט אַוועק! מע וועט אים אַוועקפירן, מיין ליבן... — האָט אַקסיניע פּלוצלונג ווילד גענומען יאָמערן און האָט זיך געגעבן אַ זעץ אַראָפּ אויפן באַנק.

וואַסקע האָט אַ ציטער געטאָן און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך. די אויגן האָבן ביי אים שרעקלעך גענומען גלאַנצן: ער איז געשטאַנען, האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט אין דעם האַזיקן וואָיען און האָט מיט ציטערדיקע ליפּן שטיל געזאָגט:

— אָט... אַ נאַר! אָט איז אַ נאַ—אַר!

— גייט, גייט! — האָט געאיילט דער פעלדשער, כמורענדיק די ברעמען.

— זיי געזונט, אַקסיניע! קום צו גיין אין שפּיטאָל... — האָט וואַסקע הייך געזאָגט.

— און — אויף וועמען — האָסטו — דאָס — מיך אי־יבער־גלאָ־אָזן ?...

די מיידלעך האָבן זי אַרומגערינגלט און געקוקט מיט טעמפּע אייגן אויף איר געזיכט און אויף די טרערן, וואָס האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

און לידע האָט, אָנבויגנדיק זיך איבער איר, די שטרענג געטרייסט:

— נו, וואָס האָסטו זיך אַזוי צערעוועט, קסיושקע! ער איז דאָך ניט געשטאָרבן... נו, וועסטו גיין צו אים... נו, אָט מאָרגן, נעם און גיי!...

מאַקאַר טשודראַ

פון ים האָט געבלאָזן אַ פייכטער און אַ קאַלטער ווינט און האָט פון דעם פלעסקען פון די אָנלויפנדיקע כוואַליעס אויפן ברעג און פון דעם שאָרכען פון די קוסטעס ביי דעם ברעג, צעטראָגן איבערן סטעפּ אַ שטימונגספולע מעלאָדיע. ציטנווייז האָבן זיינע העפטיקע שטויסן אָנגעטראָגן פאַרפראָרענע, צעקנייטשטע און געלע בלעטער און געוואָרפן זיי אין דעם שייטערהויפן, פונאַנדערבלאָזנדיק דעם פלאַם, וואָס פון דעם האָט די פינסטערניש פון דער האַרבסטיקער נאַכט, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט, אויפגעציטערט און, אָפּרוקנדיק זיך מיט שרעק, אַנטפּלעקט אויף אַ רגע פון לינקס — דעם ענדלאָזן סטעפּ, פון רעכטס — דעם ענדלאָזן ים און פונקט אַנטקעגן מיר די גרויסע פיגור פון מאַקאַר טשודראַ, דעם אַלטן ציגיינער, וואָס האָט געהיט די פערד פון זיין ציגיינער-לאַגער, וועלכער איז געווען צעשפּרייט אַ טריט פופציק פון אונז.

ניט געלייגט קיין שום אַכט אויף די קאַלטע כוואַליעס פונם ווינט, וואָס האָבן פונאַנדערגעפּראַלט דעם טשעקמען, אַנטבלויזט זיין האָריקע בראָנזענע ברוסט און געשמיסן זי אָן רחמנות, איז ער האַלב געלעגן אין אַ שיינער, פרייער און שטאַרקער פּאָזע, מיטן געזיכט צו מיר, האָט מעטאָדיש געפּיפּקעט זיין גוואַלטיק-גרויסע ליולקע, האָט אַרויסגעלאָזן פון מויל און פון נאָז געדיכטע קנוילן רויך און אויסגלאָצנדיק די אויגן ערגעץ-וויט איבער מיין קאָפּ אין דער טויט-שווייגנדיקער פינסטערניש פון סטעפּ, האָט ער מיט מיר אָן אויפהער געשמועסט און ניט געמאַכט קיין איין באַוועגונג צו שיצן זיך פון די שאַרפע שמיץ פונם ווינט.

— איז גייסטו הייסט עס? דאָס איז גוט! אַ וואוילע מערכה האָסטו זיך אויסגעריכט, פייגעלע מיינס! אַזוי דאַרף זיין: קוק, אָנגעקוקט זיך, לייג זיך און שטאַרב — און שוין!

— דאָס לעבן? אַנדערע מענטשן? — האָט ער ווייטער גערעדט, אויסהערנדיק סקעפּטיש מיין דערווידערונג אויף זיין „אַזוי דאַרף זיין“. — עהע! וואָס האָט עס צו דיר? דו אַליין ביסט דען ניט דאָס לעבן? און די אַנדערע מענשן לעבן אָן דיר און וועלן איבערלעבן די יאָרן אָן דיר. דו מיינסט דען, אַז עמעצער נייטיקט זיך אין דיר? דו ביסט ניט קיין ברויט און ניט קיין שטעקן, נו איז דאַרף דיך קיינער ניט.

— לערנען אַליין און אַנדערע לערנען, זאָגסטו? און דו קענסט זיך אויסלערנען, ווי צו מאַכן מענטשן גליקלעך? ניין, דו קאָנסט ניט. דו ווער פריער גרוי, דערנאָך וועסטו זאָגן, וואָס מע דאַרף לערנען. צו וואָס דאַרף מען לערנען? יעדערער וויס, וואָס ער דאַרף האָבן. די קליגערע נעמען, וואָס ס׳איז פאַראַן, די נאַרישערע — באַקומען גאָרנישט, און יעדערער לערנט זיך אַליין...

קאָמיש זיינען זיי, יענע מענטשן דיינע. האָבן זיך צונויפגעדריקט אין איין קופּע און שטיקן איינער דעם אַנדערן, און ערד איז פאַראַן אויף דער וועלט אָט וויפיל, — ער האָט ברייט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם סטעפּ. — און אַלע אַרבעטן. צו וואָס? פאַר וועמען? ווייס קיינער ניט. דו זעסט, ווי אַ מענטש אַקערט, און טראַכסט: מיט שוויס וועט ער פאַרצערן זיינע כוחות טראָפּנווייז אויף דער ערד, און דערנאָך וועט ער זיך אַוועקלייגן אויף איר און וועט אין איר צעפוילט ווערן. נאָך אים וועט גאָרנישט ניט בלייבן, ער זעט גאָרנישט פון זיין פעלד און שטאַרבט פונקט אַזאַ נאַר, ווי ער איז געבאָרן געוואָרן.

— איז וואָס, איז ער דען געבאָרן געוואָרן צוליב דעם, כדי צו צעגראָבן די ערד, און אַוועקשטאַרבן נאָך אײדער ער האָט באַוויזן אויסגראָבן פאַר זיך אַ קבר? ווייסט ער דען פון דער פרייהייט? איז אים דען פאַרשטענדלעך די רחבות פון דעם סטעפּ? דער געשפּרעך פון דער סטעפּיקער כוואַליע מאַכט דען פרייעלעך זיין האַרץ? ע־הע! ער איז אַ קנעכט — גלייך, ווי ער איז געבאָרן געוואָרן, און

דאָס גאַנצע לעבן איז ער אַ קנעכט, אָט דאָס איז אַלץ! וואָס קען ער מיט זיך טאָן? דערשטיקן זיך בלויז, ווען ער וועט אַ ביסל קלוגער ווערן.

— און איך, אָט זע, איך האָב אין 58 יאָר זיך אַזויפֿיל אָנגעזען, אַז ווען מע זאָל עס אַלץ איבערשרייבן אויף פּאַפּיר, וועסטו דאָס אין טויזנט אַזעלכע טאָרבעס, ווי ביי דיר, ניט קענען אַריינליגן. אַנו, זאָג מיר נאָר, אין וואָסערע קאַנטן בין איך ניט אויסגעוועזן? הי׳ וועסט עס ניט קענען זאָגן. און דו ווייסט אַפֿילו ניט פֿון אַזעלכע ערטער, וואו איך בין געוועזן. אָט אַזוי דאַרף מען לעבן: גיין, גיין — אָט דאָ ליגט די גאַנצע חכמה. הי׳ זאָלסט ניט שטיין לאַנג אויף איין אָרט — וואָס איז דען אין אים דאָ? אָט פּונקט ווי דער טאָג און די נאַכט לויפֿן איביק, יאָגנדיק זיך איינע נאָך די אַנדערע אַרום דער ערד, אַזוי זאָלסטו אויך אַנטלויפֿן פֿון די רעיונות וועגן לעבן, כּדי דו זאָלסט ניט אויפֿהערן אים ליב צו האָבן. און טאָמער פֿאַרטראַכסטו זיך — וועסטו מער ניט ליב האָבן דאָס לעבן, דאָס איז שטענדיק אַזוי. און מיט מיר האָט איך אַזוי פּאַסירט. עהע! ס׳האָט פּאַסירט, פֿייגעלע מיינס.

— כ׳בין געזעסן אין טורמע אין גאַליציע. צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט? — האָב איך איינמאָל — אויס לאַנגווייליקייט — אַ טראַכט געטאָן. — ס׳איז לאַנגווייליק אין טורמע, פֿייגעלע מיינס, עך, ווי לאַנגווייליק! — און אַ בענקשאַפֿט האָט אַרומגענומען מיין האַרץ, בעת איך האָב אַ קוק געטאָן פֿון פֿענסטער אַרויס אויף דעם פֿעלד, האָט אַרומגענומען און אים צונויפֿגעפּרעסט, ווי מיט צוואַנגען. ווער קען זאָגן, צוליב וואָס מע לעבט? קיינער קען ניט זאָגן, פֿייגעלע. און פֿרעגן וועגן דעם ביי זיך דאַרף מען ניט. לעב — און שוין און גיי אַרום און קוק זיך אַרום, וועט דיך קיינמאָל קיין בענקשאַפֿט ניט אַרומכאַפּן. איך האָב זיך דעמאָלט שיר ניט דערשטיקט מיטן גאַרטל, אָט ווי!

— כע! כ׳האָב גערעדט מיט איינעם אַ מענטשן. אַ שטרענגער מענטש, פֿון אייערע רוסישע מענטשן. מע דאַרף, זאָגט ער, לעבן ניט אַזוי, ווי דו אַליין ווילסט, נאָר ווי ס׳איז געזאָגט אין גאָטס וואָרט. פֿאַרלאָז זיך אויף גאָט, און ער וועט דיר געבן

אַלץ, וואָס דו וועסט בײַ אים בעטן. און אַליין גייט ער אָפּגעשליסן אין גאָלע לעכער. האָב איך אים געהאַט געזאָגט, ער זאָל בעטן בײַ גאָט נײַע בגדים. איז ער אין כעס געוואָרן און האָט מיך אַוועקגעטריבן און נאָך אָנגעזידלט. און ביז דעמאָלט האָט ער געפלעגט זאָגן, אַז מע דאַרף מוחל זײַן מענטשן און זיי ליב האָבן. נו, האָט ער מיר אויך געזאָלט מוחל זײַן, אויב מײַנע רייד האָבן באַליידיקט זײַן גנעדיקייט? אויך מיר אַ לערער! זיי לערנען ווייניקער עסן, און אַליין עסן זיי צו צען מאָל אַ טאָג.

ער האָט אַ שפּיי געטאָן אין דעם פײַער אַרײַן און איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט ווידער אָנגעשטאָפּט די ליולקע. דער ווינט האָט טרויעריק און שטיל וועגן עפּעס געקלאָגט, אין דער פינסטער האָבן געהירזשעט די פערד און פון דעם ציגיינער-לאַגער איז געפלאָסן אַ צאַרט און לײַדנשאַפטלעך האַרציק ליד. דאָס האָט געזונגען די שיינע נאָנקאַ, מאַקאַרס טאָכטער. מיר איז געווען באַקאַנט איר שטימע מיט דעם געדיכט ברוסטיקן טעמבער, וואָס האָט שטענדיק עפּעס מאָדנע אומצופרידן און פּרעטענציעז געקלונגען — צי זי האָט געפּלעגט זינגען אַ ליד, צי זי האָט געפּלעגט זאָגן „גוט מאָרגן". אויף איר פאַרברוינטן מאַטן געזיכט איז פאַרשטאַרט געוואָרן די גדלות פון אַ מלכה, און אין די טונקל-ברוינע אויגן, וואָס זײַנען געווען פאַרצויגן מיט עפּעס אַ שאָטן, האָט געשעמערירט דאָס באַוואוסטזײַן פון איר אומבאַשטרײַטבאַרער שיינקייט און די פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס איז ניט זי.

מאַקאַר האָט מיר דערלאַנגט די ליולקע.

— רייכער! די מויד זינגט גוט? אָט דאָס איז דאָס! וואָלסט געוואָלט, אַז אַזאַ-אַ זאָל דיך ליב האָבן? ניין? גוט! אַזוי דאַרף זײַן — גלייב ניט די מיידלעך, און האַלט דיך פון זיי פונווײַטן. בעסער און אָנגענעמער איז פאַר אַ מיידל צו קושן זיך, איידער פאַר מיר צו רויכערן די ליולקע, און האָסטו זיי נאָר אַ קוש געטאָן — איז געשטאָרבן דער ווילן אין דײַן האַרצן. זי בינדט דיך צו צו זיך מיט עפּעס אַזוינס, וואָס מ'זעט ניט, און צערײַסן עס קען מען ניט, און דו גיסט איר אַוועק די גאַנצע נשמה. ריכטיק! היט זיך פאַר מיידלעך! זיי זאָגן שטענדיק ליגן, די

שלאַנגען! איך האָב דיך ליב, זאָגט זי, מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט, אָבער פרווו־נאַר, גיב איר אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע, וועט זי דיר צערייסן דאָס האַרץ. כ׳וויים! אַהאַ, ווייס איך! נו, פייגעלע מיינס, ווילסטו, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשהלע. נעם עס גוט אַריין אין מוח, און אַז דו וועסט עס געדענקען, וועסטו דיין גאַנצן לעבן זיין אַ פרייער פייגל...

אויף דער וועלט האָט געלעבט זאָבאַר, אַ יונגער ציגיינער, לאָיקאָ זאָבאַר. גאַנץ אונגאַרן און טשעכיע, און סלאָוואַקיי, און אַלץ, וואָס אַרום ים, האָט אים געקאָנט, — געווען אַ בריה אַ יונג! אין יענע קאַנטן איז ניט געווען קיין איין דאָרף, אין וועלכן פינף אָדער צען איינוואוינער זאָלן ניט טאָן קיין נדר צו טויטן לאָיקאָן, און ער האָט אַלץ געלעבט, און בעת אים פלעגט געפעלן וווערן אַ פערד, האָסטו געמעגט אַוועקשטעלן אַ פאָלק סאָלדאַטן צו היטן דעם פערד — סיי־ווי־סיי וועט שוין זאָבאַר אויף אים רייטן! עהע! וואָס־זשע, ער האָט דען מורא געהאַט פאַר וועמען? ווען צו אים וואָלט אפילו געקומען דער שטן מיט זיין גאַנצער כנופיא, וואָלט ער אים אויך, אויב ניט דערלאַנגט מיט אַ מעסער, איז געוויס שטאַרק אויסגעזידלט, און דאָס וואָס ער וואָלט די שדים מכבד געווען מיטן פוס איבער די שנוקעס — דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג!

און אַלע ציגיינער־לאַגערס האָבן אים געקאָנט אָדער געהערט פון אים. ער האָט ליב געהאַט נאָר פערד און מער קיין זאַך, און דאָס אויך — ניט אויף לאַנג — ער פלעגט זיך דורכפאָרן אַ ביסל און פלעגט פאַרקויפן, און געלט — ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט גענומען. קיין הייליקס איז ביי אים ניט געווען — ווען דו דאַרפסט האָבן זיין האַרץ, וואָלט ער עס אַליין אַרויסגעריסן פון ברוסט און געגעבן דיר, נאָר דיר זאָל דערפון זיין גוט. אָט־וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז געווען, לעבן מיינס!

אונזער ציגיינער־לאַגער האָט אין יענער צייט געוואַנדערט איבער בוקאָווינע, — דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צען צוריק. איינמאָל — כ׳געדענק, דאָס איז געווען אין אַ פרילינג־נאַכט, — זיצן מיר אַזוי: איך, דער זעלנער דאַנילאָ, וואָס האָט געקעמפט צו־

זאַמען מיט קאָשיטן, און דער אַלטער נור, און נאָך מענטשן, און ראַדדאַ, דאַנילעס טעכטערל.

מײן נאָנקען קענסטו? אַ מײדל אַ מלכותטע! נו, איז זי גאָר קײן דמיון ניט צו ראַדדאַן — צופיל כבוד פאַר נאָנקען! װען איר, װעגן ראַדדאַן הײסט עס, לאָזט זיך מיט װערטער גאָרניט אױס־דערצײלן. איך אַ פידל װאָלט מען אפשר איר שײנקײט געקענט אױסשפּילן, איז דאָס בלױז פאַר דעם, װאָס קען די פידל, װי זײן אײגענע נשמה.

אַ סך יונגינקע הערצער האָט זי אױסגעטריקנט, אָהאָ, ס'אַראַ סך! אין מאָרגן האָט אײן מאַגנאַט, אַן אַלטער מאַן מיט אַ טשופּרינע, זי דערזען און איז געװאָרן געלײמט. ער זיצט אױפן פערד און קוקט און טרײסלט זיך, אַזױ װי אין פיבער. שײן איז ער געװען, װי די זון אום יום־טוב. דער זשופּאַן איז געװען גענײט מיט גאָלד, די שװערד איף דער זײט בלאַנקט װי אַ בליץ, װי נאָר דער פערד גיט אַ טופּע... די דאָזיקע שװערד איז געװען אױסגעװעצט דורכ־אױס מיט טײַערע שטײנער און דער בלױער סאַמעט אױפן היטל איז געװען גלײך צו אַ שטיק הימל, — דער אַלטער איז געװען אַ גרױסער שררה. האָט ער געקוקט, געקוקט און זאָגט צו ראַדדאַן: הײ! גיב מיר אַ קוש, װעל איך דיר געבן אַ בײטל מיט געלט. — און יענע האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זײט, און שװײַגן! — זײַ מיר מוחל, איך האָב דיך באַלײדיקט, איז גיב כאָטש אײן קוק אױף מיר אַ ביסל ליבלעכער, — האָט דער אַלטער מאַגנאַט גלײך אָפּגעלאָזן זײן שטאָלץ און האָט אַ װאָרף געטאָן צו אירע פיס דאָס בײטל — אַ גרױס בײטל, ברידער! און זי האָט אים, כלומרשט אומגערן, אַ שטױס געטאָן מיטן פוס אין בלאָטע אַרײַן, און פאַרטיק.

— עך, איז דאָס געװען אַ מױד! — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, און אַ שמיץ מיטן דער בײטש דעם פערד — אַז אַ שטױב האָט זיך אױפגעהױבן, װי אַ געדיכטער װאָלקן.

און אױפן צװײטן טאָג—ער איז װידער דאָ. — װער איז איר פאָטער? — דינערט ער איבערן גאַנצן ציגײנער־לאַגער. גײט אַרױס דאַנילאָ. פאַרקױף די טאָכטער, נעם װאָס דו װילסט! — און דאַנילאָ זאָגט אים: — פריצים פאַרקױפן אַלץ, פון זײערע חזירים ביז

זייער געווינען, און איך האָב מיט קאַשטן געקעמפט און איך האָב נאָך ניט. — האָט יענער זיך געוועזט צעברומט און גלייך פאַר דער שווערד, נאָר עמעצער פון אונז האָט אַריינגעשטעקט דעם פערד אין אויער אַריין אַן אָנגעצונדענעם צונטער, האָט ער אַוועקגעגאַלאָפּירט מיטן בראַונעם שרה. און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינען אַוועק. גייער מיר אַזוי אַ טאָג און צוויי, מיר גיבן אַ קוק — ער האָט אונדז דעריאָגט! העי! זאָגט ער, פאַר גאָט און פאַר אייך איז מיין געווינען ריין, גיט מיר די מויד פאַר אַ ווייב: כ׳וועל אַלץ, וואָס איך האָב, מיט אייך זיך צעטיילן, איך בין שטיין־רייך! — און ער ברענט אינגאַנצן אין, ווי גראָז אין אַ ווינט, אַזוי וויגט ער זיך אויפן זאָטל. האָבן מיר זיך פאַרטראַכט.

— אַנו, טאָכטער, רייד דו! — האָט דאַנילאָ געזאָגט צו זיך אין וואָגן אַריין.

— ווען אַן אַדלערטע וואָלט מיט איר אייגענעם ווילן אַריין אין דעם נעסט פון אַ קראָ, וואָס וואָלט פון איר דעמאָלט געוואָרן? — האָט ראַדדאַ געפרעגט.

דאַנילאָ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און מיר אַלע מיט אים.

— וואַיל, טעכטערל! האָסט געהערט, שרה? עס גייט ניט! זוך זיך אויס טייבעלעך — יענע זיינען נאָכגיביקער. און מיר זיינען אַוועק.

און יענער שרה האָט געכאַפּט דאָס היטל, האָט עס אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און איז אַוועקגעפלויגן, אַוועקגעפלויגן אַזוי שנעל, אַז די ערד האָט זיך געטרייסלט. אָט וואָס פאַר אַ מיידל ראַדדאַ איז געווען, פייגעלע מיינס!

יאָ! איז אָט זיצן מיר איינמאָל אַזוי ביינאַכט און הערן — מוזיק פליסט איבערן סטעפּ. טייערע מוזיק! דאָס בלוט אין די אָדערן האָט זיך פון איר אָנגעצונדן און זי האָט גערופן ערגעץ. מיר האָבן געשפּירט, ווי אונדז אַלעמען האָט זיך פון דער דאָזיקער מוזיק פאַרגלוסט עפּעס אַזוינס, וואָס נאָכדעם וואָלט שוין ניט כדאי געווען צו לעבן, אָדער, אויב שוין לעבן, איז סיידן אַלס קיסרים איבער דער גאָרער וועלט, — אָט וואָס פאַר אַ מוזיק, פייגעלע מיינס!

און די מוזיק ווערט אַלץ נעענטער. אָט האָט זיך פון דער פינסטערניש אַרויסגעשניטן אַ פערד, אויף אים זיצט אַ מענטש און שפּילט, פאָרנדיק צו אונז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן שייטער-הויפן, האָט אויפגעהערט צו שפּילן און קוקט אויף אונז און שמייכלט.

— עהע, זאַבאַר, דאָס ביסטו דאָך! — האָט דאַנילאָ פרייִלעך אויסגעשריען צו אים. איז עס, הייסט עס, גאָר לאָיקאָ זאָבאַר!

די וואָנצעס האָבן זיך בײַ אים אויסגעלייגט אויף די אַקסלען און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די לאָקן פון פאָלירטן שטאָל, די אויגן ברענען בײַ אים, אַזוי ווי ליכטיקע שטערן, און דער שמייכל — אַ גאַנצע זון, אויף מיין וואָרט! גלײַך מען וואָלט אים געשמידט פון איין שטיק אײַזן צוזאַמען מיטן פערד. ער שטייט אין דעם פייער פון שייטערהויפן, אינגאַנצן אַזוי ווי אין בלוט, און בליצט מיט די ציינער און לאַכט! עהע, זאָל איך זיין פאַרשאָלטן, אויב איך האָב אים ניט ליב געקראָגן, אַזוי ווי זיך אַליין, נאָך אײדער ער האָט מיר געזאָגט אַ וואָרט אָדער פשוט באַמערקט, אַז איך לעב אויך אויף דער ווייסער וועלט!

— אָט, פּיצעלע מיינס, וואָס פאַר אַ מענטשן עס זיינען פאַראַן! גיט ער דיר נאָר אַ קוק אין די אויגן, אַזוי פאַנגט ער דיין נשמה, און דאָס איז דיר קיין האָר ניט מיאוס, אדרבא, דו גרויסט זיך נאָך דערמיט. מיט אַזאַ מענטשן ווערסטו אַליין גלײַך אַ בעסערער. ווינציק, פרײַנד, זיינען פאַראַן אַזעלכע מענטשן! נו, איז טאַקע גוט, וואָס ס׳איז ווינציק. ווען ס׳וואָלט געווען אַ סך גוטס אויף דער וועלט, וואָלט מען עס ניט געהאַלטן פאַר גוטס. אַזוי איז דאָס! הער אָבער, וואָס איז ווייטער געווען.

זאָגט ראַדדאַ: — שפּילסט גוט, לאָיקאָ! ווער האָט עס דיר געמאַכט אַזאַ הילכיקע און פולבאַרע פידל? און יענער לאַכט: — כ׳האָב אַליין געמאַכט! און געמאַכט האָב איך זי ניט פון האָלץ, נאָר פון דער ברוסט פון אַ יונג מיידל, וועלכע איך האָב שטאַרק ליב געהאַט, און די סטרונעס האָב איך פון איר האַרץ

געפלאָכטן, די פידל פאַלשעוועט נאָך אַ ביסל צו, אָבער איך קען ריכטיק האַלטן דעם בויגן אין די הענט!

ס'איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז אונזערער אַ ברודער פלייסט זיך תּיכּף צו פאַרנעפּלען אַ מיידל די אויגן, כּדי זיי זאָלן אים ניט אָנצינדן דאָס האַרץ און אַליין זיך דערנאָך פאַרציען מיט אַ טרויער נאָך איר. אָט אַזוי האָט לאָיקאָ אויך געוואָלט טאָן. ער האָט אָבער ניט געטראָפן דעם אָרט. ראַדדאַ האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און געבנדיק אַ געניץ, האָט זי געזאָגט: — אַבי מע האָט געזאָגט, אַז זאָבאַר איז קלוג און געשיקט — אָט ליגן דאָס מענטשן! — און איז אַוועקגעגאַנגען.

— עהע, שיינהייט, חן! האָסט שאַרפע ציין! — האָט לאָיקאָ אַ בליץ געטאָן מיט די ציינער, אַראָפּקריכנדיק פון פערד. — זייט געגריסט, ברידער! איך גיי איך צו אייך!

— מיר בעטן זייער! — האָט אים דאַנילאָ געענטפערט. מע האָט זיך צעקושט, געשמועסט און זיך געלייגט שלאָפן... מע האָט שטאַרק געשלאָפן. און אויף מאָרגן אינדערפרי, מיר גיבן אַ קוק, ביי זאָבאַרן איז דער קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ טיכל. וואָס איז עס? דאָס האָט דער פערד אים שלאָפעדיקערהייט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קלויען.

ע, ע, ע! האָבן מיר שוין פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז דער פערד, און געשמייכלט אין די וואָנצעס. דאַנילאָ האָט אויך געשמייכלט. וואָס, לאָיקאָ איז אפשר ניט ווערט ראַדדאַן? טאַקע ניט! ווי אַ מיידל זאָל ניט זיין שיין, איז ביי איר אָבער אַ שמאָלע און אַ קליינע נשמה, און מאָסטו איר אָנהענגען אויפן האַלז אַ פּוד גאָלד, סיווי, בעסער ווי זי איז, וועט זי שוין ניט ווערן נו, וואַיל!

זיצן מיר אַלץ און זיצן אויף יענעם אָרט, די געשעפטן זיינען ביי אונז יענע צייטן געווען גוטע, און זאָבאַר איז אויך מיט אונז. דאָס איז געווען אַ חבר! און קלוג איז ער געווען, ווי אַ זקן, און אַלץ האָט ער געוואוסט, און רוסיש און אונגאַריש האָט ער געקענט. ס'פלעגט טרעפן אַמאָל, ער פלעגט נעמען ריידן — אייביק וואָלט איך ניט געשלאָפן און וואָלט אים אַלץ געהערט:

דײַנט שפּילט ער — זאָל מיך אַ הינער אײַנשלאָגן, אויב ס'איז דאָ אויף דער וועלט נאָך איינער, וואָס האָט געשפּילט אַזוי ווי זאָבאַר! ס'טרעפט, אַז ער גיט נאָר אַ פיר מיט דעם בויגן איבער די סטרונעס — און דאָס האַרץ גיט זיך בײַ דיר אַ צאַפּל, ער גיט אַ פיר אַ צווייטן מאָל — און דאָס האַרץ שטאַרבט אָפּ הערנדיק, און ער שפּילט און שמייכלט. און הערנדיק זײַנע לידער, האָט זיך אין איין און דער זעלבער צײַט געוואָלט אי וויינען אי לאַכן. אָט באַלד גיט עמעצער ביטער אַ קרעכץ פון אונטערן בויגן, קרעכצט, בעט הילף און שנײַדט דיר די ברוסט, אַזוי ווי מיט אַ מעסער. און אין אָט דערציילט דער סטעפּ מעשהלעך דעם הימל, שטילע, טרויעריקע מעשהלעך. ס'וויינט אַ זיידע, באַגלייטנדיק דעם וואוילן יונג; דער וואוילער יונג רופט דאָס מיידל אין סטעפּ אויף אַ זעונג. און פּליצלונג — העי! ס'דונערט אַ פרײַ, לעבעדיק ליד, און, זע נאָר, די זון אַליין טאַנצט איבערן הימל אונטער יענץ ליד! אָט ווי, לעבן מײַנס!

יעדער אָדער אין דײַן לײַב האָט פאַרשטאַנען יענץ ליד און דו ביסט אינגאַנצן געוואָרן זײַנער אַ קנעכט. און ווען לאָיקאָ וואָלט דעמאָלט אַ געשריי געטאָן: „אויף מעסערס, חברים!" — וואָלטן מיר אַלע אַוועק אויף מעסערס, מיט וועמען ער וואָלט נאָר געהייסן... אַלץ האָט ער געקענט מאַכן מיט אַ מענטשן, און אַלע האָבן אים ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט; בלויז ראַדדאַ אַליין קוקט ניט אויף דעם בחור; און עס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט, ווען עס וואָלט בלויז דאָס אַליין געווען — פלעגט זי נאָך אָבער אין דער שטיל אָפּלאַכן פון אים. זי האָט טיף אָנגערירט זאָבאַרן, אַלץ הייסט טיף! לאָיקאָ קריצט מיט די ציינער און ציט פאַר די וואָנצעס, די אויגן קוקן פינסטערער, ווי דער אָפּגרונט, און טײלמאָל גיט אין זיי אַ בליץ אַזוינס, אַז ס'ווערט שרעקלעך אויף דער נשמה. דער וואוילינגערישער לאָיקאָ גייט אַוועק ווײַט אין סטעפּ און זײַן פידל וויינט דאָרטן ביז אינדערפרי, וויינט, באַגראָבט זאָבאַרס פרײַהייט. און מיר ליגן און הערן, און טראַכטן: וואָס טוט מען? און מיר ווייסן, אַז אויב עס קײַקלען זיך צוויי שטיינער איינע אויף די אַנדערע, טאָר מען זיך צווישן זיי ניט

שטעלן — זיי וועלן קאַליעטשען. אַזוי האָט זיך דער ענין גע־צויגן.

איינמאָל זיינען מיר אַלע געזעסן און גערעדט וועגן פאַר־שיידענע זאַכן. ס'איז געוואָרן אומעטיק. בעט דאַנילאָ לאָיקאָן: — „זינג, זאָבאַר, איך עפּעס אַ לידעלע, דערפרייי אונז די נשמה!"—

האָט לאָיקאָ געוואָרפן אַ בליק אויף ראַדדאַן, וואָס איז געלעגן ניט ווייט פון אים מיטן פנים אַרויף, האָט אַרויפגעקוקט צום הימל און האָט אַ זעץ געטאָן איבער די סטרונעס.

האָט די פידל גענומען ריידן, גלייך זי וואָלט באמת געווען אַ מיידלש האַרץ:

העי־האָפּ! אין האַרצן ברענט אַ פייער,
און ברייט דער סטעפּ איז, ברייט!
ווי אַ ווינט אַ שנעלער — פליט מיין פערד, מיין טרייער,
מיין האַנט איז פעסט און גרייט.

האָט ראַדדאַ אומגעקערט דעם קאָפּ און האָט, אויפהויבנדיק זיך אַ ביסל, אַ שמייכל געטאָן דעם זינגער אין פנים אַריין. האָט ער זיך אָנגעצונדן, ווי דער מאָרגנטוי:

העי, האָפּ, העי! שנעלער, חבר, העפּ!
מיר גיבן זיך אַ יאָג?
אַ פינסטערניש פאַרהילט דעם סטעפּ —
און ס'רופט אונז דער פאַרטאָג!
העי־האָפּ, העי, מיר פליען מאָל אַנטקעגן.
שווינג־אויף אין בלויער נאַכט!
נאָר מיט דער גרויע זאָלסט ניט פאַנגען
די לבנה, — הימלס פראַכט!

אָט דאָס איז געווען געזונגען! איצט זינגט שוין קיינער ניט אַזוי! און ראַדדאַ רעדט, גלייך זי וואָלט וואַסער געזייט:

— דו וואָלסט, לאָיקאָ, ניט באַדאַרפט אַזוי הויך צו פליען, דו וועסט פאַלן ניט גלייך און וועסט מיט דער נאָז טרעפן אין אַ קאַלוזשע, וועסטו איינשמוצן די וואָנצעס — היט זיך. האָט לאָיקאָ

אַ קיק געטאָן אויף איר, אַזוי ווי אַ חיה, און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט — דער יונג האָט עס אַראָפּגעשלונגען און האָט ווייטער געזונגען:

הײַ־האָפּ! דער טאָג קען פּלוצלונג קומען
און שלאָפנדיק אונז פּאַקן.
ײַ־הײַ! פון בושה ווען מיר שטומען.
עס פלאַמען אונז די באַקן.

— אָט דאָס איז אַ ליד! — האָט דאַנילאָ, וואָס האָט קיינמאָל אַזאַ ליד ניט געהערט, — געזאָגט; זאָל דער טייוול פון מיר מאַכן אַ הולקע, אויב איך זאָג ליגן! — דער אַלטער נור האָט זאַ דרייַ געטאָן די וואָנצעס און אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, און אונז אַלעמען איז געווען צום האַרצן זאַבאַרס וואוילעריש ליד. בלויז ראַדדאַן אַליין איז דאָס ליד ניט געפעלן געוואָרן.

— פּונקט אַזוי האָט אויך אַ קאָמאַר געזשומט, ווען ער איז אַמאָל איבערקרימען דעם אָדלער־געשריי, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, גלייך זי וואָלט אונז אָפּגעשאָטן מיט שניי.

— ווילסט אפשר, ראַדדאַ, מיט דער בייטש? — האָט זיך צו איר דאַנילאָ אַ צי געטאָן, און זאָבאַר טוט אַ וואָרף דאָס היטל אויף דער ערד און גיט אַ זאָג, אינגאַנצן שוואַרץ, ווי די ערד:
— שטיי, דאַנילאָ! פאַר אַ היציקן פערד — איז דאָ אַ מיטל, אַ שטאָלענע צוים! גיב מיר דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב!
— אָט דאָס איז ווערטער! — האָט דאַנילאָ געשמייכלט — נעם זי דיר אויב דו קענסט.
— גוט! — ענטפערט לאָיקאָ, און זאָגט צו ראַדדאַן:
— נו, מיידעלע, הער מיך אויס אַ ביסל, נאָר האַלט זיך ניט גרויס! כ'האָב שוין אַ היבש ביסל אָנגעזען אייערע שוועסטער, אָהאָ וויפל! און קיין איינע האָט אַזוי ניט גערירט מיין האַרץ, אַזוי ווי דו. עך, ראַדאַ, האָסט געפאַנגען מיין האַרץ! נו וואָס? וואָס ס'איז באַשערט, דאָס איז באַווערט, און... ס'איז ניטאָ אַזאַ פערד, אויף וועלכן מע זאָל פון זיך אַליין קענען אַנטלויפן!... איך נעם דיך פאַר אַ ווייב פאַר גאָט, פאַר מיין ערע, פאַר דיין פאָטער און

פֿאַר די הײַזיקע אַלטע לײַט. נאָר זע, זאָלסט מײן װילן ניט װידער־שפּעניקן — איך בין דאָך אַ פֿרײַער מענטש און װעל לעבן אַזױ װי איך װיל! — און ער איז צוגעגאַנגען צו איר, פֿאַרדריקנדיק די צײנער און בליצנדיק מיט די אױגן. מיר גיבן אַ קוק, ער האָט איר אױסגעשטרעקט די האַנט, — אָט, טראַכטן מיר, האָט עס ראַדדאַ אָנגעטאָן אַ צים אױף דעם סטעפּ־פֿערד! פּלוצלונג זעען מיר, װי ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און געגעבן אַ פֿאַל מיט דעם נאַקן אָן דער ערד!...

— װאָס פֿאַר אַ ניסים? גלײַך אַ קױל װאָלט דעם יונג גע־טראָפֿן אין האַרצן אַרײַן. דאָס האָט אים ראַדדאַ אָנגעכאַפּט מיט דער רימענער בײַטש פֿאַר די פֿיס, און אַ צי געטאָן צו זיך, — אָט פֿאַרװאָס לאָיקאָ איז געפֿאַלן.

און װידער ליגט שױן דאָס מײדל, ניט רירנדיק זיך, און שמײכלט זיך אונטער שװײַגנדיקערהײט. מיר קוקן און װאַרטן, װאָס דאָ װעט זײַן, און לאָיקאָ זיצט אױף דער ערד און דריקט דעם קאָפּ מיט די הענט, גלײַך ער האָט מורא, ער זאָל בײַ אים ניט פּלאַצן. דערנאָך איז ער שטילערהײט אױפֿגעשטאַנען און איז אַװעק אין סטעפּ, ניט קוקנדיק אױף קײנעם. נור האָט מיר אַ שעפּטשע געטאָן: — װאַרף אױף אים אַן אױג! — און איך האָב אַװעקגעפֿירט נאָך זאָבאַרן אין סטעפּ אַרײַן אין דער נאַכטיקער פֿינסטערניש. אַזױ איז דאָס, יאָ, פֿײגעלע מײנס!

מאַקאַר האָט אױסגעקלאַפּט דעם אַש פֿון דער לולקע און האָט זי װידער גענומען אָנשטאָפּן. איך האָב זיך שטאַרקער אײַנגעװיקלט אין טשעקמען, און ליגנדיקערהײט האָב איך געקוקט אױף זײַן אַלטן געזיכט, װאָס איז געװען שװאַרץ פֿון אָפּגעברענטקײט און פֿון װינט. ער האָט האַרט און שטרענג געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט עפּעס געשעפּטשעט פֿאַר זיך; די אַלטע געדיכטע װאָנצעס האָבן זיך באַװעגט, און דער װינט האָט אים געפּאַטלט די האָר. ער איז געװען ענלעך צו אַן אַלטן דעמב, װאָס איז אָפּגעברענט געװאָרן פֿון אַ בליץ, נאָר איז נאָך אַלץ געװען מעכטיק, פֿעסט און שטאָלץ מיט זײַן כּוח. דער ים האָט אַזױ װי פֿריער געפּליס־טערט צום ברעג, און דער װינט האָט אױך אַזױ געטראָגן זײַן

געפּליסטערט איבערן סטעפּ. נאָנקע האָט שוין ניט געזונגען, און די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך איינגעזאַמלט אויפן הימל, האָבן נאָך פינסטערער געמאַכט די האַרבסטיקע נאַכט.

טראָט ביי טראָט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַזוי ווי בייטשן, איז לאָיקאָ אַריינגעקומען אין אַ שמאָלן מאָל, לעבן אַ וואַסערל, זיך געזעצט אויף אַ שטיין און האָט אַ זיפץ געטאָן. אַזוי אַ זיפץ געטאָן, אַז ביי מיר האָט זיך דאָס האַרץ מיט בלוט באַגאָסן פון רחמנות, נאָר האָב בין איך צו אים ניט צוגעגאַנגען. מיט קיין ווערטער וועסטו דעם אומגליק ניט לייכטער מאַכן — ניט אמת?! אַזוי איז דאָס: זיצט ער אַזוי אַ שעה, זיצט ער צוויי און זיצט דריי און רירט זיך ניט פון אָרט. — זיצט.

און איך ליג אויך דערביי ניט ווייט. די נאַכט איז אַ ליכטיקע, די לבנה האָט דעם גאַנצן סטעפּ מיט זילבער באַגאָסן און מע זעט אַלץ אויף אַ ווייטן מהלך.

פּלוצלונג זע איך: ראַדדאַ גייט אַיליק פון ציגיינער-לאַגער.

איז מיר געוואָרן פריילעך, עך, — טראַכט איך מיר, אַ היציקע זאַך מסתמא! — ראַדדאַ איז אַ כוואַט אַ מיידל! אָט איז זי צו אים צוגעגאַנגען, און ער הערט גאָר ניט. האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל, האָט זיך לאָיקאָ אַ צאַפּל געטאָן, האָט פונאַנדערגענומען די הענט און האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַז ער גיט עם ניט אַ שפּרינג און אַ כאַפּ דעם מעסער! און, איך זע, ער וועט דאָס מיידל קוילן — און וויל שוין אַ געשריי טאָן צו דעם ציגיינער-לאַגער און לויפן צו זיי, ערשט איך הער:

— וואַרף אַוועק! כ׳וועל דעם מוח צעהאַקן! — איך גיב אַ קוק: ראַדדאַ האַלט אין האַנט אַ פּיסטויל און צילעוועט זיך צו זאָבאַרן אין שטערן. אָט אַ טייוול פון אַ מייד! נו, טראַכט איך מיר, איצט זיינען זיי גלייך אויף גלייך, וואָס וועט ווייטער זיין?

— הער! — ראַדדאַ האָט דעם פּיסטויל פאַרשטעקט אין גאַרטל און זאָגט צו זאָבאַרן: — כ׳בין ניט געקומען דיך צו דערהרגענען, נאָר מאַכן מיט דיר שלום, וואַרף אַוועק דעם מעסער! האָט יענער אַוועקגעוואָרפן דעם מעסער און קוקט איר אין די אויגן אַריין מיט

אַ בריוער מינע. ס'איז געווען אַ וואונדערלעכע זאַך, ברודער! שטייען צוויי מענטשן און קוקן איינער אויף דעם אַנדערן אַזוי ווי חיות, און ביידע אַזעלכע גוטע, העלדישע לייט. קוקט אויף זיי די קלאָרע לבנה און איך — און מער קיינער.

— נו, הער מיך אויס, לאָיקאָ: כ'האָב דיך ליב! — זאָגט ראַדדאַ. יענער האָט בלויז אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, גלייך ביי אים וואָלטן די הענט מיט די פיס געווען געבונדן.

— כ'האָב שוין געזען העלדישע יונגען, נאָר דו ביסט נאָך העלדישער און שענער פאַר זיי אי אין דער נשמה, אי אויפן געזיכט. ווען איך וואָלט נאָר איין פינטל געטאָן מיט אַן אויג, וואָלט יעדערער פון זיי זיך געלאָזט אָפּגאָלן די וואָנצעס, אַלע וואָלטן זיי ביי מיר צו די פיס געפאַלן, ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון? זיי זיינען אַזוי אויך ניט קיין איבעריקס גרויסע העלדן און איך וואָלט זיי אַלעמען געמאַכט פאַר ווייבער. ווייניק העלדישע ציגיינער זיינען אויף דער וועלט פאַרבליבן, וויניק, לאָיקאָ. כ'האָב קיינמאָל קיינעם ניט געליבט, און אָט דיך ליב איך. און חוץ דעם ליב איך די פרייהייט! די פרייהייט, לאָיקאָ, האָב איך נאָך ליבער פאַר דיך. און אָן דיר קען איך ניט לעבן, אַזוי ווי דו קענסט אָן מיר ניט לעבן. איז אָט וויל איך, דו זאָלסט זיין מיינער מיט דער נשמה און מיטן גוף, הערסט? — לאָיקאָ האָט קלוגיטשקע געשמייכלט.

— איך הער! ס'פרייט זיך האָס האַרץ, הערנדיק דיינע רייד: נו, רייה ווייטער!

— און נאָך וואָס, לאָיקאָ: אַלץ איינס, ווי דו זאָלסט זיך ניט דרייען, וועל איך דיך גובר זיין, וועסט זיין מיינער. איז פטור ניט אומזיסט קיין צייט — עס וואַרטן אויף דיר מיינע קושן און מיינע צערטלעכקייטן... כ'וועל דיך שטאַרק קושן, לאָיקאָ! אונטער מיין קוש וועסטו פאַרגעסן דיין וואוילעריש לעבן... און די לעבעדיקע לידער דיינע, וואָס מאַכן אַזוי פריילעך די בראַווע ציגיינער, וועלן מער ניט קלינגען איבער די סטעפּעס — דו וועסט שוין זינגען לידער פון ליבע און צאַרטקייט צו מיר, צו דיין ראַדדאַן... איז פטור ניט אומזיסט קיין צייט, — האָב איך דאָס נאָר געזאָגט, דאַרפסטו.

הייסט עס, מאָרגן מיר ווערן געהאָרכזאַם, ווי אַ ייִנגערער איז גע־
האָרכזאַם אַן עלטערן חבר. וועסט זיך אַ בוק טאָן צו מײַנע פֿיס
פֿאַר דעם גאַנצן ציגײַנער־לאַגער און וועסט אַ קוש טאָן מײַן רעכטע
האַנט — און דעמאָלט וועל איך ווערן דײַן ווײַב.

און וואָס דעם טײַוולס טאָכטער האָט פֿאַרלאַנגט! דאָס איז
דאָך גאָר קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן אַפֿילו; בלויז אין די אַלטע
צײַטן — פֿלעגן די אַלטע ציגײַנער דערצײלן — האָט זיך בײַ די
מאַנטענעגרער אַזוי געפֿירט, אָבער בײַ די ציגײַנער — קיינמאָל ניט!
ווערן „חבר־לאַפּ" מיט אַ מיידל! אַנו, לעבן מײַנס, — קענסטו דען
אויסטראַכטן עפּעס קאָמישערס? אַז דו וועסט אַ יאָר צײַט נאָכאַנאַנד
זיך ברעכן דעם מוח, וועסטו ניט אויסטראַכטן!

איז לאָיקאָ אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט און האָט אַ געשריי גע־
טאָן איבער דעם גאַנצן סטעפּ, ווי ער וואָלט געווען פֿאַרוואונדעט
אין ברוסט. האָט ראַדדאַ אַ ציטער געגעבן, אָבער ניט אַרויס־גע־
געבן זיך.

— נו, איז אַדיע ביז מאָרגן, און מאָרגן וועסטו טאָן, וואָס
איך האָב דיר געהייסן. הערסט, לאָיקאָ!

— כ'הער, כ'וועל טאָן, — האָט זאָבאַר אַ זיפֿץ געטאָן און
האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט. זי האָט זיך אַפֿילו ניט
אומגעקוקט אויף אים, און ער האָט זיך גענומען וואַקלען, ווי
אַ בוים, וואָס איז איבערגעבראָכן געוואָרן פֿון ווינט, און האָט
אַ פֿאַל געגעבן אויף דער ערד, יאָמערנדיק און לאַכנדיק.

און ווי די פֿאַרפֿלוכטע ראַדדאַ האָט עס אים אויסגעמאַטערט,
דעם בראַוון יונג. כ'האָב אים קוים געבראַכט צו די כוחות.

עהע! צו וואָסער גוטן יאָר דאַרף מען עס האָבן, אַז מענטשן
זאָלן לײַדן צער? ווער האָט עס ליב צו הערן, ווי עס קרעכצט דאָס
מענטשלעכע האַרץ און ווערט צעריסן פֿון צער? ס'מענטשלעכע
האַרץ? הײַנט גיי פֿאַרשטיי דאָ!...

כ'האָב זיך אומגעקערט אין ציגײַנער־לאַגער אַ־יין און דערציילט
וועגן אַלץ די אַלטע לײַט. האָבן זיי איבערגעטראַכט און באַשלאָסן
אָפּצוואַרטן און זען — וואָס וועט פֿון דעם אַלעם ווערן. און גע־
ווען איז אָט־וואָס: בשעת מיר האָבן זיך אַלע אויפֿגעזאַמלט אין

אָוונט אַרום דעם שייטער־הויפֿן, איז אויך לאָיקאָ געקומען. ער
איז געווען צעטומלט, און איז פֿאַר דער נאַכט שרעקלעך אויסגעמאָגערט
געוואָרן, די אויגן זיינען ביי אים איינגעפֿאַלן; ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט
אויף דער ערד און, ניט אויפֿהויבנדיק זיי, האָט ער צו אונז גע=
געזאָגט:

— אָט־וואָס פֿאַר אַ געשיכטע, חברים: היינטיקע נאַכט האָב
איך געקוקט אין מיין האַרצן און האָב אין אים ניט געפֿונען דעם
אָרט פֿון מיין אַלט פֿריי לעבן. בלויז ראַדאַ אַליין וואוינט דאָרטן—
און מער קיינער. אָט איז זי, די שיינהייט ראַדאַ, זי שמייכלט,
ווי אַ מלכותטע! זי ליבט איר אייגענע פֿרייהייט מער פֿאַר מיר,
און איך האָב זי ליב מער פֿאַר מיין פֿרייהייט, און איך האָב באַ=
שלאָסן צו בוקן זיך צו ראַדאַן צו די פֿיס, אַזוי האָט זי באַפֿוילן,
כדי אַלע זאָלן זען, ווי איר שיינקייט האָט אונטעריאָכט דעם
העלדישן לאָיקאָ זאָבאַר, וואָס האָט זיך ביז איר געשפּילט מיט
מיידלעך, ווי דער היבּפֿאַלק שפּילט זיך מיט ענטלעך. דערנאָך וועט
זי ווערן מיין ווייב און וועט מיך צערטלען און קושן, אַזוי, אַז מיר
וועט זיך שוין מער ניט וועלן זינגען אייך קיין לידער. און מיין
פֿרייהייט באַדויער איך ניט! ניט אַזוי, ראַדאַ? — ער האָט אויפֿ=
געהויבן די אויגן און האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ טריבן
בליק. זי האָט שווייגנדיק און שטרענג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ
און האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אירע פֿיס. און מיר האָבן
געקוקט און גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען. ס'האָט זיך אַפֿילו געוואָלט
ערגעץ אַוועקגיין, אַבי ניט צו זען, ווי לאָיקאָ זאָבאַר וועט
פֿאַלן אַ מיידל צו די פֿיס — מאָג אַפֿילו דאָס מיידל זיין ראַדאַ
אַליין. ס'איז געווען אַ חרפּה פֿאַר עפּעס און אַ רחמנות, און אוי=
מעטיק.

— נו! — האָט ראַדאַ אַ געשריי געטאָן צו זאָבאַרן.

— עהע, איַיל זיך ניט, וועסט נאָך באַוויזן, ס'וועט נאָך דער=
עסן... — האָט ער זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. גלייך שטאָל וואָלט זיך צע=
קלונגען, —אַזוי האָט ער געלאַכט.

— אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע, חברים! וואָס בלייבט
איצט איבער צו טאָן? ס'בלייבט אויסצופּרוּוון, צי האָט טאַקע מיין

ראַדראַ אַזאַ שטאַרקן האַרץ, ווי זי האָט מיר באַוויזן, כ'וועל טאַקע פּרוּוון. זייט מיר מוחל, ברידער!

מיר האָבן נאָך ניט צייט געהאַט אָנצושטויסן זיך, וואָס זאָבאַר מיינט צו טאָן, איז שוין ראַדראַ געלעגן אויף דער ערד און ביי איר ברוסט האָט ביזן הענטל געשטעקט זאָבאַרס קרומער מעסער. מיר זיינען פאַרגליווערט געוואָרן.

און ראַדראַ האָט אַרויסגעריסן דעם מעסער, האָט אים אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט און פאַרשטאָפּנדיק די וואונד מיט אַ לאָק פון אירע שוואַרצע האָר, האָט זי, שמייכלענדיק, געזאָגט הייך און דייטלעך:

— אַדיע, לאָיקאָ! כ'האָב געוואוסט, אַז דו וועסט אַזוי טאָן!...

און איז געשטאָרבן....

— פאַרשטייסטו שוין, פייגעלע מיינס, אַ מיידל!? אָט זאָל איך פאַרשאָלטן ווערן אויף אייביק, אויב ס'איז ניט געווען קיין טייוול פון אַ מיידל!

— עך! כ'וועל זיך שוין איצט פאַלן צו די פיס, שטאָלצע קיניגין! — האָט לאָיקאָ אַ ברום געטאָן איבערן גאַנצן סטעפּ און אַ וואָרף געבנדיק זיך אויף דער ערד, איז ער צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו די פיס פון דער טויטער ראַדראַ און איז פאַרגליווערט געוואָרן. מיר האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און געשטאַנען שווייגנדיקערהייט.

וואָס וועסטו זאָגן וועגן אַזאַ מעשה, לעבן מיינס? דאָס איז דאָס! נור האָט געוועזט געזאָגט: „מע דאַרף אים בינדן!" די הענט וואָלטן זיך ניט געהייבן צו בינדן לאָיקאָ זאָבאַרן, ביי קיינעם וואָלטן זיך די הענט ניט געהייבן, און נור האָט עס געוואוסט. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, און דאַנילאָ האָט אויפגעהויבן דעם מעסער, וואָס ראַדראַ האָט אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זייט, און האָט לאַנג אויף אים געקוקט, באַוועגנדיק מיט די גרויסע וואָנצעס; אויף אָט-דעם מעסער איז נאָך ניט געהאַט פאַרגליווערט געוואָרן ראַדראַס בלוט און געווען איז ער אַ קרומער אַזאַ און אַ שאַרפער. דערנאָך איז דאַנילאָ צוגעגאַנגען צו זאָבאַרן און האָט אים אַריינגערוקט דעם מעסער אין רוקן אַריין.

פּונקט אַנטקעגן האַרצן. דער אַלטער זעלנער דאַנילאָ איז דאָך געווען ראַדהאַס פֿאָטער!

— אָט אַזוי־אָ, — האָט לאַיקאָ, אומקערנדיק זיך צו דאַנילען, געזאָגט דייטלעך, און איז אַוועק דעריאָגן ראַדאַן.

און מיר האָבן געקוקט. ראַדדאַ איז געלעגן און האָט צוגעדריקט מיט דער האַנט דעם לאָק האָר צו דער ברוסט, און אירע אָפֿענע אויגן זיינען געווען געווענדט צו דעם בלויען הימל, און לעבן אירע פֿיס האָט זיך אויסגעצויגן דער העלדישער לאַיקאָ זאָבאַר. זיינע לאָקן זיינען געפֿאַלן אויף זיין געזיכט און דאָס געזיכט האָט זיך ניט אַרויסגעזען.

זיינען מיר אַזוי געשטאַנען און געטראַכט. בײַ דעם אַלטן דאַנילען האָבן געציטערט די וואָנצעס און זיינע געדיכטע ברעמען האָבן זיך געכמורעט. ער האָט געקוקט אין הימל אַריין און האָט געשוויגן, און נור, גרוי ווי אַ טויב, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ און האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז זיינע אַלטע אַקסלען האָבן זיך גענומען וואַרפֿן, ווי אין פֿיבער.

ס'איז געווען אויף וואָס צו וויינען, פֿייגעלע מיינס! אַזוי איז דאָס!...

„הײַ גייסט, איז גיי זיך דיר דיין וועג, און און קער זיך ניט אָפּ אין אַ זייט. גיי גלייך. אפשר וועסטו אומזיסט ניט אומקומען. אָט דאָס איז אַלץ, לעבן מיינס!

מאַקאַר איז אַנטשוויגן געוואָרן און, באַהאַלטן זיין לולקע אינעם טאַבאַק־בײַטל, האָט ער אויפֿגעשפּיליעט דעם טשעקמען אויפֿן אָרט פֿונעם האַרצן. ס'האָט געטריפֿט אַ קליינער רעגן, דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער און דער ים האָט געברויזט טויב און בייז. די פֿערד זיינען איינע נאָך די אַנדערע צוגעגאַנגען צו דעם פֿאַרלאָשענעם שייטערהויפֿן, און באַקוקנדיק אונז מיט די גרויסע, קלוגע אויגן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע און האָבן אונז אַרומגענומען מיט אַ פֿעסטן רינג.

— האָפּ, האָפּ, עהאָי! — האָט מאַקאַר צו זיי צערטלעך געשריען און אַ פּאַטש געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן האַלז פֿון

זײַן געליבטן שוואַרצן פֿערד, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו מיר, געזאָגט:

— צײַט צו גײן שלאָפֿן! — דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעוויקלט ביז איבערן קאָפּ אין דעם טשעקמען אין, אויסגעצויגן זיך מעכטיק אויף דער ערד, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָט זיך ניט געוואָלט שלאָפֿן, האָב איך געקוקט אין דער פֿינסטערניש פֿון סטעפּ, און אין דער לופֿט האָט פֿאַר מײַנע אויגן געשוועבט ראַדאַס שטאָלצע פֿיגור. זי האָט צוגעדריקט די האַנט מיט דעם לאָק האָר צו דער וואונד אויף דער ברוסט, און דורך אירע פֿאַרברײַנטע דינע פֿינגער האָט טראָפּנווײַז געטריפֿט דאָס בלוט און איז געפֿאַלן אויף דער ערד אין פֿלאַמיק-רויטע שטערנדלעך.

און נאָך איר האָט געשוועבט דער העלדישער לאָיקאָ זאָבאַר... געדיכטע פּאַסמעס האָר פֿון אירע שוואַרצע לאָקן האָבן פֿאַרשטעלט זײַן געזיכט, און פֿון אונטער זיי האָבן טראָפּנווײַז געטריפֿט נאָכאַנאַנד קאַלטע און גרויסע טרערן...

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט, און דער ים האָט געזונגען אַ פֿינסטערן און פֿײַערלעכן הימען צו די צוויי שטאָלצע שיינהייטן — צו דעם ציגײַנער לאָיקאָ זאָבאַר און צו ראַדאַן, — דער טאָכטער פֿון דעם אַלטן זעלנער דאַנילאָ.

און בײדע האָבן זיך געדרייט אין דער נאַכט-פֿינסטערניש ריטמיש און שטום און דער בילד-שיינער זינגער האָט בשום אופֿן ניט געקענט אָניאָגן די שטאָלצע ראַדאַ.

יעמעליאַן פּיליאַי.

— בלייבט נאָר צו גיין אויף זאַלץ! געזאַלצן איז די האָזיקע פֿאַרשאָלטענע אַרבעט, דאָך, דאַרף מען זיך צו איר נעמען, וואָרעם אַזוי־אָ. קאָנסטו נאָך, זאָל די בייזע שעה ניט זיין, גאָר פּגרן פֿון הונגער.

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט מיין חבר יעמעליאַן פּיליאַי צום צענטן מאָל אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס טאַבאַק־בייטל און, איבערצייגנדיק זיך, אַז עס איז פּונקט אַזוי פּוסט, ווי עס איז געווען נעכטן, האָט ער אָפּגעזיפֿצט, אויסגעשפּיַט און, איבערקערנדיק זיך אויפֿן רוקן, האָט ער, אונטערפּייפֿנדיק, גענומען קוקן אויף דעם לזורן הימל, וואָס האָט געעטעמט מיט היץ. מיר זיינען ביידע געלעגן אויף אַ זאַמדיקן ערד־פּאַס אַ וויאָרסט דריי פֿון אָדעס, פֿון וואַנען מיר זיינען, ניט געפֿינענדיק קיין אַרבעט, אַוועק, און איצט האָבן מיר, הונגעריקע, באַהאַנדלט די פֿראַגע, וואוהין צו גיין. יעמעליאַן האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם זאַמד מיטן קאָפּ צום סטעפּ און מיט די פֿיס צום ים, און די כוואַליעס האָבן, אָנלויפֿנדיק און רוישנדיק שטיל, געוואַשן זיינע נאַקעטע און בלאָטיקע פֿיס. זשמורענדיק די אויגן פֿון דער זון, האָט ער זיך דאָ אויסגעצויגן, ווי אַ קאָטער, דאָ אַראָפּגערוקט נענטער צום ים, און דעמאָלט האָט אים אַ כוואַליע אַ שווענק געטאָן שיר ניט ביז די אַקסלען. דאָס איז אים געווען געפֿעלן און האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פֿייל־מעלאַנכאָלישער שטימונג.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אין אַ זייט פֿון האַפֿן, וואו עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גאַנצער וואַלד פֿון מאַסטן, איינגעהילטע אין קנוילן

שווערן שוואַרצפּליִען רויך, און פֿון האָרטן איז געשוואומען אײבערן ים אַ דיסהאַרמאָנישער, טעמפּער גערײש פֿון די אַקערקײטן, אַ פּויף פֿון לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָבן דערלאַנגט די משׂא, און די אױפֿגעלױבטע שטימען פֿון די אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגעלאָדן די שיפֿן. איך האָב דאָרטן קײן זאַך ניט געפֿינען, וואָס זאָל קאָנען איבערלעבן אונזערע פֿאַרלאָשענע האָפֿענונגען אױף אַרבעט, און שטילנדיק זיך, האָב איך געזאָגט צו יעמעליאַנען:

— נו, וואָס, לאָמיר גײן אױף זאַלץ!

— יאָ... גײ! און דו וועסט מאַכן זיס? — האָט ער פֿראַגעמוסיק איבערצײגן, ניט קוקנדיק אױף מיר.

— מיר וועלן האָרטן זען.

— איז גײען מיר, הײסט עס? — האָט יעמעליאַן איבערגעחזרט, ניט רירנדיק מיט קײן אײן גליד.

— נו, אַוודאי.

— אַהאַ! נו, מילא, ס׳איז אַ ענין... לאָמיר גײן! און די דאָזיקע פֿאַרפֿלוכטע אָרעס — שדים זאָלן זי אײַנשלינגען! — וועט בלײַבן דאָ, וואו זי איז. אַ האַבנשטאָט! אײַנגעזונקען זאָל זי ווערן!

— גוט, שטעל זיך און לאָמיר גײן; מיט זידלערײען וועסטו זיך ניט העלפֿן.

— וואוהין זאָלן מיר גײן? אױף זאַלץ הײסט עס?... דו װײסט אָבער, בחודעריל, אַז אױף דעם דאָזיקן זאַלץ וועט אױך קײן גוטס ניט זײַן, ווען מיר זאָלן אפֿילו גײן.

— דו האָסט דאָך אָבער געזאָגט, אַז מע דאַרף אַהינצו גײן.

— דאָס איז טאַקע אמת, אַז איך האָב געזאָגט. וואָס איך האָב געזאָגט, האָב איך געזאָגט; פֿון מײַנע ווערטער וועל איך זיך שוין ניט אָפּזאָגן, אָבער אַז ס׳וועט ניט זײַן קײן טאָלק דערפֿון, איז אױך אמת.

— אָבער פֿאַרוואָס?

— פֿאַרוואָס? און דו מײנסט, אַז דאָרטן וואַרט מען אױף אונז אַוודאי: ביטע, הער יעמעליאַן און מאַקסים, טוט אַ טובה, ברעכט אײַערע בײנער, באַקומט אײַער געלט!... נײן, אַזוינס פֿאַסירט ניט!

אָט וואו דער ענין האַלט: איצט זיינען מיר בײדע פולקאָמע באַ־לעבאַטים אויף אונזער פעל...

— נו רעכט, זאָל זיין גענוג! לאָמיר גיין!

וואַרט! — מיר דאַרפן גיין צום הער פאַרוואַלטער פונם דאָזיקן זאַלץ און זאָגן אים מיט אונזער גאַנצער אַכטונג: גנעדיקער הער, פילגעאַכטער חיבער און בלוטזויגער, — אָט זיינען מיר געקומען פאַרלייגן אייער האָב־גיריקייט אונזער פעל, צי קענט איר ניט טאָן קיין טובה און אַראָפּשינדן די פּאָר 60 קאָפּיקעס אַ מעת־לעת: און דעמאָלט וועט מען אונז...

— נו, איז אָט, שטעל זיך און לאָמיר גיין. ביז אָוונט וועלן מיר קומען צו די פישער־בוכטעס, וועלן מיר העלפן אַרויסנעמען די נעץ — וועט מען אונז אפשר געבן אָפּעסן אָוונטברויט.

— אָוונטברויט? דאָס איז אָרנטלעך. זיי וועלן אָנקומען; די פישער זיינען אַ וואױלן פאָלק. לאָמיר גיין, לאָמיר גיין... אָבער קיין טאָלק, ברידער־לעבן, וועט שוין הערפון ניט זיין, ווייל — שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי אונז גייט ניט, און שוין.

ער איז אויפגעשטאַנען, אינגאַנצן נאַס, אויסגעצייגן די גלידער און האָט פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס פון די הויזן, וואָס ער האָט אויפגענייט פון צוויי מעל־זעק, האָט דאָרט אַ נישטערה געטאָן און האָט מיט אַ קאָמישן בליק באַקוקט זיינע ליידיקע הענט, אַרויסנעמענדיק זיי און צוטראָגנדיק זיי צום געזיכט.

— ניטאָ גאָרנישט!... דער פערטער טאָג, ווי איך זיך — און אַלין — גאָרנישט! געשעפטן, ברידער־לעבן!

מיר זיינען געגאַנגען מיטן ברעג, און האָבן זיך פון צייט צו צייט איבערגעוואָרפן מיט באַמערקונגען. די פיס זיינען געזונקען אין ווייכן זאַמד, וואָס איז געווען געמישט מיט מושלען, וועלכע האָבן פון די ווייכע קלעפּ פון די אָנלויפנדיקע כוואַליעס מעלאָדיש געטרייסט. פון צייט צו צייט האָבן מיר געטראָפן פעטשאַ־אַרטיקע מעדוזעס, פישעלעך, שטיקלעך האָלץ פון אַן אויסטערלישער פאָרם, אָנגעווייקטע און שוואַרצע... פון ים איז אָנגעלאָפן אַ וואױל פריש ווינטעלע, האָט אונז באַהויכט מיט קילקייט און איז געפלויגן אין סטעפּ אַריין, אויפהייבנדיק קליינע ווירבלען זאַמדשטויב.

יעמעליאַן, וואָס איז שטענדיק געווען אַ פריילעכער, איז איצט, קענטיק, געווען מרה-שחורהדיק, און באַמערקנדיק דאָס, האָב איך זיך גענומען פרוון אים פונאַנדערוויגן.

— נו, יעמעליע, דערציייל עפּעס פון דיין לעבן!

— כ׳וואָלט דיר דערציילט, ברודער-לעבן, נאָר די ריידמאַשינקע איז שוואַך געוואָרן, ווייל — דער בויך פוסטעוועט. ביי אַ מענטשן איז דער עיקר דער בויך, און וואָס פאַר אַ פאַרזעעניש דו זאָלסט ניט טרעפן — אָן אַ בויך איז ניטאָ, אַ נעכטיקער טאָג! און אַז דער בויך איז רויק, איז אַ סימן, אַז די נשמה לעבט; יעדע מענטשלעכע טואונג קומט אַרויס פון בויך...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— עך, ברודער, ווען דער ים וואָלט מיר איצט אַרויסגעשליידערט טויזנט רובל — באַין! וואָלט איך תיכף געעפנט אַ שענק; דיך וואָלט איך גענומען פאַר אַן אָנגעשטעלטן, אַליין וואָלט איך אינטערן שענק-טיש איינגעאָרדנט אַ געלעגער און וואָלט דורכגעפירט אַ טרייבל גלייך פון פעסל אין מויל אַריין. ווי נאָר עס וואָלט זיך פאַרגלוסט אַ זופּ טאָן פון דעם קוואַל פון שמחה און פרייד, וואָלט איך גלייך געגעבן אַ באַפעל: מאַקסים, דריי אָפּ דעם קראַן! — און בול-בול-בול... גלייך אין האַלז אַריין! שלינג, יעמעליאַן! אַ פוי-ווינער עסק, דער טייוול זאָל מיך דערשטיקן! און דעם דאָזיקן פויער, דעם שוואַרצערדיקן פּריץ, וואָלט איך — איך דו!... ראַבינ׳ זיי... שינדט זיי די הויט!... קער איבער אויף דער לינקער זייט. ער קומט נאָך אַ ביסל משקה אויף אויסצוניכטערן זיך — „יעמעליאַן פּאַווליטש! גיב אויף הוב אַ גלעזל!“ — אַ?... וואָס?... אויף הוב?! כ׳גיב ניט אויף חוב! — „יעמעליאַן פּאַווליטש, דערבאַרעם זיך!“— ביטע, כ׳וועל זיך דערבאַרעמען: פור דעם וואָגן, וועל איך געבן אַ שקאַליק. כאַ-כאַ-כאַ! כ׳וואָלט אים, אָט דעם פיל-בייכיקן טייוול, דורכגעשטאָכן!

— נו, ביסט שוין צופיל אַכזריותדיק! גיב נאָר אַ קוק — זעסט, ער הונגערט, דער פויער.

— ווי? ער הונגערט? וואויל! ריכטיק! און איך הונגער ניט? איך, ברודער-לעבן, הונגער פון מיין געבורט אָן, און דאָס שטייט

ניט אין געזעץ. נ—יאָ! ער הינגערט... פאַרוואָס? קיין גערעטעניש ניט געווען? כ'צווייפל. צערשט איז בײַ אים אין קאָפּ אַן אומגערעטעניש, און דערנאָך ערשט אויפן פעלד, אָט־וואָס! פאַרוואָס איז עפּעס אין אַנדערע אימפּעריעס ניטאָ קיין אומגערעטענישן? ווייל דאָרטן האָבן די מענטשן קעפּ, ניט כּדי מע זאָל קענען דערלאַנגען אין קאַרק; דאָרטן טראַכט מען, — אָט וואָס! דאָרטן, ברודער־לעבן, קען מען דעם רעגן אָפּלייגן אויף מאָרגן, אויב מע דאַרף אים היינט ניט האָבן, און די זון קען מען אָפּרוקן אויף דעם לעצטן פּלאַן, אויב זי ווייזט אַרויס צופיל איבערגעבנקייט. און בײַ אונז — וואָס פאַר אַ מיטלען האָבן מיר? קיין שום מיטלען, ברודערלעבן... ניין, מיט אַן אמת! דאָס איז אַלץ קאַטאָוועס. אָבער אָט, ווען ס'וואָלט ווירקלעך געווען טייזנט רובל און אַ שענק, וואָלט עס געווען אַן ערנסטער ענין...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט לויט זיין רגילות גענומען זוכן זיין טאַבאַק־בײַטל, האָט עס אַרויסגענומען, איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, האָט אַ קוק געטאָן און, בײַ אַ שפּיי געטאָן, האָט ער עס אַרײַנגעוואָרפן אין ים אַרײַן.

אַ כוואַליע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס שמוציקע זעקעלע, האָט אים געוועזט אַוועקגעטראָגן פון ברעג, נאָר באַקוקנדיק די דאָזיקע מתנה, האָט זי עס מיט כּעס ווידער אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג.

— נעמסטו ניט? ליגסט, וועסט נעמען! — און אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּיכטע טאַבאַק־בײַטל, האָט יעמעליאַן אין אים אַרײַנגערוקט אַ שטיין און, פונאַנדערוויגנדיק זיך, אַרײַנגעוואָרפן עס ווייט אין ים אַרײַן.

איך האָב זיך צעלאַכט.

— נו, וואָס שמשירעסטו די ציינער?... אויך אַ מענטש! לייענסט ביכלעך, טראָגסט זיי אפילו אום מיט זיך, און אַ מענטשן פאַרשטיין קען ער ניט! פּיראַיגיקע פאַרזעעניש!

וואָס איז געווען געזאָגט אויף מײַן אַדרעס, און דערבײַ, וואָס יעמעליאַן האָט מיך אָנגערופן פּיראַיגיקע פאַרזעעניש, האָב איך באַשלאָסן, אַז זײַן כּעס אויף מיר איז זייער שטאַרק: בלויז אין די מאָמענטן פון שאַרפן צאָרן און האָס צו אַלץ, וואָס עקסיס-

טורט, האָט ער זיך דערלויבט אָפּצולאַכן פון מיינע ברילן; בכלל אָבער האָט די דאָזיקע געצוואונגענע באַפּוצונג מיינע צוגעגעבן אַזויפיל וואָג און חשיבות אין זיינע אויגן, אַז אין די ערשטע טעג פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָט ער צו מיר אַנדערש ניט געקענט ווענדן זיך, ווי אויף „איר“ און מיט אַ טאָן, פול מיט אַכטונג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב צוזאַמען מיט אים געלאָרן קוילן אויף עפּעס אַ רומענישן דאַמפער און בין, אַזוי ווי ער, געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן, צעדראַפּעט און שוואַרץ, ווי דער טייוול.

איך האָב זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און, וועלנדיק אים אין אַ געוויסער מאָס באַרויקן, האָב איך אָנגעהויבן דערציילן וועגן די איסלענדישע אימפּעריעס און זיך געפּרוווט אים דערוויזן, אַז זיינע ידיעות וועגן דעם, ווער עס רעגירט מיט די וואָלקנס און מיט דער זון, געהערן צו דעם געביט פון לעגענדעס.

— אָהאָ!... אָט ווי!... נו!... אַזוי, אַזוי... — האָט ער צייטנווייז אַריינגעשטעלט אַ באַמערקונג; אָבער איך האָב געשפּירט, אַז זיין אינטערעס צו די איסלענדישע אימפּעריעס און צו דעם לעבנסגאַנג אין זיי איז ניט גרעסער, ווי אַמאָל, און ער הערט מיך כמעט ניט, און קוקט עקשנותדיק ערגעץ ווייט פאָראויס.

— דאָס אַלץ, ליבער ברודער, — האָט ער מיך איבערגעשלאָגן, און אומקלאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — איז טאַקע ריכטיק. אָבער אָט־וואָס כ׳וועל בײ דיר פרעגן: ווען אונז וואָלט איצט געקומען אַנטקעגן אַ מענטש מיט געלט, און מיט גרויסע געלט, — האָט ער אונטערגעשטראָכן, און האָט פאַרבייגייענדיק געכאַפּט אַ קוק אונטער מיינע ברילן, — וואָלסטו אים, כדי צו דערווערבן פאַר דיין חומר פאַרשיידענע אַטריבוטן... וואָלסטו אים אָפּגעליינט?

כ׳האָב אַ ציטער געטאָן.

— פאַרשטייט זיך, אַז ניין, — האָב איך געענטפערט. — קיינער האָט קיין רעכט ניט צו קויפן זיין גליק פאַר דעם פרייז פון דעם צווייטנס לעבן.

— אוהו! יאָ... דאָס איז בלויז אין די ביכלעך אַזוי, און נאָך פאַר דעם געוויסן, אין דער אמתן אָבער וואָלט טאַקע אָט דער זעלביקער פריץ, וואָס האָט דער ערשטער אויסגעטראַכט די

האַזיקע ווערטער, ביי אַ באַקוועמען צופֿאַל, כּדי צו פֿאַרהיטן זיך — זיכער אַרויסגעלאָזן וועמען־עס־איז די נשמה, ווען אים וואָלט אויס־געקומען שמאָל. רעכט? אָט איז רעכט! לעבן מיר נאָר האָט געגלאַנצט יעמעליאַנס איינדרינגלעכער, אָדערדיקער פֿויסט. — און יעדער מענטש פֿירט זיך שטענדיק לויט די האַזיקע רעכט, בלויז לויט פֿאַרשיידענע אופֿנים. אויך מיר רעכט!...

יעמעליאַן האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט באַהאַלטן די אויגן טיף אונטער די ברעמען, וואָס זיינען געווען לאַנג און אָפּגעוועלקט.

איך האָב געשוויגן, וויסנדיק פֿון דער ערפֿאַרונג, אַז דערווידערן אים בעת ער איז בייז, איז ניצלאָז.

ער האָט אַ שליידער געטאָן אין ים אַריין אַ שטיקל האָלץ, וואָס האָט זיך אים געטראָפֿן אונטערן פֿיס; און, אָפּזיפֿצנדיק, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מע וואָלט איצט באַדאַרפֿט אַ רייכער טאָן...

אַ קוק געטאָן רעכטס אין סטעפּ, האָב איך דערזען צוויי פּאַסטעכער פֿון שאָף, וואָס זיינען געלעגן אויף דער ערד און האָבן געקוקט אויף אונז.

— אַ גוט־מאָרגן, מיינע הערן! — האָט יעמעליאַן צו זיי אַ רוף געטאָן, — האָט איר ניט אַמאָל קיין טאַבאַק?

איין פּאַסטעך האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ צום צווייטן, האָט אויסגעשפּיגן פֿון מויל אַ צעקייט גרעזעלע און האָט פֿויל אַ זאָג געטאָן:

— מע בעט טאַבאַק, ע, מיכאַיל?

מיכאַיל האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל, כּן הסתּם אויס־בעטנדיק ביי אים אַן ערלויבעניש צו ריידן מיט אונז, און האָט זיך אומגעדרייט צו אונז.

— גוטמאָרגן! — האָט ער געזאָגט, — וואו גייט איר עפּ?

— קיין אָטשאַקאָוו אויף זאַלץ.

— עהע! איז וואָס, האָט מען אייך אַהינצו איינגעלאָדן?

מיר האָבן געשוויגן און האָבן זיך אויסגעלייגט לעבן זיי אויף דער ערד.

— אַנו, ניקיטע, האַלט־צו די קעשענע, די באַרג־קראָען זאָלן זי ניט צעפּיקן.

ניקיטע האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן און וואָנץ און האָט צוגעהאַלטן די קעשענע. יעמעליאַן האָט געסקריפּעט מיט די ציינער.

— איז דאַרפסטו איר טאַבאַק?

— מיר האָבן שוין לאַנג ניט גערויכערט, — האָב איך געזאָגט, פאַרוווּרט פון דעם קבלת־פּנים און ניט אַנטשליסנדיק זיך צו זאָגן עס גלייך.

— נו איז וואָס? האָט איר באַדאַרפט רויכערן.

— העי דו, טיוולשער כאָכאָל!*) שווייג! גיב, אויב דו ווילסט געבן, אָבער לאַך ניט! העס'לעכע באַשעפעניש! אָדער האָסט פאַרלאָרן אפשר דיין נשמה, שלעפנדיק זיך איבערן סטעפּ? כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ כמאַל איבער מוח, וועסטו אַפילו ניט באַוויזן אַ פּיפּס צו טאָן! — האָט יעמעליאַן אַ ברום געטאָן, דרייענדיק מיט די ווייסלען.

די פּאַסטעכער האָבן אַ ציטער געטאָן און זיינען אויפגעשפּרונגען, כאַפּנדיק זיך פאַר זייערע לאַנגע שטעקנס און שטעלנדיק זיך האַסטיק איינער לעבן דעם אַנדערן.

— עהע, ברידערלעך! אָט ווי איר בעט גאָר!... נו וואָס, גייט זשע אייך!...

די טיוולשע כאָכלעס האָבן זיך געוואָלט שלאָגן, און וואָס איך האָב קיין האָר ניט געצווייפלט. משפּטנדיק לויט זייערע צונויפגעדריקטע פיסטן און לויט דעם ווילדן פייער, וואָס האָט געברענט אין זיינע אויגן, איז יעמעליאַן אויך געווען אַ בעלן שלאָגן זיך. איך האָב ניט געהאַט קיין חשק אָנטיילצונעמען אין דער באַטאַליע און האָב געפּרוווט ברענגען די צדדים צו אַ שלום:

— שטייט, ברידער! דער חבר האָט זיך אַ ביסל צעהיצט — ס'איז ניט קיין גרויס אומגליק! און אייך בעט איך אָט וואָס: — גיט אונז, אויב ס'איז אייך ניט קיין שאָד, טאַבאַק, און מיר וועלן זיך גיין אונזער וועג.

---

*) כאָכאָל — צונאָמען פאַר אַ אוקראַינישן פּויער.

מיכאַל האָט אַ קוק געטאָן אויף ניקיטען, ניקיטע אויף מיכאַלן און ביידע האָבן קלוגיטשקע געשמייכלט

— האָט איר תּיכּף באַדאַרפֿט אַזוי זאָגן!

דערנאָך איז מיכאַל אַרייַנגעקראָכן אין דער קעשענע פֿון דער סוויטע, האָט אַרויסגעצויגן פֿון דאָרטן אַ דיקן טאַבאַק-בייטל און האָט מיר דערלאַנגט:

— נו, נעם טאַבאַק!

ניקיטע האָט אַרייַנגעריקט די הענט אין קעשענע און האָט מיר נאָכדעם דערלאַנגט אַ גרויסן שטיק ברויט און אַ שטיק חזיר, וואָס איז געווען פֿיל באַשאָטן מיט זאַלץ. איך האָב גענומען. מיכאַל האָט איראָניש געשמייכלט און האָט נאָך מיר צוגעשאָטן טאַבאַק. ניקיטע האָט אַ מורמל געטאָן: „אַדיע!" איך האָב אָפּגעדאַנקט.

יעמעליאַן האָט זיך אַן אָנגעברוגזטער אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און גענוג הויך אַ צישע געטאָן: „טייוולישע דבר-אחרים!"

די כאָכלעס זייַנען אַוועק טיף אין סטעפּ אַרייַן מיט אַ שווערן, וואַקלדיקן גאַנג און האָבן זיך אַלע רגע אומגעקוקט אויף אונדז. מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער ערד און, ניט ליגנדיק אויף זיי מער קיין אַכט, האָבן מיר גענומען עסן דעם געשמאַקן האַלבווייסן ברויט מיט חזיר. יעמעליאַן האָט אויך געטשאַמקעט, געסאָפּעט און האָט צוליב-עפּעס פֿלייסיק אויסגעמיטן מייַנע בליקן.

ס'האָט גענומען ווערן נאַכט. ווייט איבערן ים איז געבאָרן געוואָרן אַ פֿינסטערניש און איז געשוואומען אויף אים, פֿאַרדעקנדיק מיט אַ לייכטן בלייִעכן שלייער דעם קליינעם וואַסער-גערונצל. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין יענער ווייטקייט גופֿא האָט זיך פֿונדעק פֿון ים אַפּערגעהויבן אַ בינט פֿון געל-ליליעדיקע וואָלקנס, וואָס זייַנען געווען באַזוימט מיט ראָזן גאָלד, און מאַכנדיק נאָך גערייכטער די פֿינסטערניש, זייַנען זיי געשוואוימען איבערן סטעפּ. און אין דעם סטעפּ, דאָרטן, ווייט-ווייט אויף זיין ברעג, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ריזיקער פּורפּור-פֿאָכער פֿון די שקיעה-שטראַלן און האָט אַזוי ווייך און צאַרט באַפֿאַרבן די ערד און דעם הימל. די כוואַליעס האָבן אַלץ געקלאַפּט אָן ברעג און דער ים — דאָ ראָז, דאָרט טונקל-בלוי — איז געווען וואונדערלעך-שיין און מעכטיק.

— איצט לאָמיר פאַרדיכערן! דער טייוול זאָל אייך, כאַבלעס, פאַרשלעפן! — און, קענטיק, פאַרענדיקט מיט די כאַבלעס, האָט יע־מעליאַן פריי אָפּגעזיפצט. — מיר וועלן גיין ווייטער אָדער מיר וועלן נעכטיקן דאָ?

איך האָב זיך געפילט צו גיין ווייטער.

— מיר וועלן איבערנעכטיקן! — האָב איך באַשלאָסן!

— איז גוט, לאָמיר איבערנעכטיקן! — און ער האָט זיך אויס־געצויגן אויף דער ערד, און האָט באַקוקט דעם הימל.

עס איז געוואָרן שטיל. יעמעליאַן האָט געכאָרכעט און האָט אָפּגעשלאָפן; איך האָב געקוקט אַרום זיך און האָב שווייגנדיקערהייט געשעפּט נחת פון דעם וואונדערלעכן בילד פון דעם אָוונט. איבערן סטעפּ איז הילכיק געשוואומען דאָס מאָנאָטאָנע פּלעסקען פון די כוואַליעס אָן ברעג.

— אַ פיין טאָן אַ געלטיקן מענטשן איבערן שאַרבן איז זאָג וואָס דו ווילסט — ס'איז אַ וואוילע זאַך; דערהויפּט, ווען מען זאָל דאָס אָפּאַרבעטן גלאַט, — האָט יעמעליאַן פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן.

— גענוג, דיר צו פּלוידערן, — האָב איך נערוועז באַמערקט.

— פּלוידערן?! וואָס איז דאָ צו פּלוידערן! דאָס שטיקל עסק וועט זיין אָפּגעאַרבעט, מעגסט מיר גלייבן! מיר איז זיבן און פערציק יאָר, שוין אַ יאָר צוואַנציק, ווי איך ברעך מיר אַליין דעם מוח איבער דער דאָזיקער אָפּעראַציע. וואָס פאַר אַ לעבן פיר איך? אַ הינטיש לעבן. כ'האָב ניט — ניט קיין הויז, ניט קיין ווינקל, — ערגער פאַר אַ הונט! כ'בין דען אַ מענטש? ניין, ברודער, ניט קיין מענטש בין איך; ערגער פאַר אַ וואָרעם און פאַר אַ חיה בין איך! ווער קען מיך פאַרשטיין? קיינער ניט! און אויב איך ווייס, אַז מענטשן קענען לעבן גוט, פאַרוואָס זאָל איך ניט לעבן? ע? דער רוח זאָל אייך כאַפּן, טייוואָלים!

ער האָט זיך פּלוצלונג אַ קער געטאָן מיטן געזיכט צו מיר און האָט שנעל אַ זאָג געטאָן: ווייסט, איינמאָל האָב איך שיר־שיר שוין ניט... ס'איז אַ קאַפּעטשקע ניט געלונגען... דער קלאָג זאָל מיך נעמען, געווען אַ נאַר. ווילסט, איך זאָל דערציילן?

איך האָב שנעל אַרויסגעזאָגט מיין הסכם, און יעמעליאַן האָט פֿאַרזיכערט און אָנגעהויבן:

געווען איז דאָס, ברידער־לעבן, אין פּאָלטאַווע... מיט אַ יאָר אַכט צוריק. כ׳האָב געלעבט אַלס אָנגעשטעלטער ביי איינעם אַ סוחר, מיט וואָלד האָט ער געהאַנדלט. כ׳האָט געלעבט ביי אַ יאָר צייט, זיך אַזוי גאַנץ נישקשה; דערנאָך האָב איך פּלוצלונג גענומען טרינקען. כ׳האָב פֿאַרטרונקען אַ קערבלעך זעכציק דעם באַלעבאָס געלט. האָט מען מיך דערפֿאַר געמשפּט און אַריינגעפּאַקט אין אַרעסטאַנטן־באַטאַליאָן אויף דריי חדשים, וכדומה — לויטן געזעץ. אָפּגעזעסן די צייט, בין איך אַרויסגעגאַנגען — וואוהין גייט מען? אין שטאָט ווייס מען; אין אַן אַנדער שטאָט אַריבערקלייבן זיך איז ניטאָ מיט וואָס און ניטאָ אין וואָס. בין איך אַוועק צו איינעם אַ באַקאַנטן, אַ טינקעלן פֿאַרשוין; ער האָט געהאַלטן אַ שענק און האָט געהאַט צו טאָן מיט גנבישע עסקים, פּלעגט באַהאַלטן פֿאַרשיידענע חברה־לייט און זייערע שטיקלעך אַרבעט. געווען איז ער אַ יונג מיט אַ גוטער נשמה, אַ זעלטן ערלעכער מענטש און האָט גע־האַט אַ קלעפּקע אין קאָפּ. געווען איז ער אַ גרויסער ביכער־פֿרע־סער, געלייענט אָן אַ שיעור און געהאַט זייער אַ גרויסע השגה וועגן לעבן. איז גיי איך, הייסט עס, צו אים: אַנו, זאָג איך, פּאַוועל, העלף אַרויס! — נו, מילא, זאָגט ער, מען קען! אַ מענטש אַ מענטשן, אויב זיי זיינען נאָר פֿון איין קאַליר, באַדאַרף העלפֿן. לעב, זינג, עס, קוק זיך צו. געווען, ברודער־לעבן, אַ חכם־מחוכם, חער דאָזיקער פּאַוועל פּעטראָוו! כ׳האָב פֿאַר אים געהאַט גרוים אָפּשיי, און ער האָט מיך, אויך ליב געהאַט. ס׳פֿלעגט טרעפֿן אַמאָל, ער זיצט ביי׳ טאָג ביים שענק־טיש און לייענט אַ בוך וועגן פֿראַנצויזישע גזלנים... אַלע ביכער זיינען ביי אים געווען וועגן גזלנים; די דערסטן און העכסטע... זעלטענע יונגען געווען, זעלטענע מעשים אָפּגעטאָן — און זיינען שטענדיק דורכגעפֿאַלן מיטן קנאַק. דוכט זיך, אַ קאָפּ מיט הענט — מע זאָל אויספֿאָרן אַ מדינה! און צום סוף פֿון בוך פּלוצלינג — צאַפּ אין טורמע אַריין! און אויס! פֿון אַלץ איז געוואָרן אַ תל.

זיץ איך אַזוי ביי דעם דאָזיקן פּאַוועל פּעטראָוו אַ חודש און

צווייַ, כ'הער ווי ער לייענט און כ'הער פֿאַרשיידענע ריידערייען. און איך זע — עס קומען טונקעלע פֿאַרשוינען, טראָגן העלע זאַכעלעך: זייגערלעך, בראַנזולעטן וכדומה זאַכן, און איך זע — אין אַלע זייערע אָפּעראַציעס איז ניטאָ קיין ברעקל פֿאַרשטאַנד. צונעצויגן אַ חפֿץ — גיט מען אים פֿאַר פּאַוועל פּעטראָוו אַ העלפֿט פּרייז — ער האָט, ברודער, געצאָלט ערלעך, — און תּיכּף: העי! דערלאַנג!.... אַ מאָלצייט, מיטן גאַנצן קנאַק און — ס'איז גאָרניט געבליבן! ס'איז ווערט, ברודער-לעבן, אַ שפּיי! האָס פֿאַלט איינער אַריין אין טורמע, דאָס גייט אַ צווייטער אַהין אַוועק...

פֿאַר וואָסערע מעשׂים-טובֿים? פֿאַר אַ חשד אין גנבֿה דורך אַן איינבראָך — אין דערבייַ האָט מען געגנבֿעט פֿאַר הונדערט רובל! — הונדערט רובל! אַ מענטשלעך לעבן איז דען ווערט הונדערט רובל? — העלצער!... איז אָט רוף איך זיך אָפּ צו פּאַוועל פּעטראָוון:

— דאָס אַליין איז, פּאַוועל פּעטראָוו, נאַריש און ס'לוינט ניט, מען זאָל חערצו צולייגן אַ האַנט. — „הם! ווי זאָל איך דיר זאָגן? — זאָגט ער. פֿון איין זייט, — זאָגט ער, — פּיקט דאָס הינדעלע קערנדל נאָך קערנדל, און פֿון דער צווייטער זייט — איז טאַקע ניטאָ אין די אַלע טועכצן צו זיך גופֿא קיין אַכטונג; אָט וואָס דער עיקר איז! צי דען, זאָגט ער, וועט אַ מענטש, וואָס ווייס זיין ווערט, זיך לאָזן באַשמוצן מיט גנבֿענען אַ 20=קאָפּיקענעם הירש אַן איינבראָך?! פֿאַר קיין פֿאַל ניט! איצט, זאָגט ער, כאָטש אָך שטיי אין קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, וועל איך זיך דען לאָזן פֿאַרקויפֿן פֿאַר הונדערט רובל!" און הייבט דאָס מיר אָן צו באַווייזן מיט בייַשפּילן, ווי אַזוי עס דאַרף האַנדלען אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט זיך אַליין. אַ צייט-לאַנג האָבן מיר אַזוי געערדט. דערנאָך זאָג איך צו אים: — שוין לאַנג, פּאַוועל פּעטראָוו. ווי איך קלייב זיך צו פּרוּוון מזל אויף דעם דאָזיקן וועג, און אָט איר זייט דאָך אַ מענטש אַן ערפֿאַרענער, איז העלפֿט מיר מיט אַן עצה, ווי אַזוי, הייסט עס, און וואָס. — „הם! — מאַכט ער — דאָס קען מען! צי ווילסטו אַמאָל ניט דורכפֿירן עפּעס אַ רעכטן עסק אויף דיין אייגענער ריזיקע און לויט דיין אייגענעם אייַנזען, אַן קיינעמס הילף? אָט, אַ שטייגער... אָבאַמאָוו, — זאָגט

ער, קערט זיך אום פון זיין האָלץ-געשעפט איבער דער וואָרסקלע איינער אַליין אויף די פלינקע פערד; און ווי ד'ר איז באַקאַנט, האָט ער שטענדיק ביי זיך מטבע, און חוצדעם נעמט ער נאָך אָפּ אויף דעם האָלץ-לאַגער דעם פדיון ביי דעם אויפזעער. אַ פדיון פאַר אַ גאַנצער וואָך; אין אַ טאָג לייזן זיי אָפּ אַ דריי הונדערט קערבלעך און מער. וואָס קענטמ׳ אויף דעם זאָגן?" — האָב איך זיך פאַרטראַכט. אָבאַימאָהו איז געווען דער זעלבער בחור, ביי וועמען איך האָב געדינט אַלס אָנגעשטעלטער — אַ ענין, וואָס איז געווען אין צווייען אַ גוטער: אי מען קען זיך אָפּרעכענען מיט אים פאַר זיין באַגיין זיך מיט מי״, אי מע קען פּאַקן אַ פעטן ביין. — „מע דאַרף זיך — זאָג איך — באַטראַכטן"... „אַ, אַוודאי-אַוודאי, — ענטפערט פאַוועל פעטראָוו".

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט לאַנגזאַם גענומען דרייען אַ פאַפּיראָס. די שקיעה האָט זיך שוין כמעט אויסגעלאָשן, בלויז אַ קליין ראָז-סטענגעלע, וואָס איז מיט יעדער סעקונדע אַלץ בלייכער געוואָרן, האָט קוים באַפאַרבן אַ ברעג פון אַ פוכיקן וואָלקן, גלייך ער וואָלט פון עפּעס אַ מודיקייט פאַרגליווערט געוואָרן אַזוי אין דעם טונקעלן הימל אין אַן אומבאַוועגלעכן צושטאַנד. אין דעם סטעפּ איז געווען אַזוי שטיל און אומעטיק, און דאָס צערטלעכע פּלעסקען פון די כוואַליעס, וואָס האָט זיך געגאָסן נאָכאַנאַנד, האָט עפּעס אַזוי ווי נאָך מער אונטערגעשטרייכט מיט זיין מאָנאָטאָנעם און ווייכן קלאַנג דעם דאָזיקן אומעט און די שטילקייט. פון אַלע זייטן זיינען איינגעשטאַנען אויסטערלישע לאַנגע גרויע שאָטנס און זיינען שטום געשוואומען צו אונז איבער דעם גלאַטן, פון דער טאָג-היץ מידן סטעפּ, וואָס האָט געשמאַק געשלאָפן. און אין דער הייך, איבערן ים האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע געצונדן די שטערנדלעך, אַזעלכע ריינינקע, נייִנקע, גלייך ערשט נעכטן האָט מען זיי געמאַכט, אויף צו באַפּוצן דעם דאָזיקן בלויען, סאַמעטענעם, הרוממדיקן הימל.

נ—יאָ, ברודערל, כ'האָב שטענדיק געטראַכט איבער דעם דאָזיקן ענין און אין דער זעלבער נאַכט האָב איך זיך פאַרבאַהאַלטן אין די קוסטעס לעבן וואָרסקלע און גענומען מיט זיך אַן אייזערנעם

שוואַרץ פֿון אַ פּונט צוועלף. די געשיכטע, געדענקט איך, האָט פּאַסירט אין אָקטאָבער — צום סוף חודש. די נאַכט איז געווען פּינקט ווי אָנגעמאָסטן: פֿינסטער, ווי אין אַ מענטשלעכער נשמה... דער אָרט — איז געווען אַזאַ, וואָס קיין בעסערן האָט מען ניט באַדאַרפֿט. באַלד הינטערבײַ איז געווען אַ בריק און אויפֿן סאַמע אָראָפּפֿאָר זײַנען בײַ אים די ברעטלעך געווען אָפּגעריסן, — הייסט עס, אַז ער וועט פֿאָרן פֿאַמעלעך. ליג איך אַזוי און וואַרט. רציחה, ברודער־לעבן, וואָלט בײַ מיר דעמאָלט געקלעקט כאָטש אויף צען סוחרים און אַזוי פּשוט האָב איך זיך די זאַך פֿאָרגעשטעלט, וואָס פּשוטער דאַרף מען ניט: אַ קנאַק! — און פֿאַרטיק!...

יעמעליאַן האָט זיך אײַנגעשטעלט.

נ—יאָ!... איז אָט ליג איך זיך, הייסט עס אַזוי, און בײַ מיר איז שוין אַלץ פֿאַרטיק. אײנמאָל־נאָר! — און סוגעלטעלע איז דײַנס. אַזוי איז דאָס. — באַץ! און פֿאַרטיק, הייסט עס!

דו מיינסט, אפֿשר, אַז אַ מענטש איז בײַ זיך אַליין פֿרײַ? אַ נעכטיקער טאָג, ברודערל! אַנו, זאָג מיר נאָר, וואָס וועסטו מאָרגן טאָן? שטותים! דו וועסט בשום אופֿן ניט קענען זאָגן, צי דו וועסט מאָרגן גיין רעכטס אָדער לינקס. נ—יאָ!... בין איך געלעגן און געוואַרט אויף אײנעם, און אַרויסגעקומען איז גאָר עפּעס אַנדערש. ניט קיין פֿאָראויסגערעכנטע זאַך איז אַרויסגעקומען!

כ'זע: עמעצער גייט פֿון שטאָט... עפּעס אַזוי ווי שיכּור, וואַקלט זיך. און די הענט האַלט ער אַ שטעקן. ער מורמלט עפּעס; אומלאָגישע ווערטער מורמלט ער און וויינט... כ'הער — ער כליפּעט... בין איך צוגעגאַנגען נאָך נעענטער. ערשט איך זע — אַ פֿרויענצימער! טפֿו זאָלסטו ווערן, דרײַ מאָל פֿאַרשאָלטענע! כ'וועל דיר שוין אָנווײַזן דעם קאָרק, טראַכט איך מיר, קום נאָר צו נעענטער אַהער. און זי גייט גלײַך צום בריק און פֿלוצלונג — אַז זי גיט עס ניט קיין געשריי: „ליבינקער, פֿאַרוואָס?!" נו, ברודער, אַ געשריי! — כ'האָב זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. וואָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש? טראַכט איך מיר. און זי קריכט גלײַך אויף מיר. ליג איך מיר אַזוי צוגעפּרעסט צו דער ערד, און טרייסל זיך אינגאַנצן...

וואו האָט זיך אַהינגעטאָן מיין רציחה? אָט-אָט קריכט זי אַרויף, וועט באַלד אָנטרעטן מיטן פוס! און זי דרייבט עס אָן, ווידער צו קלאָגן: „פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!...“ און אַ פאַל אָן דער ערד, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען, כמעט לעבן מיר. און זי האָט, ברודער-לעבן, אַזוי גענומען יאָמערן, אַז איך קען דיר גאָר ניט אויסדערציילן — דאָס האַרץ איז צעריסן געוואָרן הערנדיק. איך ליג אָבער אין שווייג, שאַ-שטיל. און זי יאָמערט. אַ טרויער איז מיך באַפאַלן. טראַכט איך מיר, כ'וועל גאָר נעמען און אַנטלויפן פונדאַנען. און דאָ איז אַרויס די לבנה פון די וואָלקנס, אָבער אַזוי העל און ליכטיק, אַז ס'איז פשוט געווען אַן אימה. האָב איך זיך אויפגעהויבן אויף דעם עלנבויגן און האָב אַ קוק געטאָן אויף איר... און האָ, ברודער, האָט אַלץ געפּלאַצט, פון אַלע מיינע פלענער איז געוואָרן אַ טיך! אַז איך האָב געגעבן אַ קוק — האָט מיר אַזש אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: אַ קליין-יונגטשינק מיידעלע, כמעט נאָך אַ קינד... אַ ווייסינקס, אויף די בעקלעך לעקעלעך האָר, די אייגעלעך אַזעלכע גרויסע — קוקן אַזוי... און די אַקסעלעך טרייסלען זיך-טרייסלען זיך... פון די אויגן לויפן-לויפן איינע נאָך די אַנדערע גרויסע טרערן.

האָט מיך, ברודער-לעבן, אַ רחמנות אָנגעכאַפּט. איז אָט האָב איך, הייסט עס, גענומען הוסטן: קכע! קכע! קכע! — אַז זי האָט עס גענומען שרייען: „ווער איז דאָס? ווער? ווער איז דאָ?!“... זי האָט זיך, קענטיק, דערשראָקן... נו, האָב איך באַלד דאָס... געשטעלט זיך און גענומען זאָגן: — דאָס בין איך. — „ווער זייט איר?“ — זאָגט זי. אין די אויגן זיינען ביי איר געוואָרן אָט אַזעלכע אינגאַנצן, טרייסלט זי זיך אַזוי, ווי פּעטשאַ. „ווער זייט איר?“ — זאָגט זי.

ער האָט זיך צעלאַכט.

ווער איך בין, הייסט עס? פריער פאַר אַלץ האָט פאַר מיר קיין מורא ניט, פריילין, — כ'וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן. איך בין מיר, — אַזוי זיך אַ מענטש, פון דער חברה באָרוועסע, הייסט עס. יאָ. כ'האָב איר, הייסט עס, געזאָגט אַ ליגן; יאָלדע איינער! כ'וועל דאָך איר ניט גיין דערציילן קיין מעשה, אַז איך האָב

זיך האָ באַהאַלטן צו דערהערגענען דעם סוחר! און זי ענטפערט: „מיר איז אַלץ איינס, כ'בין געקומען אַהער טרינקען זיך". און זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ מין לשון, אַז מיך האָט אַוש געצויגן וואַרפן אין קדחת — שוין צו ערנסט, ברודער-לעבן. נו, וואָס טוט מען דאָ?

יעמעליאַן האָט מיט אַ צעבראָכן געמיט אויסגעשפּרייט די הענט און האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ ברייטן און גוטמוטיקן שמייכל.

און האָ האָב איך זיך פּלוצלונג צערעדט. וועגן וואָס איך האָב גערעדט — ווייס איך ניט? אָבער אַזוי זיך צערעדט, אַז אַך האָב זיך אַליין ניט געקענט אָפּהאַלטן; מער פאַר אַלץ וועגן דעם, וואָס זי איז אַ יונגע און אַזאַ פאַרשוין. און האָס, וואָס זי איז געווען אַ פאַרשוין — האָס איז אמת, ס'הייסט — אַ בילד-שיינהייט. עך, ברודער-לעבן! נו, שוין! און גערופן האָט מען זי ליזע. איז אָט רייד איך, הייסט עס; און וואָס איך האָב גערעדט — פרעג מיך בחרם! — האָס האַרץ האָט גערעדט! יאָ! און זי קוקט אַלץ, ערנסט אַזוי און שאַרף, און פּלוצלונג אַז זי נעמט עס ניט שמייכלען!..." — האָט יעמעליאַן זיך צעשריען איבער גאַנצן סטעפּ מיט טרערן אין דער שטימע און אין די אויגן און פּאָכנדיק אין דער לופטן מיט צוגריפּ-עפּרעסטע פויסטן.

ווי זי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַזוי האָב איך זיך צעשמאָלצן; כ'האָב זיך געגעבן אַ שטעל פאַר איר אויף די קני: — פריילין, זאָגן איך, פריילין!... און שוין! און זי האָט מיך, ברודער-לעבן, אָנגענומען מיט די הענט פאַרן קאָפּ, גלעט מיר דאָס געזיכט און שמייכלט, אַזוי ווי אויף אַ בילד; שאָקלט מיט די ליפּן — וויל עפּעס זאָגן; דערנאָך האָט זי זיך געשטאַרקט און זאָגט: „מיין ליבער, איר זייט איך, אַזוי אומגליקלעך, ווי איך! יאָ? זאָגט, מיין גוטער!" — נ-יאָ, פריינט מיינער, אָט אַזוי איז דאָס געווען. ס'איז אָבער, נאָך ניט אַלץ, זי האָט מיך איך אַ קוש געטאָן האָ אין שטערן, ברודער... אָט ווי! הערסטו?! אויף מיין וואָרט! עך, טייבעלע! דו ווייסט, פאַר די גאַנצע 47 יאָר, האָב איך אין מיין

לעבן קיין בעסערס ניט געהאַט! אַ? פֿאַרשטייסט! און נאָך וואָס בין איך געגאַנגען? עך, האָס לעבן, דאָס לעבן!....

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. הערדריקט פֿון דער אימה פֿון דער ערציילונג, האָב איך געשוויגן און געקוקט אויף דעם ים, וואָס האָט זיך וואונדער־שיין געוויגט און איז געווען ענלעך צו עמעצנס אַ ריזיקער ברוסט, וואָס האָט גלייך און טיף געטעמט אין שטאַרקן שלאָף.

נו, הערנאָך איז זי אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט מיר: „באַגלייט מיך אַהיים". זיינען מיר אַוועק. כ'גיי — כ'שפּיר ניט אונטער זיך די פֿיס, און זי דערציילט מיר אַלץ, ווי אַזוי און וואָס. פֿאַרשטייסט, זי איז געווען אַ בת־יחידה ביי די עלטערן, זיי זיינען געווען סוחרים, — און איז, הייסט עס, געווען אַ נאָכגעגעבענע; דערנאָך איז אַהער געקומען צו פֿאָרן אַ סטודענט און האָט מיט איר חאָרטן, הייסט עס, גענומען לערנען און זיי האָבן זיך איינע אין די אַנדערע פֿאַרליבט. ער איז דערנאָך אַוועקגעפֿאָרן, און זי האָט אויף אים גענומען וואַרטן — ביז ער וועט, הייסט עס, ענדיקן דעם שטודיום און קומען צו פֿאָרן חתונה האָבן; ס'איז ביי זיי געווען אָפּגערעדט אַזוי. און ער איז ניט געקומען, נאָר ער האָט איר געשיקט אַ בריוו: אַז, הייסט עס, דו ביסט מיר ניט קיין פּאָר. דאָס מיידל האָט זיך, נאַטירלעך, באַליידיקט. אָט האָט זי געוואָלט, הייסט עס, האָס. גו, דערציילט זי דאָס מיר, און מיר זיינען זיך אַזוי פּאַוואָליע צוגעגאַנגען צו איר שטוב, וואו זי האָט געוואוינט. "נו, זאָגט זי, אַדיע, מיין ליבער! מאָרגן, זאָגט זי, פֿאָר איך אָפּ פֿון דאַנען. אפֿשר דאַרפֿסט איר געלט? שטערט זיך ניט". ניין, זאָג איך, פֿריילין, כ'דאַרף ניט, אַדאַנק! „נו, מיין גוטער, שטערט זיך ניט, זאָגט זי, נעמט!" — איז זי צוגעשטאַנען. און איך בין געווען אַזוי אָפּגעריסן, דאָך זאָג איך: מע דאַרף ניט, פֿריילין. חן ווייסט, ברודער, עפּעס איז מיר ניט געלעגן אין קאָפּ קיין ווי הייסט עס, קיין געלט. האָבן מיר זיך ביידע צעזעגנט. זי זאָגט אַזוי לויבלעך: „קיינמאָל וועל איך דיך ניט פֿאַרגעסן; דו ביסט דאָך, קען מען זאָגן, אַ פֿרעמדער מענטש, און ביסט מיר אַזאַ..." נו,

דאָס איז נאַרישקייטן, — האָט יעמעליאַן איבערגעריסן און האָט זיך ווידער גענומען צום רויכערן.

זי איז אַוועקגעגאַנגען. האָב איך זיך געזעצט אויף אַ שטיין לעבן טויער. ס'איז מיר געוואָרן טרויעריק. דער נאַכטוועכטער גייט. וואָס, זאָגט ער, דרייסטו זיך דאָ אַרום, ווילסט אפשר עפּעס צולאַטכען? האָבן מיך די דאָזיקע ווערטער שטאַרק אָנגענומען ביים האַרצן! האָב איך אים דערלאַנגט אין באַק — אַ ז—זעץ! אַ געשריי, אַ פּויפּעריי... קום אין פּאָליציי! מילא, אין פּאָליציי, איז אין פּאָליציי; שלעפּ מיך, וויפל דו ווילסט — ס'איז מיר אַלץ איינס; און איך דערלאַנג האָס אים ווידער אַ מונק! האָב איך זיך געזעצט אויפן בענקעלע און ניט געוואָלט אַנטלויפן. איבערגענעכטיקט; אינדערפרי האָט מען מיך אָפּגעלאָזן. גיי איך צו פּאַוועל פּעטראָוון. וואו האָסטו זיך, עס אַרומגעשלעפּט? — פרעגט ער מיט אַ שפּאָטיקן שמייכל. האָב איך, אויף אים אַ קוק געטאָן — הערזשעליביקער מענטש, וואָס נעכטן, נאָר אַזוי ווי עפּעס ניים זע איך. נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים אַלץ דערציילט, ווי אַזוי און וואָס. האָט ער מיך אויסגעהערט אַזוי ערנסט און האָט דערנאָך צו מיר געזאָגט: „איר זייט, זאָגט ער, יעמעליאַן ניקיטיטש — אַ נאַר און אַ גולם; כ'וואָלט אייך גאָר בעטן נעמען דעם וועג פון דאַנען:“ — וואָס מיינט איר? ער איז דען ניט געווען גערעכט? בין איך אַוועק און שוין — אָט דאָס איז, ברודערל, געווען אַ געשיכטע!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, פאַרלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ און קוקנדיק אין הימל — אין דעם סאַמעטענעם און אויסגעשטערנטן הימל. און אַרום האָט אַלץ געשוויגן. דער חייש פון די אָנלויפנדיקע כוואַליעס איז געוואָרן נאָך ווייכער, נאָך שטילער, ער איז דערפלויגן צו אונז ווי אַ שוואַכער, פאַרשלעפּערטער זיפץ.

טשעלקאַש.

דער בלויער דרומדיקער הימל, וואָס איז פאַרצויגן פון דעם איבערהויבענעם שטויב אין האַפן, איז טריב; די הייסע זון קוקט טונקל אין דעם בלויען ים אַריין, גלייך דורך אַ דינעם גרויען שלייער. זי קען זיך ניט אָפשפיגלען אין וואַסער, וואָס ווערט כסדר פונאַנדערגעהאַקט דורך די קלעפ פון די רודערס, דורך די דאַמפער־שרויפן, דורך די שאַרפע גרונד־באַלקנס פון די טערקישע פעלוגעס און אַנדערע אַרט שיפן, וואָס שניידן דורך אין אַלע ריכטונגען דעם שמאָלן האַפן. די פרייע כוואַליעס פון דעם ים, פאַרשמידטע אין גראַניט, דערדריקטע פון די אומגעהייערע משאות, וואָס גליטשן זיך איבער זייערע קאַמען, שלאָגן זיך אָפ אָן די באָרטנס פון די שיפן, שלאָגן זיך אָפ און וואָרטשען אויפגעשוימטע הורך די קלעפ, פאַרבלאָטיקטע דורך פאַרשיידענע ברוכוואַרג.

דער קלאַנג פון די אַנקער־קייטן, דער בראַזג פון די האַטשיקעס ביי די וואַגאָנעס, וואָס פירן צו די משא, דער מעטאַלענער געיאָמער פון די אייזערנע טאָוולען, וואָס פאַלן פון ערגעץ אויף די ברוקשטיינער, דאָס טויבע קלאַפעריי פון האָלץ, די טראַסקעריי פון די פורמאַנישע וועגענער, די פייפעריי פון די דאַמפערס, וואָס איז דאָ שניידנדיק שאַרף, דאָ פאַרשטיקט רעווענדיק, די געשרייען פון די מאַטראָסן און די צאָלאַמט־סאָלדאַטן, — די דאָזיקע אַלע קלאַנגען גיסן זיך צונויף אין אַ פאַרטויבנדיקער סימפאָניע פון דעם אַרבעטס־טאָג און, וויגנדיק זיך פול מיט אומרו, שטייען זיי אין הימל, איבער דעם האַפן, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט אַרויפצושטייגן העכער און פאַרשוואונדן ווערן אין אים. און צו זיי הויבן זיך אויף

פֿון דער ערד אַליין נייע כוואַליעס — וואָס זיינען דאָ שטומפּיק, ברויזנדיק און צעטרייסלען מיט צאָרן אַלץ אַרום, דאָ שאַרף שטורעמדיק — און רייסן די שטויביקע אָנגעגליטע לופֿט.

גראַניט, אייזן, האָלץ, דער בריק פֿון האַפֿן, די שיפֿן און די מענטשן — אַלץ אָטעמט מיט די מעכטיקע קלאַנגען פֿון דעם מטורפֿדיק־ליידנשאַפֿטלעכן הימען צו מערקורן. נאָר די שטימען פֿון די מענטשן, וואָס הערן זיך קוים אין אים, זיינען שוואַך און קאָמיש. און די מענטשן גופֿא, וואָס האָבן די ערשטע באַשאַפֿן דעם דאָזיקן טומל, זיינען אויך לעכערלעך און נעבעכדיק: זייערע קליינע פֿיגורן, פֿאַרשטויבטע, אַרומגעריסענע, פֿליִקע, איינגעבויגענע אונטער דער לאַסט פֿון די סחורות, וואָס ליגן אויף זייערע רוקנס, שמייען אַרום, דאָס אַהין, דאָס אַהער אין וואָלקנס שטויב, אין אַ ים פֿון היץ און קלאַנגען, און זיינען אַזוי נישטיק, אַזוי קליין אין פֿאַרגלייך מיט די אייזערנע טיטאַנען, מיט די בערג סחורות, מיט די רישנדיקע וואַגאָנעס, וואָס רינגלען זיי אַרום און מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן באַשאַפֿן.

דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין באַשאַפֿן, — דאָס האָט זיי פֿאַרשקלאַפֿט און זיי געמאַכט פֿאַר פּערזאָנלאָז.

שטייענדיק אונטער דאַמף, האָבן די שווערע גיגאַנטן־שיפֿן דאָ געפּייפֿט, דאָ געריישט, דאָ עפּעס טיף אָפּגעזיפֿצט, און יעדער קלאַנג, וואָס זיי האָבן געבאָרן, האָט אויסגעזען, ווי אַ חוזקנאָמען פֿיל מיט איראָנישער פֿאַראַכטונג צו די גרויע, פֿאַרשטויבטע מענטשלעכע פֿיגורן, וואָס האָבן אַרומגעפּויזעט איבער זייערע אייבערדעקן און אָנגעפּילט זייערע טיפֿע שיף־גרונטן מיט די פּראָדוקטן פֿון זייער שקלאַפֿערישער אַרבעט. די לאַנגע שורות משאָלאָדער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס טויזנטער פּודן ברויט אין די אייזערנע בייכער פֿון די שיפֿן, כדי צו פֿאַרדינען עטלעכע פֿונט פֿון דעמזעלבן ברויט פֿאַר דעם אייגענעם מאָגן, זיינען געווען קאָמיש ביז טרערן. פֿאַרשוויצטע מענטשן, וואָס זיינען פֿאַרטעמפּט געוואָרן פֿון דער מידקייט, פֿונם טומל און פֿון דער היץ, און מעכטיקע מאַשינעס, וואָס גלאַנצן אויף דער זון פֿון דיקייט און זאָרגלאָזיקייט, מאַשינעס, וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן דורך די דאָ-

זיקע מענטשן, — מאַשינעס, וואָס זיינען דאָך סוף־כּל־סוף געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג ניט דורך דאַמף, נאָר דורך די מוסקלען און בלוט פון זייערע אייגענע באַשעפער... אין דעם דאָזיקן פאַרגלייך איז געווען אַ גאַנצע פאָעמע פון אַכזריותדיקער און קאַלטער איראָניע.

דער טומל — האָט דערדריקט, דער שטויב האָט, צערייצנדיק די נאָזלעכער, — געבלענדט די אויגן, די היץ — האָט געבאַקט דאָס לייב און האָט אויסגעמאַטערט, און אַלץ אַרום — האָט אויסגעזען אָנגעשטרענגט, צייטיק, אומגעדולדיק, גרייט אויפצופּלאַצן אין עפּעס אַ גראַנדיעזער קאַטאַסטראָפע, אין אַן אויפרייס, וואָס נאָך אים וועט זיך אין דער אָפּגעפרישטער לופט עטעמען פרייער און לייכטער. אויף דער ערד וועט אָנקומען אַ שטילקייט, און דער דאָזיקער שטויביקער טומל, וואָס פאַרטויבט, רייצט אויף, דערפירט צו ווייטיקן משוגעת, — וועט פאַרשווינדן, און אין שטאָט, אויפן ים, אין הימל וועט ווערן שטיל, קלאָר, וואויל... נאָר דאָס האָט זיך בלויז געדוכט. דאָס האָט זיך געדוכט דערפאַר, ווייל דער מענטש איז נאָך ניט מיד געוואָרן צו האָפן אויף בעסערס און דער באַגער צו פילן זיך פריי איז אין אים ניט אָפּגעשטאָרבן...

ס'האָבן זיך דערהערט צוועלף ריטמישע און הילכיקע קלעפּ פון גלאָק. בעת דער לעצטער קופּערנער קלאַנג איז אָפּגעשטאָרבן, האָט די ווילדע מוזיק פון אַרבעט כמעט אויף אַ העלפט שוין געקלונגען שטילער. נאָך אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טייב, אומצופרידן וואָרטשען. איצט זיינען די שטימען פון די מענטשן און דאָס פּליעסקען פונם ים געוואָרן הילכיקער. דאָס איז — אָנגעקומען די צייט פון מיטאָג.

.1

בעת די משא־לאָדער האָבן, וואַרפנדיק די אַרבעט, זיך צעשאָטן אין חישיקע רעדלעך איבערן גאַנצן האַפן, האָבן געקויפט ביי די הענדלערקעס פאַרשיידענע עסנוואַרג און דאָ אויפן ברוק, אין די שאָטנדיקע ווינקלען, זיך אויסגעזעצט עסן מיטאָג, האָט זיך צווישן זיי באַוויזן גרישקע טשעלקאַש, דער אַלטער פאַר־

יאָטער וואָלף, וואָס איז געווען באַקאַנט דעם האַפּן־עולם אַלס אומדהײַלבאַרער שיכּור און פֿלינקער, דרײַסטער גנבֿ. ער איז געגאַנגען באָרוועס, איז געווען אָנגעטאָן אין אַלטע, איבערגעריבענע פֿלושענע הײזן, און אַ היטל, אין אַ קוויטיקער סיצענער העמד מיט אַ צעריסענעם קאָלנער, וואָס האָט אַנטפּלעקט זײַנע באַוועגלעכע, טרויקענע און קאַנטיקע בײנער, וואָס זײַנען געווען באַצויגן מיט אַ ברוינער הויט. לויט די קאָלטענעוואַטע שוואַרצע האָר, וואָס זײַנען געווען דורכגעוואָרפֿן מיט גרויע, און דעם צעקנייטשטן, שאַרפֿן, רויבערישן געזיכט, האָט מען געקענט דערקענען, אַז ער איז נאָר־וואָס אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. אין אײן טונקל־ברוינער וואָנץ האָט בײַ אים געשטעקט אַ שטרוי, אַ צווייטע שטרוי האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די שטעכיקע האָר פֿון דער לינקער געגאָלטער באַק, און הינטערן אויער האָט ער פֿאַרשטעקט אַ קלײַן, נאָר־וואָס אָפּגעריסן צווײַגל פֿון אַ לינדנבוים. אַ לאַנגער, אַ בײנערדיקער, אַ ביסל אַן אײַנגעהויקערטער, האָט ער לאַנגזאַם געשפּרייזט איבער די שטיינער. און, סמאָרענדיק מיט זײַן הויקערדיקער, רויבערישער נאָז, האָט ער געוואָרפֿן אַרום זיך שאַרפֿע בליקן, אונטערגעפֿינקלט מיט די קאַלטע גרויע אויגן און געזוכט עמעצן צווישן די משאָלאָדער. זײַנע טונקל־ברוינע וואָנצעס, וואָס זײַנען געווען געדיכט און לאַנג, האָבן נאָכאַנאַנד אויפֿגעציטערט, אַזוי ווי בײַ אַ קאָטער, און די הענט, וואָס זײַנען געווען פֿאַרלייגט אויף אַהינטער, האָבן געריבן אײנע די אַנדערע און נערוועז זיך פֿאַרפֿלאָכטן מיט די לאַנגע, קרומע און קלאַמערדיקע פֿינגער. אַפֿילו דאָ, צווישן הונדערטער אָפּגעריסענע און שאַרפֿע וואַגאַבונדישע פֿיגורן, אַזוי ווי ער, האָט ער, מיט זײַן ענלעכקייט אויף אַ סטעפּ־שפּאַרבער, צוליב זײַן רויבערישער אויסגעמאָגערטקייט, און מיט דעם דאָזיקן צילעוודיקן גענגל, וואָס איז געווען גלאַט און רויִק אויפֿן קוק, נאָר אינערלעך איבערגערעגט און וואַכזאַם, ווי דער פֿלי פֿון יענער רויב־פֿויגל, און וועלכער ער האָט דערמאָנט, תּיכּף געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט.

בעת ער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אײנער פֿון די גרופּעס אָנלאָדער־לויפֿן, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אין שאָטן אונטער אַ

באַרג קערב מיט קײלן, האָט זיך אַנטקעגן אים אַװעקגעשטעלט אַ פֿעסטגעבױטער יונג מיט אַ נאַריש געזיכט אין רױטע פֿלעקן און מיט אַ צעראַצטער האַלז, משמעות ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג צעשלאָגן. ער איז איפּגעשטאַנען און איז אַװעק מיט טשעלקאַשן, רײדנדיק אינדערשטיל:

— די פּלאַטישע האָבן זיך געכאַפּט װעגן די צװײ פּעק מאַניפֿאַקטור... זײ זוכן. הערסט, גרישקע?

— נו? — האָט טשעלקאַש, אָפּמעסטנדיק אים רויִק מיט די אױגן, געפֿרעגט.

— װאָס — נו? זוכן זײ. מער גאָרנישט.

— אפֿשר האָט מען מיך געפֿרעגט אײך צו העלפֿן זוכן?

און טשעלקאַש האָט מיט אַ שאַרפֿן שמײכל אַ קוק געטאָן אַהין, װאו דאָס פּאַק-הױז פֿון דעם פֿרײװיליקן פֿלאָט איז געשטאַנען.

— גײ שױן צום טײװל!

דער חבר האָט זיך אומגעקערט צוריק.

— עי, װאַרט נאָר! װער האָט עס דיך אַזױ אױסגעצירט? דײן פּאָטאָגראַפֿיע האָבן זײ דאָך קאַליע געמאַכט... מישקען האָסטו דאָ ניט געזען?

— שױן לאַנג ניט געזען! — האָט יענער, אַװעקגײענדיק צו זײנע חברים, אױסגעשריען.

טשעלקאַש איז אָפּגעגאַנגען װײטער. און איז פֿון אַלעמען אױפֿגענומען געװאָרן, װי אַ גוטער באַקאַנטער. נאָר שטענדיק אַ פֿרײלעכער און אַ בײסיקער, איז ער הײנט, קענטיק, ניט געװען אין אַ גוטער לױנע און האָט אױף די פֿראַגן געענטפֿערט אָפּגעהאַקט און שאַרף.

פֿון הינטער אַ קופּע סחורה איז פּלוצלונג אַרױסגעװאַקסן דער װעכטער פֿון צאָל-אַמט, אַ טונקל-גרינער, אַ שטױביקער און אַ קריגעריש-אָפּגעהאַרציקער. ער האָט פֿאַרשטעלט טשעלקאַשן דעם װעג, האָט זיך אַװעקגעשטעלט פֿאַר אים אין אַ אַרױספֿאָדערנדיקער פּאָזע, האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט דער לינקער האַנט דאָס הענטל

פֿון דער קורצער שווערד, און מיט דער רעכטער האָט ער געפּרווט אָננעמען טשעלקאַשן פֿאַר דעם קאָלנער.

— שטיי! וואוהין גייסטו?

טשעלקאַש האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם וועכטער און האָט טרוקן אַ שמייכל געטאָן.

דעם דינערס רויטע, גוטמוטיק-כיטרע געזיכט האָט געפּרווט מאַכן אַ דראָענדיקע מינע, וואָס צוליב דעם האָט עס זיך אָנגעבלאָזן, איז געוואָרן קיילעכיק, בלוט-רויט, האָט באַוועגט מיט די ברעמען, האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און איז געווען זייער קאָמיש.

— מע האָט דאָך דיר געזאָגט, — זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו גיין אין האַפֿן, כ'וועל דיר די ריפּן איבערברעכן! און דו גייסט אַלץ? — האָט דער וועכטער דראָענדיק געשריען.

וואָס מאַכסטו, סעמיאָניטש? מיר האָבן זיך שוין ביידע לאַנג ניט געזען, — האָט זיך טשעלקאַש רויִק געגריסט און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— כ'וואָלט דיך אייביק ניט וועלן זען! גיי, גיי!...

נאָר סעמיאָניטש האָט אים פֿאָרט דערלאַנגט די האַנט.

— זאָג מיר נאָר, — האָט טשעלקאַש, ניט אַרויסלאָזנדיק סעמיאָניטשעס האַנט פֿון זיינע קלאַמערנדיקע פֿינגער און געבנדיק זי חבריש-פֿאַמיליער אַ שאָקל, ווייטער גערעדט: מישקען האָסטו ניט געזען?

— וואָס פֿאַר אַ מישקען? כ'קען ניט קיין שום מישקען!

— טראָג זיך בעסער אָפּ, ברודער! וואָרעם אַז דער פּאַקהויז-באַאַמטער וועט דערזען, וועט ער דך...

— דעם געלן, מיט וועלכן איך האָב פֿאָריקן מאָל געאַרבעט אויף „קאָסטראָמאַ“, — איז טשעלקאַש באַשטאַנען אויף זיינס.

— מיט וועמען דו גנבעסט צוזאַמען! אָט אַזוי רייד!

— מע האָט אים, דיין מישקען, אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל, ער האָט זיך מיט אַ טשוהונענער שטאַנג אָפּגעקוועטשט אַ פֿוס.

טראָגט זיך, בתדער, אָפּ, כל־זמן מען בעט דיך מיט גוטן, טראָג זיך אָפּ, אַניט וועל איך דיר געבן אין קאַרק!...

—אַהאַ, הערסטו! און דו זאָגסט נאָך—איך קען ניט מישקען... די קענסט שוין יאָ. וואָס ביסטו עפּעס אַזאַ בייזער, סעמיאָניטש?...

— הער־נאָר, גרישקע, די פאַרדרייט מיר ניט די ציינער. דו גיי זיך דיר פונדאַנען!...

דער וועכטער האָט אָנגעהויבן ווערן אין כעס, און אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, האָט ער געפּרוווט אַרויסרייסן זיין האַנט פון טשעלקאַשס פעסטער האַנט. טשעלקאַש האָט רויִק געקוקט אויף אים פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען, האָט געשמייכלט אין וואָנצ אין, ניט אָפּלאָזנדיק זיין האַנט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— די אייל מיך ניט. כ'וועל זיך אָנריידן צו זאַט און וועל אַוועקגיין. נו, דערציילן מיר, ווי לעבסטו!?... דאָס ווייב, די קינדערלעך זיינען געזונט? און פינקלענדיק ביידע מיט די אויגן, האָט ער, אויסשטשירענדיק די ציינער מיט אַ איראָנישן שמייכל, צוגעגעבן: — כ'קלייבט זיך צו דיר אין געסט, נאָר ס'מאַכט זיך, אַלץ קיין צייט ניט — רק איך שיכור אָט...

— נו... נו... דו הער אויף... דו... שפּאַס ניט, דאַרער טייוול, וואָס די ביסט! איך מיין עס, ברודער, אויף אַן אמת... אָדער קלייבסטו זיך שוין צו ראַבעווען אין די הייזער, אין די גאַסן?

— צו וואָס? אַז דאָ וועט פאַר אונז ביידן אויך קלעקן גוטס אויף אַ גאַנץ לעבן. אויף מיין וואָרט, סעמיאָניטש, ס'וועט קלעקן! די הער־נאָר, האָסט ווידער צוגעצויגן צוויי פּעקלעך מאַנופאַקטור?... זע אָקאָרשט, סעמיאָניטש, זיי פאָרזיכטיקער! זאָלסט אַמאָל ניט אַיינפאַלן!...

איבגעבראַכט פון טשעלקאַשס פרעכקייט, האָט זיך סעמיאָניטש גענומען טרייסלען, געשפּריצט מיט גאַווער און געפּרוווט עפּעס זאָגן. טשעלקאַש האָט אָפּגעלאָזן זיין האַנט און האָט רויִק גענומען שפּרייזן מיט די לאַנגע פיס צוריק צום טויער פון האַפן. דער

וועכטער האָט, זידלענדיק זיך מיט גרויס צאָרן, אַ לאָז געטאָן זיך נאָך אים.

טשעלקאַש איז געוואָרן פריילעך; ער האָט שטילערהייט אונטערגעפייפט צווישן די ציינער און, פאַררוקט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, איז ער געגאַנגען לאַנגזאַם מיט אַ גענגל פון אַ פרייען מענטשן, אויסברענגענדיק אויף רעכטס און לינקס בייסיקע שפּאַסן און וויצן. מע האָט אים נאָכפאָלגנדיק געצאָלט מיט דעם זעלבן.

— אָהאָ, גרישקע, ווי די „נאַטשאַלסטווע" היט עס דיך! — האָט עמעצער פון המון משא-לאָדער, וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, אויסגעשריען.

— איך בין — אַ באָרוועסער, נו איז היט מיך, סעמיאָניטש, איך וואָלט זיך, חלילה, די פיס ניט צעשטעכן, — האָט טשעלקאַש געענטפערט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום טויער. צוויי סאָלדאַטן האָבן באַטאַפּט טשעלקאַשן און האָבן אים מיט אַ גאַנץ לייכטן שטויס אַרויסגעשטויסן אויפן גאַס.

— לאָזט אים ניט אַרים! — האָט סעמיאָניטש, בלייבנדיק אין הויף פון האַפן, אַ געשריי געטאָן.

טשעלקאַש איז אַריבערגעגאַנגען דעם וועג און האָט זיך געזעצט אויף אַ טומבעלע אַנטקעגן דער טיר פון אַ שענק. פון דעם האַפן-טויער איז מיט אַ טראַסקעריי אַרויסגעפאָרן אַ ריי אָנגעלאָדענע וועגן. אַנטקעגן זיי האָבן זיך געטראָגן פּוסטע וועגן מיט פורמאַנעס, וואָס זיינען אונטערגעשפּרונגען אויף זיי. דער האַפן האָט אויסגעשפּיגן אַ וואָיענדיקן דונער און אַ בייסיקן שטויב...

אין דער האָזיקער משוגענער האַוועניש האָט טשעלקאַש, וואָס איז געווען אויפגערעגט פון דער סצענע מיט סעמיאָניטשן, זיך געשפּירט אויסגעצייכנט. פאָראויס האָט אים געשמייכלט אַ סאָלידע פאַרדינסטל, וואָס האָט געפאָדערט ווייניק טירחה און אַ סך געשיקטקייט. ער איז געווען זיכער, אַז געשיקטקייט וועט אים קלעקן און, זשמורענדיק די אויגן, האָט ער געטרוימט וועגן דעם, ווי ער וועט עס מאָרגן אינדערפרי אַ הוליע טאָן, בעת אין קעשענע ביי אים וועלן זיך באַווייזן נייע אַסיגנאַציעס... דערנאָך האָט ער

זיך דערמאָנט אָן זיין חבר מישקען, וועלכער וואָלט איצט שטאַרק צוניץ געקומען היינט בייַנאַכט, ווען ער וואָלט זיך ניט צעבראָכן אַ פוס. טשעלקאַש האָט זיך פאַר זיך אַליין אויסגעזידלט, און האָט געטראַכט, אַז ער אַליין, אָן מישקען, וועט זיך מן הסתם ניט קענען איינקערעווען מיט דעם אַלעם. וואָס פאַר אַ נאַכט וועט דאָס זיין?... ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל און איבער דער לענג פון גאַס.

אַ טריט זעקס פון אים איז לעבן טראָטואַר, אויפן ברוק, געזעסן, צוגעטוליעט מיטן רוקן צום טומבעלע, אַ יונגער בחור אין אַ בלויער, געבלומטער העמד, און פונקט אין אַזעלכע הויזן און לאַפּטשעס און אין אַ צעפליקט, געל היטל. לעבן אים איז געלעגן אַ קליין קלומעקל און אַ קאָסע אָן אַ הענטל, איינגעוויקלט אין אַ היי־זעקל, וואָס איז געווען רעגולער איבערגעבונדן מיט אַ שטריקעלע. דער בחור איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, אַ פעסט־געבויטער, אַ טונקל־בלאָנדער, מיט אַ פאַרברוינט און פאַרווינטיקט געזיכט און מיט גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף טשעלקאַשן מיט צוטרוי און מיט גוטמוטיקייט.

טשעלקאַש האָט אויסגעשטשירעט די ציינער, האָט אַרויסגע־שטעלט דעם צונג און, אָנשטעלנדיק אַ שרעקלעכן פּרצוף, האָט ער זיך אין אים איינגעגעסן עקשנותדיק מיט די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן.

דער בחור האָט, פאַרחידושנדיק זיך תחילת, גענומען פינטלען מיט די אויגן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים צעלאַכט, אַ געשריי געטאָן מיט געלעכטער: אַך, יאָלד איינער! און ניט אויפשטייענדיק כמעט פון דער ערד, האָט ער זיך אומגעלומפּערט אַריבערגעוואַלגערט פון זיין טומבעלע צו טשעלקאַשס, שלעפּנדיק זיין קלומעק איבערן שטויב און קלאַפּנדיק מיט דער שטומפּיקער זייט פון דער קאָסע אָן אַ שטיין.

– וואָס, ברודער, האָסט, קענטיק, פיין אַ הוליע געטאָן!... — האָט ער זיך געווענדט צו טשעלקאַשן און אים אַ צי געטאָן פאַר אַ קאַלאָשע.

— ס'איז געווען אַ שטיקל אַרבעט, שנעק איינער, אַ פֿיין שטיקל אַרבעט! — האָט טשעלקאַש שמייכלענדיק זיך מודה געווען. דער האָזיקער געזונטער, גוטמוטיקער בחור מיט די קינדערשע ליכטיקע אויגן איז אים תּיכּף געפֿעלן געוואָרן. — פֿון הוי־שניידן, וואָס?

— ווי־זשע דען!... מיר האָבן געשניטן אויף אַ וויאָרסט — און אויסגעשניטן פֿאַר אַ גראָשן.

— שלעכטע געשעפֿטן! מענטשן — אַ ים! אָט טאַקע די סאַמע הונגעריקע האָבן זיך געבראַכט צו שלעפֿן... האָבן אַראָפּגעזעצט דעם פּרייז, כאָטש נעם און וואַרף די אַרבעט. אין קובאַן האָט מען געצאָלט זעקס גריוונעס*). שלעכטע געשעפֿטן!... און פֿריער, — זאָגט מען, איז געווען דער פּרייז דריי קערבלעך, פֿיר פֿינף...

— פֿריער!... פֿריער האָט מען האָרט בלויז פֿאַר איין קוק אויף אַ רוסישן מענטשן געצאָלט אַ דרייערל. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך זיך האָך אַליין מיט דעם באַשעפֿטיקט. קומסט אַריין אין אַ קאָזאַקנדאָרף — כ'בין, הייסט עס, אַ רוסישער! — תּיכּף באַקוקט מען דיך, מע באַטאַפּט, מע באַוואונדערט און — נעם דריי רובל! און מע גיט דיר צו טרינקען און צו עסן. און לעב וויפֿל דו ווילסט!

דער בחור, וואָס האָט געהערט טשעלקאַשס רייד, האָט תּחילת אויפֿגעעפֿנט דעם מויל און האָט אויסגעדריקט אויף זיין קיילעכיקן פּנים אַ פֿאַרחידושנדיקע אַנטציקונג, נאָר דערנאָך, באַגרייפֿנדיק, אַז דער האָזיקער וואַגאַבונד זאָגט ליגן, האָט ער אַ שמעטשע געטאָן מיט די ליפּן און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. טשעלקאַש האָט אַליין געמאַכט אַן ערנסט פּנים און האָט פֿאַרבאָרגן דעם שמייכל אין זיינע וואָנצעס.

— מאָדנער מענטש, די זאָגסט, דאַכט זיך אמת, און איך הער און גלויב... ניין, אויף מיין וואָרט, פֿריער האָט מען האָרט...

— נו, און וועגן וואָס זאָג איך? דאָס זאָג איך דאָך, אַז הייסט עס, פֿריער האָט מען האָרטן...

*) אַ גריוונע — צען קאָפּיקעס.

— גיי שוין, גיי!... — האָט דער בחור אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַ שוסטער, מסתמא? אָדער אַ שניידער?... ביסטו?...

— איך? — האָט טשעלקאַש איבערגעפּרעגט און, אַ טראַכט־געבנדיק, האָט ער געזאָגט: — איך בין אַ פישער....

— אַ פי—ישער! אָהאָ! איז וואָס, כאַפּסטו פיש?...

— פאַרוואָס עפּעס פיש? די היגע פישער כאַפּן ניט נאָר פיש. — מערסטנטייל כאַפּן זיי דערטרונקענע מענטשן, אַלטע אַנקערס, דערטרונקענע שיפן — אַלץ! ווענטקעס אַזעלכע זיינען פאַראַן אויף דעם...

— האַק לייגנס, האַק!... ביסט, משמעות, פון די פישער, וואָס זינגען וועגן זיך:

מיר פאַרוואַרפן די נעצן
איבער טרוקענע ברעגן,
און איבער שפּייכלער פול מיט פאַרמעגן!...

— און דו האָסט געזען אַזעלכע? — האָט טשעלקאַש, קוקנדיק אויף אים מיט אַ שמייכל און טראַכטנדיק, אַז דער האָזיקער וואָילער בחור איז זייער אַ נאַרישער, געפרעגט.

— ניין, וואו קען מען דען זען! כ׳האָב געהערט...

— געפעלט דיר?

— זיי? ווי דען!... נישקשה פון יאַטעס, זעלבשטענדקע, פרייע...

— אויף וואָס דאַרפסטו... די פרייהייט?... דו האָסט דען ליב די פרייהייט?

— ניי, ווי־זשע דען? ביסט אַליין אויף זיך אַ באַלעבאָס, גייסט — וואו דו ווילסט, טוסט, וואָס דו ווילסט... נאָך ווי! אויב דו קענסט זיך נאָר האַלטן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אויפן האַלז טראָגסטו ניט קיין שטיינער, — איז דאָך עס די גרעסטע זאַך! הוליע, הייסט עס, וויפל דו ווילסט אַליין, נאָר געדענק אָן גאָט...

טשעלקאַש האָט איסגעשפּיגן מיט פאַראַכטונג און האָט, אָפּקערנדיק זיך פון דעם בחור, איבערגעריסן זיינע פראַגעס.

— איצט וועגן מיין ענין... — האָט יענער זיך פּלוצלונג באַגייסטערט. — אַז דער פאָטער איז ביי מיר אָפּגעשטאָרבן, און די באַלעבאַטישקייט איז אַ קליינע. די מוטער איז אַן אַלטע, די ערד איז אינגאַנצן אויסגעזויגן, וואָס האָב איך געוואָלט טאָן? לעבן דאַרף מען. און ווי צו לעבן? ווייס מען ניט. האָב איך געוואָלט אָנקומען פאַר אַן אידעם אין אַן אָנשטענדיקן הויז. וואויל. ווען מען וואָלט די טאָכטער אָפּגעטיילט!... איז אָבער ניין — טיילט דער שווער דער טייוול ניט אָפּ. נו, וועל איך לאַנג מוזן אויף אים פאַרשוואַרצט ווערן... יאָרן. אָט זעסטו שוין, וואָס פאַר אַ געשעפטן!... אָבער ווען איך וואָלט געקענט פאַרדינען אַ הונדערט פופציק קערבלעך, וואָלט איך זיך תיכף געשטעלט אויף די פיס און אַנטיפן וואָלט איך אויסגעשטעלט דריי פוגן! ווילסטו אויסטיילן מאַרטען? ניין? דאַרף מען ניט! זי איז, ברוך־השם, ניט דאָס איינציקע מיידל אין דאָרף. איז, הייסט עס, בין איך געווען גאָר אַ פרייער, אַליין פאַר זיך... נו־אָ! — האָט דער יונג אָפּגעזיפצט. — און איצט האָסטו קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו ווערן אַן אידעם. האָב איך געוועזט געטראַכט: כ׳וועל זיך גאָר, הייסט עס, אַוועקלאָזן אויף קובאַן, כאַפּן דאָרטן אַ פּאָר מאות, — און אַ גוטן טאָג, כ׳בין מיר אַ שררה!... ערשט נעכטיקע טעג!... ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. נו, מוזטו גיין ווערן אַן אידעם! פאַרדינגען זיך פאַר אַ פאַרעבאָק... ווייל מיט מיין אייגענער ווירטשאַפט קען איך זיך ניט איינקערעווען... בשום אופן ניט!

דעם יונג האָט זיך זייער ניט געוואָלט גיין פאַר אַן אידעם. דאָס געזיכט איז ביי אים אַפילו געוואָרן פינסטער און טרויעריק. ער האָט זיך שווער גענומען דרייען אויף דער ערד און האָט אויפגעוועקט טשעלקאַשן פון זיינע מחשבות, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט בעת זיין ריידן.

טשעלקאַש האָט דערפילט, אַז אים ווילט זיך שוין ניט ריידן, נאָר דאָך האָט ער צוליב־עפּעס ווייטער געפרעגט:

— וואוהין־זשע קלייבסטו זיך איצט?

— וואוהין? אַהיים, פאַרשטייט זיך.

— ט', ברודער, מיר איז דאָס ניט פֿאַרשטענדלעך... אפֿשר קלײַבסטו זיך קײן טערקײ...

— קײן טערקײ—י!... — האָט דער יונג אויסגעצויגן. — וואָסער פּראַוואָסלאַוונער גײט עס אַהין? איך גערעדט!...

— ביסטו דאָס אַ נאַר! — האָט טשעלקאַש אָפּגעשפּיצט און האָט זיך צוריק אָפּגעקערט פֿון דעם מיטשמוסער, שפּידנדיק האָט מאָל אַ פֿילשטענדיקן אומווילן צו זאָגן אים כאָטש אײן וואָרט. און אים האָט דער דאָזיקער געזונטער דאָרפֿישער יונג עפּעס געוועקט...

אַ נעפּלדיק, עגמת־נפֿשדיק געפֿיל, וואָס איז לאַנגזאַם רײַף געוואָרן, האָט געזשיפּעט ערגעץ טיף און האָט אים געשטערט צו קאָנצענטרירן זיך און באַטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס מע האָט באַדאַרפֿט טאָן אין דער דאָזיקער נאַכט.

דער אָפּגעזידלטער יונג האָט עפּעס געמורמלט מיט אַ האַלבן מױל, וואַרפֿנדיק טײלמאָל קרומע בליקן אויף דעם וואַגאַבונד. זײַנע באַקן האָבן זיך קאָמיש אָנגעבלאָזן, די ליפּן האָבן זיך אויסגעשפּרייט, און די צונויפֿגעצויגענע אויגן האָבן עפּעס צו אָפֿט און לעכערלעך געפֿינטלט. ער האָט, קענטיק, ניט דערוואַרט, אַז זײַן געשפּרעך מיט דעם דאָזיקן באַוואָנצטן וואַגאַבונד זאָל זיך ענדיקן אַזוי שנעל און פֿאַרדראָסיק.

דער לומפּ האָט מער ניט געווענדט אויף אים די אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט, זיצנדיק אויפֿן טומבעלע און אָפּשלאָגנדיק איבער אים אַ טאַקט מיט דער הילער, שמוציקער פּיאַטע, אונטערגעפֿײַפֿט פֿאַרטראַכטערהייט.

— דעם יונג האָט זיך געוואָלט אויסקוויטירן מיט אים.

— עי דו, פּישער! די מאַכסט עפּעס אָפֿט אַ כוסע? — האָט ער געוועזט אָנגעהייבן, נאָר אין דערזעלבער רגע האָט דער פּישער האַסטיק אומגעקערט צו אים דאָס געזיכט און אים געפֿרעגט:

הער־נאַר, שנעק אײנער! ווילסטו הײַנטיקע נאַכט אַרבעטן מיט מיר? אַ? זאָג גיכער!

— וואָס אַרבעטן? — האָט דער יונג געפֿרעגט מיט אומצוטרוי.

— נו, וואָס! וואָס איך וועל הייסן... מיר וועלן פאָרן פיש פאַנגען. וועסט רודערן...

— אַזוי... נו, מילא? גוט. מע קען אַרבעטן. נאָר אָט־וואָס... מיט זאָלן זיך ביידע אין ערגעץ ניט אַריינדרייען. דו ביסט שוין אַ צו כיטרער פויגל... ביסט אַ טונקעלער פּאַרשוין...

טשעלקאַש האָט דערשפּירט עפּעס אַ מין ברענעניש אין ברוסט און האָט אַ זאָג געטאָן שטיל מיט קאַלטער רציחה:

— אָט 'הי פּלאַפּל נאָר ניט דאָס, וואָס דו באַנעמסט ניט. כ'וועל דיר באַלד דערלאַנגען אַ רייב איבערן שאַרבן, וועט דיר האַרטן ליכטיק ווערן...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם טומבעלע, האָט אַ צי געטאָן מיט דער לינקער האַנט זיין וואָנץ און די רעכטע האַנט צונויפגעפּרעסט אין אַ שטייפער, אָדערדיקער פויסט און האָט אַ פינקל געטאָן מיט די אויגן.

דער יונג האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך האַסטיק אַרומגעקוקט אַרום זיך און, שעמעוודיק פינטלענדיק מיט די אויגן, איז ער אויך אויפגעשפּרונגען פון דער ערד. מעסטנדיק איינע די אַנדערע מיט די אויגן, האָבן זיי אַ ווײַלע געשוויגן.

— נו? — האָט טשעלקאַש שטרענג געפרעגט. ער האָט געקאָכט און אויפגעשוידערט פון דער באַליידיקונג, וואָס דאָס דאָזיקע יונגיטשקע קעלבעלע האָט אים פאַרשאַפט, דאָס האָזיקע יונגיטשקע קעלבעלע, וועלכעס ער האָט די גאַנצע צייט פון זיין געשפּרעך מיט אים פאַראַכט, און איצט האָט ער אים מיט אַמאָל פיינט באַקומען — דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַזעלכע קלאָרע בלויע אויגן, אַ געזונט, אָפּגעבריענט געזיכט, קורצע, פעסטע הענט; דערפאַר, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו אַ דאָרף, האָט אַ הויז אין דאָרף; דערפאַר, וואָס אַ פאַרמעגלעכער פּויער וויל אים מאַכן אַן איידעם. ער האָט אים פיינט באַקומען פאַר זיין גאַנץ פאַרגאַנגען און קומענדיק לעבן, נאָר מער פאַר אַלץ פאַר דאָס, וואָס ער, דאָס דאָזיקע קינד אין פאַרגלייך מיט אים, טשעלקאַשן, וואַגט ליב צו האָבן די פרייהייט, וואָס ער ווייס ניט איר ווערט, און וועלכע איז אים ניט נייטיק. ס'איז שטענדיק ניט אָנגענעם צו זען, ווי דער מענטש, וועלכן דו

האַלטסט פֿאַר ערגער און נידעריקער פֿאַר זיך, ליבט אָדער האַסט דאָס זעלבע, וואָס דו, און ווערט ענלעך אויף דיר.

דער יונג האָט געקוקט אויף טשעלקאַשן און האָט געשפּירט אין אים אַ באַלעבאָס.

— איך בין דאָך... — האָט ער גענומען ריידן, — וניט קען... איך בין גערן. איך זיך דאָך טאַקע אַרבעט. מיר איז אַלץ איינס בײַ וועמען צו אַרבעטן, בײַ דיר אָדער בײַ אַן אַנדערן. איך האָב עס בלויז געזאָגט צוליב דעם, ווײַל דו ביסט ניט ענלעך אויף אַן אַרבעטס-מענטשן.... ביסט שוין צופֿיל, ווי זאָגט מען עס... אַרומגעריסן. נו, איך ווייס דאָך, אַז מיט יעדערן טרעפֿט עס. מײַן גאָט, כ'האָב דען ניט געזען קיין שיכּורים! עך, נאָך וויפֿיל!... און נאָך גרעסערע פֿאַר דיר.

— נו, וואויל, וואויל! ביסטו מסכּים? — האָט טשעלקאַש מיט אַ ווייכערן טאָן איבערגעפֿרעגט.

— איך? נאָך ווי!... מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן! זאָג אַ פּרייז.

— דער פּרייז איז בײַ מיר לויט דער אַרבעט. וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ס'וועט זײַן. וואָס פֿאַר אַ געפֿאַנג. הייסט עס... אַ פֿינפֿערל קענסטו באַקומען. פֿאַרשטאַנען?

נאָר איצט האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן געלט, און דאָ האָט דער פּויער געוואָלט זײַן פּינקטלעך און האָט געפֿאָדערט די זעלבע פּינקטלעכקייט פֿון זײַן אַרבעטס-געבער. בײַ דעם יונג איז ווידער אַנטשטאַנען אַן אומצוטרוי און אַ חשד.

— דאָס איז פֿאַר מיר, ברודער, קיין עסק ניט!... איך דאַרף האָבן וואָס אָנצונעמען אין האַנט.

טשעלקאַש איז אַרײַן אין דער ראָלע:

— חקירה ניט, וואַרט! לאָמיר גיין אין אַ טראַקטיר!

און זיי זײַנען אַוועק לעבנאַנאַנד איבערן גאַס, טשעלקאַש — מיט אַן ערנסטער מינע פֿון אַ באַלעבאָס, דרייענדיק דערבײַ די וואָנצעס, דער יונג — מיט אַן אויסדרוק פֿון פֿולקומער גרייטקייט אונטערצווואַרפֿן זיך, נאָר פֿאָרט פֿול מיט אומצוטרוי און מורא.

— און ווי הייסטו? — האָט טשעלקעש געפֿרעגט.

— גאַווריִלע! — האָט דער יונג געענטפֿערט.

ווען זיי זיינען געקומען אין שמוציקן און פאַררויכערטן טראַקטיר, האָט טשעלקאַש, צוגייענדיק צום בופעט, באַשטעלט, מיט אַ פאַמיליערן טאָן פון אַ בן-בית אַ פלעשל בראָנפן, באָרשטש, אַ געבראָטנס פון פלייש, און טיי, און באַרעכנענדיק דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געפאָדערט, האָט ער אַ וואָרף געטאָן צום בופעט-אייגנטימער: „אַלץ אויף חוב!“ אויף דעם האָט דער בופעט-אייגנטימער שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָ איז גאַווריִלע תיכף געוואָרן פול מיט דרך־ארץ צו זיין באַלעבאָס, וואָס, ניט געקוקט אויף זיין אויסזען פון אַן אַפּעריקאַט, איז ער אַזוי באַוואוסט און האָט אַזאַ צוטרוי.

— נו, אָט איצט וועלן מיר צובייסן און דורכשמועסן זיך מיט ישוב-הדעת. דו זיץ דאָ אַ ווײַלע, און איך וועל זיך ערגעץ אַראָפּכאַפּן.

ער איז אַוועק. גאַווריִלע האָט זיך אַרומגעקוקט. דער טראַקטיר האָט זיך געפונען אין אַ קעלער; ער איז געווען פייכט, פינסטער און אינגאַנצן פול מיט אַ פאַרשטיקטן ריח פון איבערגעברענטן בראָנפן, טאַבאַק-רויך, פעך און נאָך עפּעס אַ שאַרפע זאַך. אַנטקעגן גאַווריִלען איז ביי אַ צווייטן טיש געזעסן אַ שיכּורער מענטש אין אַ מאַטראָסן-אָנצוג, מיט אַ געלער באָרד, אינגאַנצן אײַנגעשמירט אין קוילנשטויב און פעך. ער האָט, שלוקערצנדיק אַלע מינוט, אונטערגעברומט אַ ליד, וואָס איז דורכאויס באַשטאַנען פון עפּעס אָפּגעריסענע און צעבראָכענע ווערטער, וועלכע זיינען געווען — דאָס שרעקלעך צײַנערדיקע, דאָס האַלדזיקע. ער איז, ווייזט אויס, געווען ניט קיין רוסישער.

הינטער אים האָבן זיך אײַנגעאָרדנט צוויי מאָלדאַוואַנער פרויען, אָפּגעריסענע, שוואַרצהאָריקע, אָפּגעברענטע און האָבן אויך געגרילצט עפּעס אַ ליד מיט הייזעריקע שטימען.

ערנאָך זיינען אַרויסגעטראָטן פון דער פינסטערניש נאָך עפּעס פיגורן, אַלע מאָדנע צעשויבערטע, אַלע האַלבשיכּורע, שרײַיִקע, אומרויִקע...

גאַווריִלען איז דאָ געוואָרן אומהיימלעך איינער אַליין. אים האָט זיך געוואָלט, אַז זיין באַלעבאָס זאָל זיך וואָס גיכער אומקערן.

און דער געדיש אין טראַקטיר האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין נאָטע, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס רעדט עפּעס אַ ריזיקע חיה. זי באַזיצט הונדערטער פֿאַרשיידענע שטימען און, אַ צערייצטע, רייסט זי זיך בלינד אַרויסצוגיין פֿון דער האָריקער שטיינערנער גרוב און געפֿינט ניט קיין אַרויסגאַנג אויף דער פֿריי... גאַווריליע האָט געשפּירט, ווי אין זיין לייב גיסט זיך איין עפּעס אַ פֿאַרשיכּורנדיקס און אַ משאָריק־שווערס, פֿון וואָס ביי אים האָט זיך געדרייט דער קאָפּ און זיך פֿאַרנעפּלט די אויגן, וואָס זיינען מיט נייגעריקייט און מיט מורא אַרומגעלאָפֿן איבער דעם טראַקטיר...

ס'איז געקומען טשעלקאַש, און זיי האָבן גענומען עסן און טרינקען און דערביי געשמועסט. פֿון דעם דריטן קעלישעק איז גאַווריליע געוואָרן שיכּור. אים איז געוואָרן פֿריילעך און ס'האָט זיך געוואָלט זאָגן עפּעס אָנגענעמס זיין באַלעבאָס, — אַ וואוילער יונג! — וועלכער האָט, גלאַט אין דער וועלט אַריין, אים אַזוי געשמאַק מכבד געווען. נאָר די ווערטער, וואָס האָבן כוואַליעסווייז צוגעשטראָמט צו זיין האַלז, זיינען צוליב עפּעס ניט געגאַנגען פֿון דער צונג, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרן שווער.

טשעלקאַש האָט געקוקט אויף אים און, שמייכלענדיק איראָניש, האָט ער געזאָגט:

— האָסט זיך אָנגעזשלאָקעט!... ע—עך, די שטרויענער מלאך! פֿון פֿינף גלעזלעך!... ווי־זשע וועסטו דאָס אַרבעטן?...

— פֿריינד!... — האָט גאַווריליע געפּאַפּלט. — שרעק זיך ניט! כ'וועל דיך אַכטן!... דאָס הייסט, אָט־ווי!... גיב, וועל איך דיך אַ קוש טאָן!... אַ?...

— נו, נו!... נאַ, גיב נאָך אַ זשלאָקע!

גאַווריליע האָט געטרונקען און איז, ענדלעך, געקומען צו דער מדרגה, ווען אין זיינע אויגן האָט זיך אַלץ גענומען וויגן אין גלייכע, כוואַליעפֿאָרמיקע באַוועגונגען. ס'איז געווען אומאָנגענעם און ס'האָט דערפֿון געאיבלט. זיין געזיכט איז געוואָרן נאַריש־באַגייסטערט. וועלנדיק עפּעס זאָגן, האָט ער קאָמיש אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און האָט אַ ברום געטאָן. טשעלקאַש האָט, שאַרף באַטראַכטנדיק אים, גלייך ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס, גע־

דרייט זיינע וואָנצעס און האָט אַליין געשמייכלט, איצט שוין אָנגעכמורעט און בייז.

און דער טראַקטיר האָט גערעוועט מיט אַ הייזעריקן גערויש. דער געלער מאַטראָס איז געשלאָפן, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן טיש.

— ני, לאָמיר גיין! — האָט טשעלקאַש, אויפשטייענדיק, געזאָגט. גאַווריליע האָט געפּרוווט אויפשטיין, האָט אָבער ניט געקאָנט, און, שטאַרק זידלענדיק זיך, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַן אומזיניקן געלעכטער פון אַ שיכורן.

— ס'האָט הערגענומען! — האָט טשעלקאַש געזאָגט און האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים אויף אַ בענקל.

גאַווריליע האָט, קוקנדיק מיט טעמפּע אויגן אויף דעם באַלעבאָס, אַליין געלאַכט, און יענער האָט אויף אים געקוקט דורכדרינגלעך, שאַרף און פאַרטראַכט. ער האָט געזען פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס זיין לעבן איז אַריינגעפאַלן אין זיינע וועלפישע לאַפּעס. ער, טשעלקאַש, האָט געשפּירט אין זיך אַ כוח צו קערעווען אים אַהער און אַהין. ער האָט אים געקאָנט צעברעכן, ווי אַ קאָרט, און האָט אים אויך געקענט העלפן איינאָרדענען זיך אין פעסטע פּויערישע ראַמען. שפּירנדיק זיך אַלס באַלעבאָס איבער יענעם, האָט ער הנאה געהאַט און האָט געטראַכט, אַז דער דאָזיקער יונג וועט קיינמאָל ניט אויסטרינקען אַזאַ כוס, וועלכן דער גורל האָט אים, טשעלקאַשן, באַשערט אויסצוטרינקען... און ער האָט מקנא געווען און האָט באַדויערט דאָס דאָזיקע יונגע לעבן, האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים און האָט אפילו געהאַט עגמת-נפש, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער קען נאָך אַמאָל אַריינפאַלן אין אַזעלכע הענט, ווי זיינע... און אַלע געפילן האָבן זיך ענדלעך צונויפגעגאָסן ביי טשעלקאַשן אין איין געפיל — אין עפּעס פאָטערלעכס און ווירטשאַפטלעכס. אויף דעם יונג האָט אים באַנג געטאָן, און דער יונג איז אים געווען נייטיק. דעמאָלט האָט טשעלקאַש גענומען גאַווריליען אונטערן אָרעם און, שטויסנדיק אים פון הינטן גאַנץ לייכט, מיט דער קני, האָט ער אים אַרויסגעפירט אויפן הויף פון טראַקטיר, וואו ער האָט געמאַכט פון שייטלעך האָלץ אַ שאָטן אויף דער ערד, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און

האָט פאַרהײכערט די לולקע. גאַװרילע האָט זיך אַ ביסל געעסקט, געװאָרטשעט און איז אײַנגעשלאָפן.

2.

— נו, פאַרטיק? — האָט טשעלקאַש געפרעגט אינדערשטיל בײַ גאַװרילען, װאָס האָט זיך געעסקט מיט רודערס.

— באַלד! דער רודער־האַלטער שאָקלט זיך, — מען קען אײנמאָל אַ קלאַפּ געבן מיט דעם רודער?

— חלילה! קײן שום גערויש! דריק אים צו פעסטער מיט די הענט, װעט ער צוריק אַרײַן אויף זײַן אָרט.

בײדע האָבן זיך שטיל געפּאָרעט מיט דעם שיפל, װאָס איז געװען צוגעבונדן צו דעם הינטערטײל פון אַ זעגל־באַרקע, װעלכע איז געװען אײנע פון אַ גאַנצער פלאָטיליע זעגל־באַרקעס און פון גרויסע טערקישע פעלוגעס. די זעגל־באַרקעס זײַנען געװען אָנגעלאָדן מיט דעמבענע קלעפּקעס און די טערקישע פעלוגעס זײַנען געװען אויף דער העלפט אויסגעלאָדן, אויף דער העלפט נאָך פאַרנומען מיט פּאַלמען־האָלץ, סאַנדל־האָלץ און דיקע ציפּרעסן־באַלקעס.

די נאַכט איז געװען אַ פינסטערע, איבערן הימל האָבן זיך באַװעגט דיקע שיכטן צעטראָנטעװעטע װאָלקנס און דער ים איז געװען רויק, שװאַרץ און געדיכט, אַזױ װי בוימל. ער האָט געעטעמט מיט פײַכטן געזאַלצענעם אַראָמאַט און האָט ליבלעך געקלונגען, פּליעסקענדיק זיך אָן די באָרטנס פון די שיפן, אָן דעם ברעג און האָט קױם־קױם געװיגט טשעלקאַשעס שיפל. איבער דעם װײַטן ברעג־שטח האָבן זיך פון ים אַפּער אויפגעהויבן פינסטערע סקעלעטן פון שיפן און האָבן אַרײַנגעשטאָכן אין הימל די שאַרפע מאַסטן מיט די פאַרשײדנפאַרביקע לאַמטערנעס אויף די שפּיצן. דער ים האָט אָפּגעשפּיגלט די פײַערן פון די לאַמטערנעס און איז געװען באַזײט מיט אַ מאַסע געלע פלעקן. זײ האָבן פײַן געציטערט אויף זײַן װײכער, שװאַרץ־מאַטאָװער סאַמעטענער ברוסט, װעלכע האָט זיך געהויבן אַזױ גלײַך, אַזױ מעכטיק. דער ים האָט געשלאָפן מיט אַ געזונטן שלאָף פון אַן אַרבעטער, װאָס האָט זיך פאַרן טאָג שטאַרק אָנגעמאַטערט.

— לאָמיר פאָרן! — האָט גאַווריִלע, אַראָפּלאָזנדיק די רודערס אין וואַסער אַריין, געזאָגט.

— ס'איז האָ! — האָט טשעלקאַש מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון דעם שטייער־רודער אַרויסגעשטויסן דאָס שיפל אין דעם וואַסער־שטח צווישן די באַרקעס; דאָס שיפל איז שנעל אַוועקגעשוואומען איבער דעם גליטשיקן וואַסער, און דאָס וואַסער האָט זיך אונטער די קלעפּ פון די רודערס אָנגעצונדן מיט אַ בלוילעכער פאָספאָר־שיין. אַ לאַנגע סטענגע פון דער העליקער שיין האָט שעמערירנדיק ווייך, זיך געוויקלט הינטער דעם הינטערשטן טייל פונם שיפל.

— נו, וואָס איז מיט דיין קאָפּ? ס'טוט וויי? — האָט טשעלקאַש צערטלעך אַ פרעג געטאָן.

— שרעקלעך!... ס'הייסט פונקט ווי טשוהון... כ'וועל אים באַלד איינגעצן אין וואַסער.

— נאָך וואָס? די נעם אָקאָרשט־אָט און שווענק אויס די געדערעם, וועסט אפשר גיכער זיך אויסטשוכען, — און ער האָט גאַווריִלען דערלאַנגט דאָס פלעשל.

— אפשר טאַקע? גאָט, באַווייליק!..

ס'האָט זיך דערהערט אַ שטיל בלעזלען.

— עי דו! ביסט גרייט?... גענוג! — האָט אים טשעלקאַש אָפּגעשטעלט.

דאָס שיפל האָט זיך ווידער האַסטיק אַוועקגעטראָגן, דרייענדיק זיך רוישלאָז און לייכט צווישן די שיפן... פּלוצים האָט זיך דאָס שיפל אויסגעריסן פון זייער מחנה, און דער ים — אַן אומענדלעכער, אַ מעכטיקער, אַ גלאַנציקער — האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי, און האָט זיך אַוועקגעצויגן אין דער בלויער ווייט אַריין, וואו פון זיינע וואַסערן האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל בערג מיט וואָלקנס — ליליע־בלויע, מיט געלע פּוכיקע זוימען ביי די ברעגעס, גרינלעכע, ווי דער פאַרב פון דעם ים־וואַסער און יענע אומעטיקע, בלייערנע וואָלקנס, וואָס וואַרפן פון זיך אָפּ אַזעלכע טרויעריקע שאָטנס, וואָס דריקן אויפן מוח און אויף דער נשמה. זיי האָבן געפּייזעט אַזוי לאַנגזאַם איינע אויף די אַנדערע און, האָט צונויפגיסנדיק זיך, דאָ איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן

זיי געמישט זייערע פאַרבן און פאָרמען, איינגעשלונגען זיך אַליין און ווידער אַנטשטאַנען אין נייע קאָנטורן, מאַיעסטעטישע און פינס־טערע... און עפּעס פאַטאַלס איז געווען אין דער דאָזיקער לאַנג־זאַמער באַוועגונג פון די טויטע מאַסן. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָרטן, אויפן ים, זיינען זיי דאָ אָן אַ שיעור און אַז זיי וועלן שטענדיק אַזוי גלייכגילטיק קלעטערן אויפן הימל און שטעלן זיך אַ טעמפּן רישעותדיקן ציל: ניט ערלויבן מער קיינמאָל דעם הימל צו בלישטשען איבער דעם שלאָפעדיקן ים מיט זיינע מיליאָנען גאָלדענע אויגן — די לעבעדיקע און טרוימעריש־שיינענדיקע פאַר־שיידנפאַרביקע שטערן, וואָס דערוועקן הייכע באַגערן ביי מענטשן, וועמען עס איז טייער זייער ליכטיקער גלאַנץ.

— ס'איז גוט דער ים? — האָט טשעלקאַש געפרעגט.

— נישקשה! ס'איז בלויז אימהדיק אויף אים, — האָט גאַווריִלע געענטפערט און האָט גלייך און שטאַרק אַ זעץ געטאָן מיט די רודערס אין וואַסער. דאָס וואַסער האָט קוים אַ קלונג געטאָן און זיך געפּלעסקעט אונטער די קלעפּ פון די לאַנגע רודערס, האָט זיך געפּלעסקעט און אַלץ געגלאַנצט מיט וואַרעמער בלויער פאָס־פאָרשיין.

— אימהדיק! אַט אַ נאַר!... — האָט טשעלקאַש איראָניש אַ וואָרטשע געטאָן.

ער, דער גנב און ציניקער, האָט ליב געהאַט דעם ים. זיין ברייזנדיקע, נערוועזע נאַטור, וואָס איז געווען דאָרשטיק נאָך איינ־דרוקן, האָט זיך קיינמאָל ניט איבערגעזעטיקט מיט קוקן אויף דער דאָזיקער פינסטערער ברייט, וואָס איז געווען אומענדלעך פריי און מעכטיק. און אים האָט פאַרדראָסן צו הערן אַזאַ ענטפער אויף זיין פראַגע וועגן דער שיינקייט פון דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט. זיצנדיק אויף דעם הינטערטייל פון שיפל, האָט ער מיט דעם שטייער־רודער געשניטן דאָס וואַסער און האָט רויק געקוקט פאָר־אויס, פול מיט פאַרלאַנגען צו פאָרן ווייט און לאַנג איבער דער דאָזיקער סאַמעטענער גלאַטקייט.

אויפן ים האָט זיך ביי אים שטענדיק דערוועקט אַ ברייט, וואַרעם געפיל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצע נשמה און

האָט אים אַ ביסל אָפּגעריניקט פֿון דעם לעבנס־שמוץ. ער האָט עס געשעצט און האָט ליב געהאַט צו זען זיך אַ בעסערן, דאָ, צווישן וואַסער און לופֿט, וואו די מחשבות וועגן לעבן און חאָס לעבן גופֿא פֿאַרלירן שטענדיק, — די ערשטע — זייער שאַרפֿקייט, דאָס צווייטע — זייער ווערט. אין די נעכט טראָגט זיך ריטמיש אום איבערן ים דער ווייכער געראַניש פֿון זיין שלאָפֿעדיקן אָטעם, דער דאָזיקער גרינעצלאָזער קלאַנג גיסט אַריין רויִקייט אין דער מענטש־לעכער נשמה און, אײַנצאַמענדיק זאַנפֿט אירע שלעכטע תשוקות, רופֿט ער אַרויס אין איר מעכטיקע שטרעבונגען.

און וואו איז די שטריקוואַרג? — האָט גאַווריִלאַ, באַקוקנדיק מיט אימרו דאָס שיפֿל, אַ פֿרעג געטאָן פֿלוצים.

טשעלקאַש האָט אַ ציטער געטאָן.

— די שטריקוואַרג? זי איז ביי מיר אין דעם הינטערשטן טייל פֿון שיפֿל.

— וואָס פֿאַר אַ שטריקוואַרג? — האָט זיך גאַווריִלאַ ווידער גע־נומען דערקונדיקן מיט חשד.

— וואָסערע?... דער שטריק־האַקן און...

נאָר טשעלקאַש האָט זיך געשעמט צו ליִגן פֿאַר דעם דאָזיקן יונגל און פֿאַרבאָרגן זיינע אמתע כוונותן, און אים איז גע־ווען אַ שאָד די געדאַנקען און געפֿילן, וואָס דער דאָזיקער יונג האָט צונישט געמאַכט מיט זיין פֿראַגע. ער איז געוואָרן בייז. אַ שאַרפֿע ברענעניש אין ברוסט און לעבן האַלז האָט אים דורכגעצוקט, און ער האָט אײַנדרינגלעך און האַרט געזאָגט גאַווריִלען:

— אָט־וואָס, דו זיצסט, נו, איז זיץ! און רוק ניט די נאָז אין אַ פֿרעמדער זאַך. מע האָט דיך גענומען צו רודערן, איז רודער. און אַז דו וועסט פּלאַפּלען מיט דער צונג, וועט זיין ביטער. פֿאַרשטאַנען?...

אַ מינוט האָט דאָס שיפֿל אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אָפּ־געשטעלט. די רודערס זיינען פֿאַרבליבן אין וואַסער, אויפֿשוימענ־דיק עס, און גאַווריִלע האָט זיך אומרויִק גענומען עסקן אויף דער באַנק.

— רודער!

אַ שאַרף זידלוואָרט האָט צעטרייסלט די לופט. גאַווריִלע האָט אַ פּאָך געטאָן מיט די הודערס. דאָס שיפל האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקן און איז אַוועק, פּונאַנדערהאַקנדיק מיט גיכע נערוועזע שטויסן, מיט געריִיש דאָס וואַסער.

— גלייכער!...

טשעלקאַש האָט זיך אויפגעהויבן פונם שטייער-רודער, ניט אַרויסלאָזנדיק דעם רודער פון האַנט, און האָט אַריינגעשטאָכן זיינע קאַלטע אויגן אין גאַווריִלעס בלאַס געזיכט מיט די ציטערנדיקע ליפּן. איינבייגנדיק זיך, אַרויסרוקנדיק זיך פאָרויס, איז ער געווען ענלעך אויף אַ קאַץ, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טאָן. ס'האָט זיך געהערט דאָס בייזע סקריצן מיט די ציינער און דאָס ציטערדיקע קנאַקן מיט עפּעסביינדלעך אַזעלכע.

— ווער שרייט עס? — האָט זיך דערהערט פון ים אַ שאַרפער אויפגעשריי.

— נו, טייוול, רודער-זשע!... שטילער מיט די רודערס!... כ'וועל דיך דערהרגענען, הונט איינער!... נו-שוין, רודער!... איינס, צוויי! גיב נאָר אַ פּיפּס!... כ'צערייס דיך אויף שטיקלעך!... — האָט טשעלקאַש געציִשעט.

— יונגפרוי... הייליקע... — האָט גאַווריִלע געשעפּטשעט, ציטערנדיק און שוואַך ווערנדיק פון פחד און אָנשטרענגונג.

דאָס שיפל האָט זיך פאַרקערעוועט און איז אַוועק אויף צוריק צום האַפן, וואו די פייערן פון די לאַמטערנעס האָבן זיך איינגעקנוילט אין אַ פאַרשיידנפאַרביקער גרופּע און ס'האָבן זיך געזען די שטאַמען פון די מאַסטן.

— עי! ווער שרייט עס? — האָט זיך ווידער דערהערט.

איצט איז די שטימע געווען ווייטער, איידער דאָס ערשטע מאָל. טשעלקאַש האָט זיך באַרויִקט.

— דו אַליין, ליבער פריינד, שרייסט עס דאָך! — האָט ער געזאָגט אין דער ריכטונג פון די געשרייען און האָט זיך נאָכדעם געווענדט צו גאַווריִלען, וואָס האָט נאָך אַלץ געשעפּטשעט אַ תּפילה: — נו, ברודער, ס'איז דיין גליק! ווען די דאָזיקע טייוואַ-

לים וואָלטן אינז נאָכגעיאָגט — וואָלט געווען נאָך דיר. הערסט? איך וואָלט דיך אָן שהיות... צו די פיס!...

איצט, בעת טשעלקאַש האָט גערעדט רויק און אַפילו גוטמוטיק, האָט גאַווריליע, נאָך אַלץ ציטערנדיק פון שרעק, זיך געבעטן:

— הער, לאָז מיך אָפּ! ווי גאָט איז דיר ליב, לאָז מיך אָפּ! זעץ מיך אַרויס וואו-עס-איז! אַיי-אַיי-אַיי!... איך בין אינגאַנצן פ—פאַרפאַלן!... נו, געדענק אָן גאָט, לאָז אָפּ! וואָס בין איך דיר? כ'קען דאָס ניט!... כ'האָב מיט אַזעלכע זאַכן קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן... ס'איז דאָס ערשטע מאָל... גאָט! כ'וועל דאָך אומקומען! ווי אַזוי האָסטו עס, ברודער, מיך אַריינגענאַרט? אַ? דו נעמסט אויף זיך אַן עבירה!...ברענגסט אויף זיך אַן אומגליק!...נו, געשע—עפטן...

— וואָסערע געשעפטן? — האָט טשעלקאַש שטרענג געפרעגט. — אַ? נו, וואָסערע געשעפטן?

אים האָט געווילט די מורא פון דעם יונג, און ער האָט געהאַט פאַרגעניגן אי פון גאַווריליעס מורא, אי פון דעם, וואָס ער, טשעלקאַש, איז אַזאַ גרויזאַמער מענטש.

— טונקעלע געשעפטן, ברודער... לאָז אָפּ פאַר גאָט!... וואָס וואָס בין איך דיר?... אַ?... ליבער...

— נו, שווייג! ווען דו וואָלסט ניט געווען נייטיק, וואָלט איך דיך דאָך ניט גענומען. פאַרשטאַנען? — נו איז שווייג!

— גאָט! — האָט גאַווריליע, קלאָגנדיק, געזיפצט.

— נו-נו!... וועסט שוין רייבן ביי מיר די אויגן! — האָט אים טשעלקאַש איבערגעריסן.

נאָר גאַווריליע האָט זיך שוין איצט ניט געקענט איינהאַלטן און האָט געוויינט מיט אַ שטילן כליפּען, געשנייצט די נאָז, זיך געדרייט איבער דער באַנק, נאָר ער האָט גערודערט שטאַרק, פאַרצווייפלט. דאָס שיפל האָט זיך געטראָגן געשווינדט, ווי אַ פייל. ווידער זיינען אויפן וועג אויפגעשטאַנען די פינסטערע קאָרפּוסן פון די שיפן און דאָס שיפל האָט זיך ווידער אין זיי פאַרלאָרן, דרייענדיק זיך, ווי אַ דריידל אין די שמאָלע פּאַסן וואַסער צווישן די באָרטן.

— עי הי! הער־נאַר! אַז עמעצער וועט וועגן עפּעס פרעגן — זאָלסטו שווייגן, אויב דאָס לעבן איז דיר ניחא! פאַרשטאַנען?

עכמאַ!... — האָט גאַווריִלע האָפּענונגסלאָז אָפּגעזיפצט אַלס ענטפער אויף דעם האַרבן באַפעל און האָט ביטער צוגעגעבן: — מיין אומגליקלעכער מזל!...

— וואָיע ניט! — האָט טשעלקאַש באַפעלעריש אַ פליסטער געטאָן.

גאַווריִלע האָט פון דעם דאָזיקן פליסטער פאַרלאָרן יעדע פעיִקייט צו באַנעמען עפּעס און איז אָפּגעשטאָרבן, אַרומגעכאַפּט פון דעם קאַלטן פאָרגעפיל פון אומגליק. ער האָט מעכאַניש אַריינגעלאָזן די רודערס אין וואַסער, האָט זיך אויסגעבויגן אויף אַהינטער, האָט זיי אַרויסגענומען, האָט זיי ווידער אַ וואָרף געטאָן און האָט די גאַנצע צייט עקשנותדיק געקוקט אויף זיינע לאַפּטיעס.

דער שלעפעריקער געריש פון די כוואַליעס האָט געהודעט מיט צאָרן און איז געווען שרעקלעך. אָט איז דער האַפן... הינטער זיין גראַניטענער וואַנט האָבן זיך געהערט מענטשלעכע שטימען, דאָס פּאַטשן פון וואַסער, אַ ליד און דינע פייפעריִען.

— שטיי! — האָט טשעלקאַש אַ שעפּטשע געטאָן. — וואַרף אַוועק די רודערס! שפּאַר זיך איין מיט די הענט אין וואַנט! שטילער, טייוול!...

קלאַמערנדיק זיך מיט די הענט אָן אַ גליטשיקן שטיין, האָט גאַווריִלע אַוועקגעפירט דאָס שיפל פּאַזע וואַנט. דאָס שיפל האָט זיך באַוועגט אָן געריש, גליטשנדיק זיך מיטן באָרטן איבער דעם אָנגעוואַקסענעם שליים אויפן שטיין.

— שטיי!... גיב די רודערס! גיב אַהער! און דיין פּאַס וואו איז? אין קלומעק? גיב דעם קלומעק! נו, גיב גיכער! דאָס איז, ליבער פריינד, צוליב דעם, דו זאָלסט ניט אַנטלויפן... איצט וועסטו ניט אַנטלויפן. אָן די רודערס וואָלסטו ווי עס איז געקענט אַנטלויפן, אָבער אָן אַ פּאַס וועסטו מורא האָבן. וואַרט! אָבער היט זיך, וועסטו איין פּיפּס טאָן — וועל איך דיך אויפן דעק פון ים געפינען!...

און פֿלוצלונג, אײַנשװעפּנדיק זיך מאַר עפּעס מיט די הענט, האָט זיך טשעלקאַש אויפֿגעדרייבן אין דער לופֿטן און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן אויפֿן וואַנט.

גאַווריִלע האָט אויפֿגעשוידערט... דאָס איז געשען אַזוי שנעל. ער האָט דערפֿילט, ווי פֿון אים קייקלט זיך אַראָפּ, קלעטערט אַראָפּ יענע פֿאַרפֿלוכטע משא און די מורא, וועלכע ער האָט געשפּירט בעת דער אָנוועזנהייט פֿון דעם דאָזיקן באַוואָנצטן, דאַרן גנבֿ... אַנטלויפֿן איצט!... און ער האָט פֿריי אָפּגעזיפֿצט און זיך אַרומגעקוקט. לינקס פֿון אים האָט זיך אויפֿגעהויבן דער שוואַרצער קאָרפּוס אָן (די מאַסטן, עפּעס אַ ריזיקער קבֿר, אַ וויסטער און אַ פּוסטער... יעדער קלאַפּ פֿון דער כוואַליע אין אים האָט געבוירן אין אים אַ טעמפּן, הילכיקן עכאָ, ענלעך אויף אַ שווערן זיפֿץ. רעכטס איבערן וואַסער האָט זיך געצויגן די פֿײַכטע שטיינערנע וואַנט פֿון דעם האַפֿן, ווי אַ קאַלטע און שווערע שלאַנג. פֿון הינטן האָבן זיך אויך געזען עפּעס אַזעלכע שוואַרצע סקעלעטן פֿון בנינים, און פֿון פֿאָרנט, אין דער עפֿענונג צווישן דער וואַנט און דעם באָרטן פֿון דעם דאָזיקן קבֿר, האָט זיך געזען דער ים, אַ שווייגנדיקער, אַ וויסטער, מיט שוואַרצע כמאַרעס איבער אים. אין די כמאַרעס האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ריזיקע, שווערע, אַרויסקוועלנדיק גרויל פֿון זייער פֿינסטערניש און גרייט צו דערשטיקן מיט זייער שווערקייט. אַלץ איז געווען קאַלט, שוואַרץ, בייז־בשורהדיק. גאַווריִלען איז געוואָרן פּחדימדיק. דער דאָזיקער פּחד איז געווען ערגער, ווי דער פּחד, וואָס טשעלקאַש האָט אויף אים אָנגעיאָגט; ער האָט מיט אַ פֿעסטן אָרעם אַרומגעכאַפּט גאַווריִלעס ברוסט, האָט אים צונויפֿגעדריקט אין אַ ציטערדיקן קנײַלכל און צוגעשמידט צום באַנק פֿון שיפֿל...

און אַרום האָט אַלץ געשוויגן. קיין שום קלאַנג, אויסער די זיפֿצן פֿון דעם ים, האָט זיך ניט געהערט. די כמאַרעס האָבן געפּויזעט איבערן הימל פּונקט אַזוי לאַנגזאַם און אומעטיק, ווי פֿריִער, נאָר אַלץ גרעסערע מענגעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון ים, און קוקנדיק אויף דעם הימל, האָט מען געקענט מיינען, אַז ער איז אויך אַ ים, נאָר אַ ים אַן אויפֿגעברויזטער און אַ איבערגעקערטער אויף

דעם צווייטן, שלעפּעריקן, הייקן און גלאַטן ים. די כמאַרעס זייַנען געווען ענלעך אויף די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אַ לאָז אַראָפּ געטאָן אויף דער ערד מיט די געלאָקטע גרויע קאַמען, און אויף די אָפּגרונטן, פון וועלכע די האָזיקע כוואַליעס זייַנען אַרויסגעריסן געוואָרן דורך דעם ווינט, און אויף די אָקאָרשט געבאָרענע כוואַליעס, וואָס זייַנען נאָך ניט געווען באַדעקט מיט דעם גרינלעכן שוים פון רציחה און צאָרן.

גאַווריליע האָט זיך געשפּירט דערדריקט פון דער האָזיקער פינסטערער שטילקייט און שיינקייט און האָט געשפּירט, אַז ער מיז וואָס גיכער זען דעם באַלעבאָס. און ווי וועט ער דאָרטן פאַרבלייבן?.. די צייט איז געגאַנגען לאַנגזאַם, לאַנגזאַמער, איידער די כמאַרעס האָבן געפּויזעט איבערן הימל... און די שטילקייט איז פון צייט צו צייט געוואָרן מאַוויימדיקער... נאָר אָט האָט זיך הינטער חער וואַנט פון האַפן דערהערט אַ פּלעסקען, אַ שאָרכען און עפּעס ענלעכס אויף אַ שעפּטשען. גאַווריליען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט באַלד שטאַרבן...

— עי! די שלאָפּסט? האַלט!... פאַרזיכטיק!... — האָט זיך דערהערט טשעלקאַשס טעמפּע שטימע

פון וואַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן עפּעס קוב-אַרטיקס און שווערס. גאַווריליע האָט עס אַריינגענומען אין שיפל. ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נאָך אַ זאַק. דערנאָך האָט זיך אין דער קווער פון וואַנט אויסגעצויגן טשעלקאַשס לאַנגע פיגור, אַ רודער האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן, צו גאַווריליעס פיס איז אַראָפּגעפאַלן זיין קלוימעק, און דער שווער עטעמענדיקער טשעלקאַש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם הינטערשטן טייל פון שיפל.

גאַווריליע האָט, קוקנדיק אויף אים, פריידעוודיק און ציטעריק געשמייכלט.

— פאַרמאַטערט? — האָט ער געפרעגט.

— ווי-זשע אַנדערש, — קעלבעלע. אַני, גיב-נאָר גוט אַ רודער! רייב מיטן גאַנצן כוח!... האָסט גוט פאַרדינט, ברודער! מיר האָבן אַ האַלבע אַרבעט אָפּגעטאָן. איצט דאַרפן מיר נאָר דורכשווימען ביי די שדים צווישן די אייגן, און דערנאָך — נעם געל-

טעלע און גיי זיך צו דיין מאַשקען. דו האָסט אַ מאַשקען? ע-
קינדערלע?
— נ...ניטאָ! — גאַווריִלע האָט זיך געפּלייסט מיט די גאַנצע
פּיחות, געאַרבעט מיט דער ברוסט, ווי מיט אַ בלאָזזאַק, און מיט
די הענט, ווי מיט שטאָלענע פּרוזשינעס. דאָס וואַסער האָט גע-
רוישט אונטערן שיפל און דער בלויער פּאַס הינטער דעם עק
פון שיפל איז איצט געווען ברייטער. גאַווריִלע האָט זיך תּיכּף
אינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט אַ שווייס, נאָר האָט ווייטער גערודערט
מיט אַלע פּוחות. איבערגעלעבט צווײמאָל אין דער דאָזיקער נאַכט
אַזאַ פּחד, האָט ער איצט מורא געהאַט איבערצולעבן אַ דריטן
מאָל און האָט באַגערט איין זאַך: וואָס גיכער ענדיקן די דאָזיקע
פאַרפלוכטע אַרבעט, אַראָפּשטייגן אויף דער ערד און אַנטלויפן
פון דעם דאָזיקן מענטשן, כּל-זמן ער האָט אים באמת ניט דער-
הרגעט אָדער ניט פאַרפירט אין טורמע אַריין. ער האָט באַשלאָסן
ניט צו ריידן מיט אים וועגן קיין זאַך, ניט דערווידערן אים,
טאָן אַלץ, וואָס ער הייסט, און, אַז ס'וועט זיך איינגעבן בשלום
פּטור צו ווערן פון אים, וועט ער מאָרגן טאַקע אָפּריכטן
אַ תּפילה צו ניקאָלאַי דעם בעל-מופת... פון זיין ברוסט איז
גרייט געווען אַרויסצורייסן זיך אַ הייסע תּפילה... נאָר ער האָט
זיך איינגעהאַלטן, האָט געסאָפּעט, ווי אַ דאַמפקעסל, און האָט גע-
שוויגן, וואַרפנדיק פון אונטערן שטערן אַפּער בליקן אויף טשעל-
קאַשן.

און יענער, דער דאַרער, דער לאַנגער, וואָס האָט זיך אויס-
געבויגן פאָרויס און איז געווען ענלעך אויף אַ פייגל, וואָס איז
גרייט אַוועקצופליען ערגעץ, יענער האָט געקוקט מיט זיינע שפּאַ-
בערישע אויגן אין דער פינסטער פאַר דעם שיפל, און, באַ-
וועגנדיק מיט דער רייבערישער, הויקערדיקער נאָז, האָט ער מיט
איין האַנט פעסט געהאַלטן דאָס הענטל פון דעם שטייער-רודער,
און מיט דער צווייטער האָט ער געצופּט די וואָנץ, וואָס האָט
איבערגעציטערט פון די שמייכלען, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד געקרימט
זיינע דינע ליפּן. טשעלקאַש איז געווען צופרידן מיט זיין ערפאָלג,
מיט זיך אַליין און מיט דעם יונג, וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק

אָנגעשראָקן און האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין זיין קנעכט. ער האָט געזען, ווי גאַווריִלע האָט זיך געפּליכט, און אים איז געוואָרן אַ רחמנות אויף אים, ס'האָט זיך געוואָלט אויפֿמונטערן אים.

— עי! — האָט ער מיט אַ שמייכל שטיל גענומען ריידן. — וואָס, ח' האָסט זיך עפּעס היבש איבערגעשראָקן, אַ?

— ס'איז ג...אָרניט!... — האָט גאַווריִלע זיך אָפּגעזיפֿצט און האָט אַ קרעכץ געטאָן.

— לייג זיך אָבער איצט ניט אָן שטאַרק אויף די רודערס. איצט איז געענדיקט. אָט נאָך איין אָרט דאַרף מען נאָך דורכגיין... ח' אָקאָרשט אָפּ...

גאַווריִלע האָט זיך געהאָרכזאַם אָפּגעשטעלט, האָט איבערגעווישט מיטן אַרבל פֿון העמד דעם שווייס פֿון געזיכט און האָט ווידער אַריינגעלאָזן די רודערס אין וואַסער אַריין.

— נו, רודער שטילער. כּדי דאָס וואַסער זאָל ניט ריידן. מע דאַרף אויסמיידן איין טויערל. שטילער, שטילער... וואָרעם דאָ זיינען, ברודער, שטרענגע פֿעלקער... גראָד קענען זיי אַ שטיף טאָן מיט אַ ביקס. זיי קענען צוקלאַפּן צום שטערן אַזאַ מין גאָמילקע, אַז דו וועסט אַפֿילו ניט באַווייזן אַ קרעכץ צו טאָן.

דאָס שיפֿל האָט זיך איצט געגנבֿעט איבערן וואַסער כּמעט אינגאַנצן רוישלאָז. פֿון די רודערס האָבן בלויז געטריפֿט בלויע טראָפּנס, און בעת זיי זיינען געפֿאַלן אין ים אַריין, איז אויף דעם אָרט פֿון זייער פֿאַלן תּיכּף אַרויסגעטראָטן אַ בלויע פֿלעקעלע. די נאַכט איז געוואָרן אַלץ פֿינסטערער און שווייגעדיקער. איצט איז שוין דער הימל ניט געווען ענלעך אויף אַ צעכוואַליעטן ים — די וואָלקנס זיינען זיך איבער אים צעשוואוימען און האָבן אים באַדעקט מיט אַ גלייכן, שווערן פֿאָרהאַנג, וואָס האָט זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט איבער דער ערד און איז געווען אומבאַוועגלעך. און דער ים איז געוואָרן נאָך רויִקער, נאָך שוואַרצער און ס'האָט שטאַרקער געשמעקט מיט דעם וואַרעמען, געזאַלצענעם ריח און ער האָט שוין ניט אויסגעוויזן אַזוי ברייט, ווי פֿריער.

— עך, ס'זאָל געווען גיין אַ רעגן! — האָט טשעלקאַש אַ

שעפּטשע געטאָן. — וואָלטן מיר געפאָרן, ווי אונטער אַ פּאָר־הענגל.

פון רעכטס און לינקס פון שיפל האָבן זיך פון דעם שוואַרצן וואַסער אַרויסגעהויבן עפּעס אַזעלכע בנינים — באַרקעס, אומבאַוועג־לעכע, פינצטערע און זיינען אויך געווען שוואַרץ. אויף איין באַרקע האָט זיך באַוועגט אַ פייער, עמעצער איז געגאַנגען מיט אַ לאַמ־טערן. דער ים, וואָס האָט געגלעט זייערע זייטן, האָט געקלונגען בעטנדיק און טויב, און זיי האָבן אים אָפּגעענטפערט מיט אַן עכאָ, וואָס איז געווען הילכיק און קאַלט, גלייך זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט, ניט וועלנדיק אים אין עפּעס נאָכגעבן.

— די קאָרדאָנען!... — האָט טשעלקאַש, קוים וואָס מע האָט געהערט, אַרויסגעשעפּטשעט.

פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער האָט געהייסן גאַווריליען רו־דערן שטילער, האָט גאַווריליען ווידער באַהערשט אַ שאַרפע, אויסוואַרטנדיקע אָנשטרענגונג. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעבויגן פאָראויס, אין דער פינצטער, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וואַקסט, — די ביינער און די אָדערן האָבן זיך ביי אים אויס־געצויגן מיט אַ טעמפּן ווייַ, דער קאָפּ, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק, האָט ווי געטאָן, די הויט אויפן קאָפּ האָט אויפ־געשוידערט, און אין די פיס האָבן זיך אַריינגעשניטן קליינינקע, שאַרפע און קאַלטע נאָדלען. אין די אויגן האָט געשטאָכן פון דעם אָנגעשטרענגטן קוקן אויף דער פינצטערניש, פון וועלכער ער האָט זיך געריכט — אַז ס׳וועט אָט־אָט עפּעס אויפשטיין און וועט אַ בהלה טאָן אויף זיי: „שטייט, גנבים!“....

איצט, בעת טשעלקאַש האָט אַ שעפּטשע געטאָן: „די קאָר־דאָנען!“, האָט גאַווריליען אַ ציטער געטאָן: אַ שאַרפער, ברענענ־דיקער געדאַנק איז דורכגעגאַנגען דורך אים, איז דורכגעגאַנגען און האָט אָנגערירט די שטייף אָנגעצויגענע נערוון, — ער האָט גע־וואָלט אַ געשריי געטאָן, רופן מענטשן צו הילף... ער האָט שוין געווען אויפגעעפנט דאָס מויל און האָט זיך אַ ביסל אויפגעהויבן אויפן בענקל, האָט אויסגעשטאַרצט די ברוסט און האָט אַריינגענומען אין איר אַ סך לופט... נאָר פּלוצלונג, געפּלעפט פון דעם גרויל,

וואָס האָט אים אַ שמייץ געטאָן אַזוי ווי מיט אַ בייטש, האָט ער פֿאַרמאַכט די אויגן און האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון באַנק.

...פֿון פֿאָרנט פֿאַר דעם שיפֿל האָט זיך ווייט אויף דעם האָריזאָנט אויפֿגעהויבן פֿון דעם שוואַרצן וואַסער פֿון ים אַ ריזיקע, פֿייערדיק־בלייע שווערד, האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט צעהאַקט די נאַכט־פֿינסטערניש, האָט זיך געגליטשט מיט איר שאַרף איבער די כמאַרעס אין הימל און האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער ברוסט פֿון ים אין אַ ברייטן בלייען פּאַס. זי האָט זיך אויסגעלייגט, און — אין דעם שטח פֿון איר שיין זיינען פֿון דער פֿינסטערניש אַרויסגעשוואומען ביז איצט אומגעזעענע שיפֿן, שוואַרצע, שווייגנדיקע, באַהאַנגענע מיט רחבותדיקער נאַכט־פֿינסטערניש. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אויפֿן דעק פֿון ים, אַז זיי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַהין דורך דעם מעכטיקן כּוח פֿון דעם שטורעם, און אָט איצט האָבן זיי זיך פֿון דאָרטן אויפֿגעהויבן לויט דעם באַפֿעל פֿון דער פֿייערדיקער שווערד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון דעם ים, — אויפֿגעהויבן זיך, כּדי אַ קוק צו טאָן אויפֿן הימל און אויף אַלץ, וואָס געפֿינט זיך איבערן וואַסער... זייער טאַקעלאַזש האָט אַרומגענומען די מאַסטן און האָט אויסגעזען, ווי קלעפּיקע וואַסערוואוקסן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעק פֿון ים צוזאַמען מיט די דאָזיקע שוואַרצע גיגאַנטן, וואָס זיינען פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין זייער נעץ. און זי, די דאָזיקע שרעקלעכע, בלייע שווערד, האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבן אינדערהייך איבערן ים, האָט זיך אויפֿגעהויבן בליצנדיק, האָט ווידער פֿונאַנדערגעהאַקט די נאַכט און האָט זיך ווידער אויסגעלייגט שוין אין אַן אַנדער ריכטונג. און ווידער זיינען דאָרטן, וואו זי האָט זיך אַוועקגעלייגט, אַרויסגעשוואומען פֿון דער פֿינסטערניש די סקעלעטן פֿון די שיפֿן, וואָס האָבן זיך ביז זיין אָנקומען ניט געזען.

טשעלקאַשס שיפֿל האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך געוויגט אויפֿן וואַסער, גלייך עס וואָלט געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. גאַווריִלע איז געלעגן אויפֿן דעק, פֿאַרשטעלנדיק דאָס געזיכט מיט די הענט, און טשעלקאַש האָט אים געשטויסן מיטן פֿוס און האָט געשוימט מיט רציחה, נאָר שטיל:

— שוטה, האָס איז דער קרייסער פֿון דעם צאָל־אַמט... דאָס איז דער עלעקטרישער לאַמטערן!... שטיי אויף, גולם! מע וועט דאָך אויף אונז באַלד אַ וואָרף טאָן דאָס ליכט!... וועסטו אומברענגען אי זיך, אי מיך, טייוול! נו!...

און לסוף, בעת איין קלאַפּ מיט דעם קנאַפּל האָט זיך שטאַרקער ווי די איבעריקע אַראָפּגעלאָזן אויף גאַווריִלעס רוקן, איז ער אויפֿגעשפּרונגען, נאָך אַלץ מורא האַבנדיק עפֿענען די אויגן, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בענקל און, טאַפּנדיק, אַ כאַפּ געטאָן דעם רודער, האָט ער אַ רוק געטאָן דאָס שיפֿל.

— שטילער! וואָרעם איך וועל דערהרגענען! נו, שטילער!... אָט אַ שוטה, דער טייוול זאָל דיך כאַפּן!... וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? נו? — העסלעכער פּרצוף!... אַ לאַמטערן און אַ שפּיגל — און מער קיין זאַך. שטילער מיט די רודערס!... זוי ערער טייוול!... מע ביינט אָן דעם שפּיגל אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און מע באַלייכט דעם ים, כּדי צו זען — צי זעם פֿאָרן נישט ערגעץ אַזעלכע ווי מיר. דאָס זוכט מען קאָנטראַבאַנד. אונדז וועט מען נישט פֿאַקן — זיי זיינען ווייט אָפּגעפֿאָרן. שרעק זיך נישט, יונגערמאַן, מע וועט נישט פֿאַקן. איצט זיינען מיר... טשעלקאַש האָט זיך טריומפֿירנדיק אַרומגעקוקט, — שוין אַרויסגעשוואומען!... פֿו־ו!... נ—נו, ביסט אַ גליקלעכער, דעמבענער דראָנג איינער!...

גאַווריִלע האָט געשוויגן, האָט גערודערט און, שווער עטעמענדיק, האָט ער קרום געקוקט אַהין, וואו די פֿייערדיקע שווערד האָט זיך נאָך אַלץ אויפֿגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. ער האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט גלויבן טשעלקאַשן, אַז דאָס איז בלויז אַ לאַמטערן. די קאַלטע, בלייע שיין, וואָס האָט פֿונאַנדערגעהאַקט די פֿינסטערניש און האָט געצוואונגען דעם ים צו לייכטן מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ, האָט געהאַט אין זיך עפּעס אומדערקלערלעכס. און גאַווריִלע איז ווידער אַריינגעפֿאַלן אין אַ היפּנאָז פֿון קומערפֿולן פּחד. ער האָט גערודערט אַזוי ווי אַ מאַשינע, און האָט זיך אַלץ מער צונויפֿגעדריקט, גלייך ער וואָלט זיך געריכט אויף אַ קלאַפּ פֿון דערהויך, און קיין זאַך, קיין שום פֿאַרלאַנג האָט ער שוין נישט געהאַט — ער איז געווען פּוסט און טויט.

די אויפרעגונגען פון דער היַיקער נאַכט האָבן פון אים, ענדלעך, אויסגעזויגן אַלץ, וואָס ביי אים איז געווען מענטשלעכס.

און טשעלקאַש האָט ווידער טריומפירט: אַ פולקומער ערפאָלג!.. זיינע נערוון, וואָס זיינען געוויינט געווען צו אויפטרייסלונגען, האָבן זיך שוין געהאַט באַרויקט. זיינע וואָנצעס האָבן תאַוודיק איבערגעציטערט און אין די אויגן האָט זיך פונאַנדערגעברענט אַ גיריק פייערל. ער האָט זיך געשפּירט אויסגעצייכנט, האָט אונטערגעפייפט צווישן די ציינער, האָט טיף איינגעאָטעמט אין זיך די פייכטע לופט פון ים, האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט גוטמוטיק געשמייכלט, בעת זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף גאַווריִלען.

אַ ווינט האָט זיך דורכגעטראָגן און אויפגעוועקט דעם ים, וואָס האָט זיך פלוצלונג צעשפּילט מיט אַ ליטערן וואַסער־גערונצל. די וואָלקנס זיינען אַזוי ווי דינער און דורכזיכטיקער געוואָרן, נאָר דער גאַנצער הימל איז געווען באַליגט מיט זיי. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער ווינט, הגם אַ לייכטער, האָט זיך פריי געטראָגן איבערן ים, זיינען די וואָלקנס געווען אומבאַוועגלעך און גלייך זיי וואָלטן געטראַכט עפּעס אַ גרויע, לאַנגווייליקע מחשבה.

— נו, ברודער, טשוכע זיך פונאַנדער! שוין צייט! אַהאַ, ווי ס'האָט דיך דורכגענומען — גלייך, ווי מ'וואָלט פון דיין הויט גאָר די נשמה אויסגעפּרעסט, בלויז אַ זאַק מיט ביינער איז געבליבן! ליבער פריינד! שוין געענדיקט אַלץ! עי!..

גאַווריִלען איז דאָך אָנגענעם געווען צו הערן אַ מענטשלעכע שטימע, הגם דאָס האָט גערעדט טשעלקאַש.

— כ'הער, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— אָט דאָס איז דאָס! קוואַטש... אַני, זעץ זיך צום שטייער־רודער, און איך וועל אַרבעטן מיט די רודערס, ביסט דאָך, מסתמא, פאַרמאַטערט!

גאַווריִלע האָט מאַשינעל געביטן דאָס אָרט. בעת טשעלקאַש האָט, ביטנדיק זיך מיטן אָרט, אַריינגעקוקט אים אין געזיכט און באַמערקט, אַז ער וואַקלט זיך אויף די ציטערנדיקע פיס, האָט ער

נאָך מער רחמנות געקראָגן אויף דעם יונג. ער האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע:

— ניי, ניי, זײַ ניט געפֿאַלן! דערפֿאַר האָסטו גוט פֿאַרדינט. איך וועל דיר, ברודער, גוט באַלוינען. אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער ווילסטו?

— אין דאָרף... גאָרנישט. נאָר קומען צום ברעג...

טשעלקאַש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט אַ שפּײַ געטאָן און האָט זיך גענומען צום רודערן, פֿאַרוואַרפֿנדיק די רודערס ווײַט אַהינטער מיט זײַנע לאַנגע הענט.

דער ים האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. ער האָט געשפּילט מיט קליינע כוואַליעס, געבוירנדיק זיי, באַפּוצנדיק זיי מיט פֿרענזן פֿון שוים, אָנשטויסנדיק זיי איינע אָן די אַנדערע און צעקלאַפּנדיק זיי אין דינעם שטויב. דער שוים האָט, צעגייענדיק, געקאָכט און געקרעכצט, — און אַלץ אַרום איז געווען איבערפֿולט מיט מוזיקאַלישן רויש און פּליעסקען. די פֿינצטערניש איז אַזוי ווי לעבעדיקער געוואָרן.

— ניי, האָב מיר נאָר... — האָט טשעלקאַש גענומען ריידן, — וועסט קומען אין דאָרף, וועסט חתונה האָבן, וועסט נעמען אַקערן די ערד, זייען תּבֿואה, דאָס ווײַב וועט דיר אָנהאָבן קינדער, ס'וועט ניט קלעקן צו עסן; נו, וועסטו קריכן דאָס גאַנצע לעבן אויסן הויט... נו, און וואָס? ס'האָט דען עפּעס אַ טעם?

— אַוודאי האָט עס ניט קיין טעם! — האָט גאַווריל שעמעוודיק און אויפֿציטערנדיק געשעפּטשעט, — וואָס איז דאָ צו ריידן...

ערגעץ־וואו האָט דער ווינט דורכגעריסן די וואָלקנס און פֿון די ריסן האָבן אַרויסגעקוקט בלויע שטיקלעך הימל מיט איינעם אָדער צוויי שטערנדלעך אין זיי. אָפּגעשפּיגלט זיך אין דעם שפּילנדיקן ים, זײַנען די שטערנדלעך געשפּרונגען איבער די כוואַליעס, דאָס פֿאַרשווינדנדיק, דאָס ווידער אויפֿפֿלאַקנדיק.

— נעם רעכטס! — האָט טשעלקאַש געזאָגט. — מיר'ן שוין, משמעות, באַלד קומען. נ־יאָ!... געענדיקט. אַ פֿײַן שטיקל אַר־

בעט! אָט זעסטו ווי?... איין נאַכט נאָר — און געפּאַקט אַ האַלבן טויזנטער! אַ? ווי איז עס?

— אַ האַלבן טויזנטער? — האָט גאַווריליע אויסגעצויגן מיט אומצוטרוי, נאָר תּיכּף האָט ער זיך דערשראָקן און האָט שנעל געפרעגט, שטויסנדיק מיטן פוס די פּעקלעך אין שיפל: און דאָס, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך?

— דאָס — איז שפּיצן. אַ טייערע זאַך. ווען מען זאָל דאָס אַלץ פאַרקויפן לויטן פּרייז, וועט עס אויסמאַכן אַ טויזנטער. נו, איך בין ניט קיין יקרן... געשיקט געאַרבעט?...

— נ—יאָ—אָ?... — האָט גאַווריליע אויסגעצויגן מיט אַ פראַגע. — ווען מיר וואָלטן זיך עס געמאַכט! — האָט ער אָפּגעזיפצט, דערמאָנענדיק זיך תּיכּף אָן דעם דאָרף, אָן זיין קלאָגעדיקער ווירטשאַפט, אָן דער נויט, אָן זיין מוטער און אָן דאָס אַלץ, וואָס איז געווען ווייט אין היימיש, צוליב וועמען ער איז געגאַנגען אויף אַרבעט, צוליב וועמען ער האָט זיך אויסגעמאַטערט אין דער דאָזיקער נאַכט. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ כוואַליע פון ערינערונגען וועגן זיין הערפּעלע, וואָס איז אַראָפּגעלאָפן פון דעם שיפּועדיקן באַרג צום טייכעלע, וועלכס האָט זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד פון בעריאָזעס, ווערבעס, ריאַבינע־ביימער און טרויבנקאַרשן־ביימער... די דאָזיקע ערינערונגען האָבן אין אים אַריינגעבלאָזן עפּעס וואַרעמס און האָבן אים אַ ביסל אויפגעמונטערט. — עך, ס׳וואָלט געווען וואויל!... — האָט ער טרויעריק אָפּגעזיפצט.

— נ—יאָ!... איך רעכן, אַז דו וואָלסט תּיכּף מיט דער באַן אַהיים... די מיידלעך וואָלטן דיך שוין ליב געקראָגן אין דער היים, אַ־אַך, ווי זיי וואָלטן ליב געקראָגן!... נעם וועלכע דו ווילסט! וואָלסט זיך אַ הויז אויפגעקלאַפּט... נו, אויף אַ הויז, לאָמיר זאָגן, איז דאָס געלט ווינציקלעך.

— דאָס איז אמת... אויף אַ הויז וואָלט עס ניט געקלעקט. ביי אונדז איז טייער געהילץ.

— נו, איז וואָס? וואָלסטו דאָס אַלטע פאַרריכט. וואָס איז מכּח אַ פערד? די האָסטו?

— אַ פערד? האָבן האָב איך, אָבער שוין זייער אַן אַלטער... טיוול.

— ניי, איז, הייסט עס, אַ פערד. אַ גוט פערד! אַ קו... שעפסן... עופות פאַרשיידענע... אַ?

— רייד ניט!... ווען דאָס וואָלט אַזוי געווען! אַך־טי, גאָטעניו! וואָלט איך דאָס אַ לעבן געטאָן!

— נייאָ, ברודער, ס'וואָלט געווען אַ לעבן אַן אַנטיקעלע... איך פאַרשטיי זיך אויף אַזעלכע זאַכן. געווען אַמאָל אַן אייגענער נעסט... דער פאָטער איז געווען דער ערשטער גביר אין דאָרף...

טשעלקאַש האָט לאַנגזאַם גערעדט. דאָס שיפל האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך שטיפעריש געפּלעסקעט אָן זיינע באָרטנס; דאָס שיפעלע האָט זיך קוים באַוועגט אויף דעם פינצטערן ים, און דער ים האָט געשפילט אַליין שטיפערישער און שטיפערישער. וויגנדיק זיך אויפן וואַסער און קוקנדיק פאַרטראַכט אַרום זיך האָבן צוויי מענטשן געטרוימט. טשעלקאַש האָט אָנגעהויבן אַרויפברענגען גאַווריליען אויפן געדאַנק וועגן דאָרף, וועלנדיק אים אַ ביסל אויפמונטערן און באַרויקן. תחילת האָט ער גערעדט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל אין וואָנץ, נאָך דערנאָך, געבנדיק רעפּליקעס דעם מיטשמועסער און דערמאָנענדיק אים אָן די פריידן פון דעם פּויערישן לעבן, אין וועלכן ער האָט זיך אַליין פון אַ לאַנגער צייט אַנטוישט, און וועגן וועלכן ער האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט—איז ער ביסלעכווייז מיטגעריסן געוואָרן, און אַנשטאָט פונאַנפרעגן דעם יונג וועגן דעם דאָרף און זיינע עסקים, האָט ער אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין גענומען אים דערציילן:

— דער עיקר, אין דעם פּויערישן לעבן — איז, ברודער, די פרייהייט! ביסט אַליין אויף זיך אַ באַלעבאָס. דו האָסט דיין הויז— מעג עס אַפילו ווערט זיין אַ גראָשן — ס'איז אָבער דיינס. דו האָסט זיך דיינע ערד — אינגאַנצן אַ שפּאַן — אָבער דיינע! ביסט אַ קיניג אויף דיין ערד... דו האָסט אַן אָנזען... דו קענסט פון יעדן פאָדערן אַכטונג צו זיך... ניט אַזוי? — האָט טשעלקאַש באַגייסטערט געענדיקט.

גאַווריִלע האָט אויף אים געקוקט מיט נייגעריקייט און האָט זיך אויך באַגייסטערט. ער האָט אין דעם משך פון דעם דאָזיקן געשפּרעך שוין באַוויזן צו פאַרגעסן, מיט וועמען ער האָט צו טאָן און האָט געזען פאַר זיך פּונקט אַזאַ פויער, ווי ער אַליין איז געווען, אַ פויער, וואָס איז אויף אייביק צוגעשמידט געווען צו דער ערד דורך דעם שווייס פון פיל דורות, אַ פויער, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט איר דורך די ערינערונגען פון דער קינדהייט; וואָס איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון איר און פון די דאגות וועגן איר און איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער צעשיידונג מיט אַ געהעריקער שטראָף.

— דאָס איז, ברודער לייבלעכער, ריכטיק! אַך, ווי ריכטיק! אָט גיב נאָר אַ קוק אויף זיך, וואָס ביסטו איצט אָן ערד? אַהאַ!... די ערד, ווייסטו, ברודער, לאָנג ניט פאַרגעסן, אַזוי ווי אַ מאַמען.

— משעלקאַש האָט זיך באַדענקט... ער האָט דערפילט די דאָזיקע אומרייצנדיקע ברענונג אין דער ברוסט, וואָס פלעגט שטענדיק קומען, ווי נאָר זיין אייגנליבע — די אייגנליבע פון אַ הפקר-יונג — פלעגט אָנגערירט ווערן פון וועמען עס איז, און דערהויפּט פון אַזאַ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ווערט אין זיינע אויגן.

— זיך צעפּלידערט!... — האָט ער מיט אַן אַכזריותדיקער בייזקייט געזאָגט; — האָסט, אפשר, געמיינט, אַז איך האָב דאָס אַלץ אויף צון אמתן... האַלט ברייטער די קעשענע!

מאָדנער מענטש, וואָס די ביסט!... — איז גאַווריִלע ווידער געוואָרן מבולבל. — איך זאָג עס דען וועגן דיר? אַזעלכע ווי די — זיינען פאַראַן אַ סך! עך, וויפל אומגליקלעכע מענטשן עס זיינען דאָ אויף דער וועלט!... מענטשן, וואָס בלאָנקען אַרום..

— זעץ זיך, אָקס איינער, צו די רודערס! — האָט משעלקאַש קורץ באַפוילן, איינהאַלטנדיק אין זיך צוליב עפּעס דעם גאַנצן שטראָם פון הייסע זידלערייען, וואָס האָט ביי אים אַ פלייץ געטאָן צום האַלז.

זיי האָבן זיך ווידער געביטן מיט די ערטער, דערביי האָט משעלקאַש, אַריבערקריכנדיק דורך די פּעק צו דעם עק שיפל, אָנ-

געטאַפּט אין זיך אַ שאַרפן פאַרלאַנג צו דערלאַנגען גאַוורילען אַ זעץ, אַז ער זאָל אַריינפליען אין וואַסער אַריין.

דער קורצער געשפּרעך האָט אויפגעהערט, נאָר איצט האָט אפילו פון גאַוורילעס שווייגן אַ ווייע געטאָן אויף טשעלקאַשן מיט דאָרף... ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער פאַרגאַנגענהייט און האָט פאַרגעסן אָנצופירן מיט דעם שיפל, וואָס האָט זיך אומגעדרייט פון די כוואַליעס, און איז געשוואומען ערגעץ-ווייט אין ים. די כוואַליעס האָבן גלייך ווי פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע שיפל האָט פאַרלאָרן דעם ציל, און וואַרפנדיק עס אַלץ העכער, האָבן זיי זיך לייכט מיט אים געשפּילט און האָבן זיך אָנגעצונדן אונטער די הויכע מיט זייער ליבלעכן בלויען פייער. און פאַר טשעלקאַשן האָבן זיך שנעל געטראָגן די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער געגנוואַרט מיט אַ גאַנצער קייט פון עלף יאָר וואַגאַבונדיש לעבן. ער האָט באַוויזן צו זען זיך אַלס קינד, צו זען דאָס דאָרף, זיין מוטער, די רויט-באַקיקע, פולע פרוי, מיט די גוטע גרויע אויגן, צו זען דעם פאָטער — דעם געלבערדיקן גיגאַנט מיט דעם שטרענגען געזיכט; ער האָט געזען זיך אַלס חתן און האָט געזען די פרוי, די שוואַרצאויגיקע אַנפיסע, מיט דעם לאַנגן צאָפּ, אַ דיקע, אַ ווייכע, אַ פריילעכע... ער האָט ווידער זיך געזען אַלס שיינער יונג, אַלס גוואַרדעיִשן זעלנער; ווידער געזען דעם פאָטער, שוין אַ גרויען און אַן איינגעבויגענעם פון אַרבעט, און די מוטער, אַ צעקנייטשטע, אַן אַראָפּגעזעצטע צו דער ערד; ער האָט אויך געזען דאָס בילד פון דעם קבלת-פנים, וואָס דאָס דאָרף האָט אים געמאַכט, בעת ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער-דינסט; ער האָט אויך געזען, ווי דער פאָטער האָט זיך געגרייסט פאַרן גאַנצן דאָרף מיט זיין גריגאָרין, דעם באַוואָנצטן, געזונטן סאָלדאַט, דעם געשיקטן שיינעם יונג... דער זכרון, די דאָזיקע בייטש פון אומגליקלעכע, באַלעבט אַפילו די שטיינער פון דער פאַרגאַנגענהייט און גיסט אַפילו אַריין אין דעם סם, וואָס איז אַמאָל אויסגעטרונקען געוואָרן, טראָפּנס האָניק...

טשעלקאַש האָט זיך געשפּירט באַהויכט מיט אַ פרידלעכן,

ליבלעכן שטראָם פֿון היימישער לופֿט, וואָס האָט געבראַכט צו טראָגן מיט זיך אי די צערטלעכע ווערטער פֿון דער מוטער, אי די סאָלידע רייד פֿון דעם מיושבֿדיקן פֿאָטער — דעם פֿייער, וואָס האָט געבראַכט צו טראָגן מיט זיך אַ סך פֿאַרגעסענע קלאַנגען און אַ סך זאַפֿטיקע ריחות פֿון דער מאַמע-ערד, וואָס איז ערשט אָפּגעגאַנגען, ערשט איבערגעאַקערט געוואָרן און ערשט באַדעקט געוואָרן מיט אַ שמאַראַגדענעם זייד פֿון די שפּראָצונגען פֿון דער ווינטער-תּבֿואה... און ער האָט זיך געשפּירט איינזאַם, אַרויסגעריסן און אַרויסגעוואָרפֿן אויף אייביק פֿון יענעם לעבנס-שטייגער, אין וועלכן עס האָט זיך איבערגעאַרבעט יענץ בלוט, וואָס פֿליסט אין זיינע אָדערן.

— עי! אָבער וואוהין-זשע פֿאָרן מיר? — האָט גאַווריִלע פּלוצלונג געפֿרעגט. טשעלקאַש האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַן אומרויִקן בליק פֿון אַ רויבער.

— זעסט, ווי דער טייוול האָט פֿאַרטראָגן!... ס'מאַכט ניט אויס... גיב-נאָר שטאַרקער אַ רודער... באַלד וועלן מיר קומען צו פֿאָרן.

— האָסט זיך פֿאַרטראַכט? — האָט גאַווריִלע שמייכלענדיק געפֿרעגט.

— כ'בין מיד... און עס וואַרפֿט...

— עס וואַרפֿט אַ ביסל, דאָס איז ריכטיק... וועלן מיר איצט, הייסט עס, זיך שוין ניט טרעפֿן מיט דעם-אָ? — האָט גאַווריִלע געזאָגט און אַריינגעשטופּט די פּוס אין די פּעק.

— ניין... זיי רויִק. אָט באַלד וועל איך עס אָפּגעבן און באַקומען דאָס געלטעלע... נ—יאָ!...

— פֿינף הונדערטער?

— וואַרשיינלעך, ניט ווייניקער...

— דאָס איז, קען מען זאָגן... אַ סומע! ווען מיר, דעם בידנעם!... עך, איך וואָלט זיי שוין אויסגעזונגען אַ לידעלע!...

— אויף דער ווירטשאַפֿט?

— מער קיין זאַך ניט! כ'וואָלט תּיכף...

און גאַווריִלע האָט זיך אַוועקגעטראָגן אויף די פֿליגלען פֿון

כּרדים. און טשעלקאַש האָט געשוויגן. די וואָנצן זיינען ביי אים געווען אַראָפּגעהאַנגען, די רעכטע זייט, פאַרשפּריצט פון די כוואַליעס, איז געווען נאַס, די אויגן זיינען איינגעפאַלן און האָבן פאַרלאָרן דעם גלאַנץ. גאָר דאָס היבערישע אין זיין געזיכט איז צעוויכט געוואָרן, האָט זיך פאַרטוישט דורך דער הכנעהדיקער פאַרטראַכטקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַפילו פון די פאַלדן פון זיין שמוציקער העמד.

— און איך בין אויך היבש מיד... זיך פאַרמאַטערט!... — האָט גאַווריליע געזאָגט.

— אָט באַלד וועלן מיר קומען צו פאָרן... און דאָרטן...

טשעלקאַש האָט האַסטיק אַ קערעווע געטאָן דאָס שיפל און האָט עס געלענקט צו עפּעס אַ שוואַרצער זאַך, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט פון וואַסער.

דער הימל האָט זיך ווידער אינגאַנצן באַדעקט מיט וואָלקנס און ס'האָט אַ נאָס געטאָן אַ רעגן, אַ קליינער, וואַרעמער רעגן, וואָס האָט פאַלנדיק אויף די רוקנס פון די כוואַליעס, פריילעך געקלונגען.

— שטיי! שטילער! — האָט טשעלקאַש אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

דאָס שיפל האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיט דער נאָז אין דעם קאָרפּוס פון דער באַרקע.

— זיי שלאָפן, די שדים, צי וואָס?... — האָט טשעלקאַש געוואָרטשעט, אָנכאַפּנדיק זיך מיט דעם האַקנשטאַנג אָן עפּעס שטריקלעך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון באָרטן. — גיב די שיף־קלאַדקע!... ס'פעלט נאָך אַ רעגן!... ניט געקענט פריער! עי, איר, שוואָמען!... עי!...

— דאָס איז סעלקאַש? — האָט זיך פון דערהויך דערהערט אַ צערטלעך מרוקען...

— נו, לאָז אַראָפּ די שיף־קלאַדקע!

— קאַלימערא, סעלקאַש!

— לאָז אַראָפּ די שיף־קלאַדקע, געריכערטער טייוול איינער! — האָט זיך טשעלקאַש צערעוועט.

— אַ, היינט איז ער געקומען אַ בייזער... עלאָו!

— קריך, גאַווריליע! — האָט זיך טשעלקאַש געווענדט צום דבר.

אין איין מינוט זיינען די ביידע געווען אויפן איבער-דעק, וואו דריי טונקעלע בערדיקע פיגורן, וואָס האָבן לעבעדיק געפלאַפלט איינע מיט די אַנדערע אויף אַן אויסטערלישן שעפּטשענדיקן לשון, האָבן געקוקט איבערן באָרטן אין טשעלקאַשס שיפל אַריין. דער פערטער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ לאַנגער כלאַמידע, איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים שווייגנדיק געדריקט די האַנט, דערנאָך האָט ער גאַווריליען באַקוקט מיט חשד.

— גרייט צו אויף אינדערפרי דאָס געלט, — האָט טשעלקאַש אים קורץ געזאָגט, און איצט גיי איך שלאָפן. גאַווריליע, לאָמיר גיין! עסן ווילסטו?

— שלאָפן... — האָט גאַווריליע געענטפערט, און אין פינף מינוט אַרום, האָט ער געכראָפּעט אויף דעם שמוציקן גרונט פון דער באַרקע, און טשעלקאַש האָט, זיצנדיק לעבן אים, אָנגעמאָסטן עמעצנס אַ שטיוול, האָט אויסגעשפּייט פאַרטראַכטערהייט אין אַ זייט, און האָט ביז און טרויעריק געפייפט דורך די ציינער. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן לעבן גאַווריליען און, פאַרלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, האָט ער אויפמערקזאַם גענומען קוקן אויף דעם איבערדעק, באַוועגנדיק מיט די וואָנצעס.

די באַרקע האָט זיך שטיל אונטערגעוויגט אויף דעם שפּילנדיקן וואַסער. ערגעץ-וואו האָט מיט אַ וויינענדיקן טאָן אַ סקריפּע געטאָן אַ פּיס, דער רעגן האָט זיך ווייך געשאָטן איבערן איבער-דעק און די כוואַליעס האָבן זיך געפּליעסקעט אָן די באָרטנס... דאָס אַלץ איז געווען טרויעריק און האָט געקלונגען ווי אַ וויגליד פון אַ מוטער, וואָס האָט ניט קיין האָפענונג אויף דעם גליק פון איר זון...

טשעלקאַש האָט אויסגעשטשירעט די ציינער, האָט אויפגעהויבן אַ ביסל דעם קאָפּ, האָט זיך אַרומגעקוקט... און, אַ שעפּטשע געטאָן עפּעס, האָט ער זיך ווידער געלייגט... בעת ער האָט

פונאנדערגעשפרייט די פיס, איז ער געווען ענלעך צו א גרויסער שער.

ער האט זיך דער ערשטער איבערגעכאפט, האט זיך מיט שרעק ארומגעקוקט ארום זיך, האט זיך תיכף בארויִקט און האט א קוק געטאן אויף גאווריליען, וואס האט נאך געשלאפן. יענער האט זיך געכראפעט און האט אין חלום צו עפעס געשמייכלט מיט זיין גאנצן קינדישן, געזונטן, אפגעברענטן געזיכט. טשעלקאש האט אפגעזיפצט און איז ארויפגעקראכן אין דערהויך איבער א שמאלן שטריק-לייטער. אין דעם שפאלט פון דעם שיף-גרונט האט אריינגעקוקט א בלייערן שטיקל הימל. ס׳איז געווען ליכטיק, נאר אומעטיק און גרוי, אזוי ווי האַרבסט.

טשעלקאש האט זיך אומגעקערט אין א שעה צוויי ארום. דאס געזיכט איז ביי אים געווען רויט, די וואנצעס וואיליוונעריש פארדרייט, אויף די ליפן האט געשיינט א גוטמוטיק-פריילעכער שמייכל. ער איז געווען אנגעטאן אין לאנגע, שטארקע שטיוול, אין א קורטקע, אין לעדערנע הויזן און איז געווען ענלעך אויף א יעגער. זיין גאנצער אנצוג איז געווען אפגעריבן, נאר שטארק, און האט אים זייער געקליידט, האט געמאכט זיין פיגור ברייטער, האט פארשטעלט זיין קנאכיקייט און האט אים צוגעגעבן א קריגערישן אויסזען.

— עי, קעלבל, שטיי אויף!... — האט ער גאווריליען א זעץ געטאן מיטן פוס.

יענער איז איבערגעשפרונגען, און ניט דערקענענדיק אים פון שלאף, האט ער אויף אים דערשראקן אויסגעשטעלט די טריבע אויגן.

— וואס זאגסטו אויף אים!... — האט גאווריליע ענדלעך ברייט א שמייכל געטאן. א גאנצער פריץ געווארן!

— ביי אונדז ווערט עס גיך. נו, ביסטו עס א פחדן! אי-אי! וויפל מאל האסטו זיך נעכטן געקליבן צו שטארבן? א? זאג-נאר!

— נו, דו פארשטייסט, זאג אליין, דאס ערשטע מאל בין איך אויף אזא זאך! מע האט זיך דאך געקענט אומגליקלעך מאכן אויפן גאנצן לעבן!

— ניי, און נאָך אַמאָל וואָלסטו געפאָרן? אַ?

— נאָך אַמאָל?... אָבער... דאָס איז דאָך... ווי זאָל איך דיר... זאָגן? צוליב וואָסערע נוצן?... אַט־וואָס!

— ניי, און אַז צוויי מאות?

— צוויי הונדערט רובל, הייסט עס? דאָס איז אַ זאַך... דאָס קען מען...

— שטיי! און דאָס וואָס דו וועסט זיך אומגליקלעך מאַכן?

— ס'קען דאָך זיין... אַז איך וועל זיך ניט אומגליקלעך מאַכן! — דאָס גאַווריליע אַ שמייכל געטאָן. — דיר קען אָפּגילטן און דו וועסט אויפן גאַנצן לעבן ווערן אַ לייט.

— טשעלקאַש האָט פריילעך געהירושעט.

— ניי, רעכט! זאָל זיין גענוג צו טרייבן קאַטאָוועס. לאָמיר פאָרן צום ברעג... מאַך זיך גרייט...

— וואָס איז שיין? איך בין גרייט...

און אָט זיינען זיי ווידער אין שיפל. טשעלקאַש איז ביים שטייער־רודער, גאַווריליע איז ביי די רודערס. איבער זיי איז דער הימל, אַ גרויער, גלייך פאַרצויגן מיט וואָלקנס, און מיט דעם שיפל שפילט דער טריב־גרינער ים און וואַרפט עס רוישיק אונטער אויף די כוואַליעס, וואָס זיינען דערווייַלע נאָך קליין און שלייַדערן פריילעך אין די באָרטנס ליכטיקע, געזאַלצענע שפריצן. ווייט, ליט דער נאָז פון שיפל, זעט זיך אַרויס דער געלער פאַס פון דעם זאַמדיקן ברעג, און הינטער דעם עק פון שיפל פאַרגייט אין דער ווייַטעניש דער פרייער, שפּילעוודיקער ים, וואָס איז אינגאַנצן צעגראָבן פון די לייפנדיקע טשאַטעם כוואַליעס, וועלכע זיינען דאָ און דאָרטן באַפוצט מיט פרעכטיקע ווייסע שוים־ברעגן. דאָרטן גופא, אין דער ווייטקייט, זעען זיך אַ סך שיפן, וואָס וויגן זיך אויף דער ברוסט פון ים: ווייט אויף לינקס — שטייט אַ גאַנצער וואַלד פון מאַסטן און ווייסע הויפנס הייזער פון דער שטאָט. פון דאָרטן גיסט זיך איבערן ים אַ טעמפער הילך, וואָס ברויזט און געבוירט צוזאַמען מיט דעם פלעסקען פון די כוואַליעס אַ פיינע, שטאַרקע מוזיק... און אויף אַלץ איז אַריפגעוואָרפן אַ דין הייטל פון אַשיק־גרויען נעפל, וואָס דערווייטערט די געגנשטאנדן איינע פון די אַנדערע...

— עך, וועט ער זיך צו אָונט־צו פֿיין צעשפּילן! — האָט טשעלקאַש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ איפן ים.

— אַ שטורעם — האָט געפֿרעגט גאַווריִלע, שניידנדיק מעכטיק די כוואַליעס מיט די רודערס. פֿון די דאָוויקע שפּריצן, וואָס דער ווינט האָט צעוואָרפֿן איבערן ים, איז ער שוין געווען נאַס פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— עהע!... — האָט טשעלקאַש באַשטעטיקט.

גאַווריִלע האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פֿאָרשנדיקן בליק...

— נו, וויפֿל האָט מען דיר געגעבן? — האָט ער ענדלעך געפֿרעגט, זעענדיק, אַז טשעלקאַש קלייבט זיך ניט אָנצוהייבן דעם שמועס.

— אָט! — האָט טשעלקאַש, אויסשטרעקנדיק גאַווריִלען עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע, געזאָגט.

גאַווריִלע האָט דערזען די רעגנבויגנקאָלירנע אַסיגנאַציעס, און אַלץ האָט אין זיינע אויגן אָנגענומען בונטע רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

— עך, הי!... און איך האָב דאָך געטראַכט: דו האָסט מיר געליגט!... האָס איז... וויפֿל?

— פֿינפֿהונדערט פֿערציק! געשייט!

— געשיי—יט!... — האָט גאַווריִלע אַ פֿליסטער געטאָן, באַגלייטנדיק מיט די זשעדנע אויגן די פֿינפֿהונדערט פֿערציק קערבלעך, וועלכע זיינען ווידער באַהאַלטן געוואָרן אין קעשענע. — ע־עך־מאַ!... אַז איך וואָלט געהאַט אַזויפֿיל געלט!... און ער האָט מטמאָוו אַ זיפֿץ געטאָן.

— אָט, ברודער, וועלן מיר עס ביידע אַ הוליע טאָן! — האָט טשעלקאַש אויסגעשריען פֿון אַנטציקונג. עך, ס׳וועט קלעקן... שרעק זיך ניט. איך וועל דיר, ברודער, געבן אַ חלק... פֿערציק וועל איך אַראָפּנעמען! אַ? צופֿרידן? ווילסט, וועל איך תיכּף געבן?

— אויב... ס׳איז דיר ניט קיין שאָדן... איז וואָס איז שייך? וועל איך נעמען!

— גאַווריִלע האָט אינגאַנצן זיך געטרייסלט פֿון ערוואַרטונג, און נאָך פֿון עפּעס, וואָס איז געווען שאַרף און האָט אים גענאָגט אין דער ברוסט.

— כאַ־כאַ־כאַ!... אַך דו, געבראָטענער יאָלד איינער! „איך וועל נעמען!" נעם, ברודער, טו אַ טובה! איך בעט דיך זייער, נעם! איך ווייס ניט, וואו זאָל איך אַהינטאָן אַזאַ באַרג מיט געלט! באַפֿריי מיך, זע נעם צו, נאַ!....

טשעלקאַש האָט דערלאַנגט גאַווריִלען עטלעכע צענערבלדיקע אַסיגנאַציעס. יענער האָט זיי גענומען מיט אַ ציטעריקער האַנט, האָט אַ וואָרף געטאָן די רודערס און האָט זיי גענומען באַהאַלטן אין בוזעם ערגעץ, האָט זשעדנע פֿאַרזשמורעט די אויגן און האָט רוישיק אַריינגעצויגן אין זיך לופֿט, גלייך ער וואָלט געטרונקען עפּעס אַ ברענענדיקע זאַך. טשעלקאַש האָט אים באַטראַכט מיט אַ איראָנישן שמייכל. און גאַווריִלע האָט ווידער געכאַפּט די רודערס און האָט גערודערט נערוועז, אייליק, גלייך ער וואָלט זיך געשראָקן פֿאַר עפּעס, און האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. די פּלייצעס און די אויערן האָבן ביי אים אײַנגעצוקט.

— ביסט אַ גייציקער!... ניט גוט... איבעריקנס, וואָס מאַכט עס אים?.. אַ פּויער... — האָט טשעלקאַש פֿאַרטראַכטערהייט געזאָגט.

— מיט געלט קען מען דאָך ווייס־איך־וואָס אויפֿטאָן!... — האָט גאַווריִלע אויסגעשריִען, און האָט זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן מיט ליידנשאַפֿטלעכער איבערעגונג. און ער האָט אייליק אָפּגעהאַקט, גלייך ער וואָלט זיך געיאָגט נאָך זיינע געדאַנקען, און אויף דער גיך כאַפּנדיק די ווערטער, האָט ער גענומען ריידן וועגן דעם לעבן אין דאָרף מיט געלט און אָן געלט. כבוד, וואוילטאָג, פֿריילעכקייט!...

טשעלקאַש האָט אים געהערט אויפֿמערקזאַם, מיט אַן ערנסט געזיכט און מיט אויגן, וואָס זיינען געווען פֿאַרזשמורעט מיט עפּעס אַ מחשבה. ציַיטנווייז האָט ער געשמייכלט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל.

— מיר זיינען געקומען צו פאָרן! — האָט טשעלקאַש, ענדלעך, איבערגעריסן גאַווריִלעס רייד.

אַ כוואַליע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס שיפל און האָט עס פלינק אַריינגעשטעקט אין זאַמד.

— נו, ברודער, איצט איז די זאַך געענדיקט. דאָס שיפל דאַרף מען אַרויסשלעפּן ווייטער אַ ביסל, כדי עס זאָל ניט אַראָפּגעשווענקט ווערן. מע וועט קומען נאָך אים. און מיר ביידע — זעגענען זיך!... פון דאַנען ביזן שטאָט איז אַ וויאָרסט אַכט. וואָס, דו וועסט צוריקגיין אין שטאָט? אַ?

אויף טשעלקאַשס געזיכט האָט אַלץ געשיינט אַ גוטמוטיק־כיטרער שמייכל און אינגאַנצן האָט ער געהאַט אַ פּנים פון אַ מענטשן, וואָס האָט עפּעס פאַרטראַכט זייער אַ אָנגענעמע זאַך פאַר זיך און אַן אומגעריכטע פאַר גאַווריִלען. אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, האָט ער דאָרטן געשאָרכט מיט די אַסיגנאַציעס.

— ניין... איך וועל... ניט גיין... איך... — גאַווריִלע האָט זיך פאַרכליניעט און האָט זיך מיט עפּעס געשטיקט. אין אים האָט געקאָכט אַ גאַנצער ים מיט פאַרלאַנגען, ווערטער, געפילן, וואָס האָבן איינע די אַנדערע איינגעשלונגען און האָבן אים געברענט, אַזוי ווי פייער.

טשעלקאַש האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרלעגנהייט.

— וואָס קרצמפּט עס דיך? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס איז דאָך... — נאָר גאַווריִלעס געזיכט איז געוואָרן דאָ רויט, דאָ גרוי, און ער האָט זיך געקאָרטשעט אויף איין אָרט, דאָס וועלנדיק זיך וואַרפן אויף טשעלקאַשן, דאָס ווערנדיק צעפּלאַצט פון אַן אַנדער פאַרלאַנג, וואָס איז אים געווען שווער צו דערפילן.

טשעלקאַשן איז געוואָרן אומהיימלעך, קוקנדיק, ווי דער יונג רעגט זיך אַזוי אויף. ער האָט געוואַרט צו זען, אין וואָס די האָזיקע איפּרעגונג וועט אויסברעכן.

גאַווריִלע האָט עפּעס מאָדנע גענומען לאַכן מיט אַ געלעבטער, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ געיאָמער. זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזט, דעם אויסדרוק פון געזיכט האָט טשעלקאַש

ניט געווען, ס'האָבן זיך בלויז אומקלאָר געזען גאַווריִלעס אויערן, וואָס האָבן זיך דאָ געריטלט, דאָ בלייך געוואָרן.

— גיי צום טײַוול! — האָט טשעלקאַש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. האָסט זיך אין מיר אײַנגעליבט, צי וואָס? ער ברעקלט זיך ווי אַ מיידל!... אָדער אפשר איז דיר אומעטיק מיט מיר צו צעשיידן זיך? עי, שנעק! זאָג נאָר, וואָס איז מיט דיר? אַניט, גיי איך אַוועק!...

— גייסט אַוועק?! — האָט גאַווריִלע הילכיק אויסגעשריִען.

דער זאַמדיקער און וויסטער ברעג האָט אַ ציטער געטאָן פון זײַן געשריי און די כוואַליעס זאַמד, וואָס זײַנען אָנגעהויפט געוואָרן דורך די ים־כוואַליעס, האָבן זיך אַזוי ווי אַ וויג געטאָן.

ס'האָט אויך אַ ציטער געטאָן טשעלקאַש. פּלוצלונג האָט זיך גאַווריִלע אַ ריס געטאָן פון זײַן אָרט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו טשעלקאַשס פיס, האָט זיי אַרומגענומען מיט זײַנע הענט און האָט זיי אַ ציִ געטאָן צו זיך. טשעלקאַש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, האָט זיך שווער אַ זעץ אַראָפּ געטאָן אויפן זאַמד, און, אַ קריץ געבנדיק מיט די ציינער, האָט ער שאַרף אַ פאָך געטאָן אין דער לופטן מיט זײַן האַנט, וואָס איז געווען צונויפגעביילט אין אַ פויסט. נאָר ער האָט ניט באַוויזן אַ קלאַפּ צו טאָן, ווייל גאַווריִלעס שעמעוודיקער און פאַרגעבנדיקער געפּליסטער האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— ליבינקער!... גיב מיר אַוועק... דאָס דאָזיקע געלט! גיב, איך בעט דיך!... אויף וואָס דאַרפסטו זיי?... דו האָסט דאָך עס אין איין נאַכט נאָר... אין איינער בלויז.... און איך דאַרף האָבן אויף דעם — יאָרן... גיב... כ'וועל פאַר דיר גאָט בעטן! אייביק... אין דריי קלויסטערס... דײַן נשמה זאָל אויסגעלייזט ווערן!... דו וועסט דאָך זיי איבערן ווינט... און איך וואָלט אין דעם באָדן... עך, גיב מיר זיי אָפּ! וואָס האָסטו דען אין זיי?... אָדער זײַנען זיי דיר טײַער? איין נאַכט... און ביסט אַ גביר! טו אַ גוטע זאַך! דו ביסט דאָך אַ פאַרפאַלענער.... נישטאָ פאַר דיר קיין אויסוועג... און איך וואָלט... אָך, גיב מיר זיי אַוועק!

טשעלקאַש איז אַ דערשראָקענער, אַ דערשטוינטער און אַ צעבייזטער געזעסן אויף דעם זאַמד, האָט זיך אויסגעבויגן אויף אַהינטער און האָט זיך איינגעשפּאַרט אין אים מיט די הענט, איז געזעסן און געשוויגן און שרעקלעך אויסגעגלאָצט די אויגן אויף דעם יונג, וואָס האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן זיינע קני און האָט, פאַרכליניענדיק זיך, געשעפּטשעט זיינע געבעטן. ער האָט אים ענדלעך אָפּגעשטויסן, איז אויפגעשפּרונגען און, אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע, האָט ער אַ וואָרף געטאָן גאַווריִלען די הונדערטרובלדיקע אַסיגנאַציעס.

— נאַ! פרעס... — האָט ער אויסגעשריען, ציטערנדיק פון אויפרעגונג, פון שאַרפן רחמנות און פון האַס צו דעם האָביקן גייציקן קנעכט. און, אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט, האָט ער זיך דערשפּירט פאַר אַ העלד.

— כ'האָב דיר אַליין געוואָלט געבן מערער. ס'האָט מיך נעכטן צענומען... כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דעם דאָרף... כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: לאָמיך אים העלפן, דעם יונג. כ'האָב געוואַרט, וואָס דו וועסטן טאָן, צי דו וועסט בעטן, צי ניט? און דו... עך, דו כאַליאַווע! בעטלער... צי דען מאָג מען זיך אַזוי... פייניקן פאַר געלט? שוטה! גייציקע שדים!... זיי פאַרגעסן וואו זיי האַלטן... פאַר אַ צענער פאַרקויפט איר זיך!... אַ?

— ליבינקער!... — קריסטוס זאָל דיך באַשיצן! וואָס פאַרמאָג איך דען איצטער?... טויזנטער!... איך בין איצט... אַ גביר... — האָט גאַווריִלע געקוויטשעט פון התפעלות און האָט אויפגעשוידערט אינגאַנצן און באַהאַלטן דאָס געלט אין בוזעם. — עך, ליבער!... כ'וועל אייביק ניט פאַרגעסן!... קיינמאָל ניט!... אי דעם ווייב, אי די קינדער וועל איך פאַרזאָגן... בעט גאָט

טשעלקאַש האָט געהערט זיינע פרייד-פולע געוויינען, האָט געקוקט אויף דעם שיינענדיקן געזיכט, וואָס איז געווען אויסגעקרימט פון התפעלותדיקער גיריקייט, און האָט געשפּירט, אַז ער — דער גנב, דער הפקר-יונג, וואָס איז אָפּגעריסן פון אַלדאָס היימישס — אַז ער וועט קיינמאָל ניט זיין אַזאַ גייציקער, אַזאַ נידעריקער, וואָס פאַרגעסט אָן זיך אַליין. ער וועט קיינמאָל ניט ווערן אַזאַ!...

אין דער האָזיקער געדאַנק און די האָזיקע שפּירונג האָבן, אָנפילנדיק אים מיט דעם באַוואוסטזיין פון זיין פרייהייט און וואויליונגערישקייט, איינגעהאַלטן אים לעבן גאַווריִלען אויף דעם וויסטן ים-ברעג.

— האָסט מיך גליקלעך געמאַכט! — האָט גאַווריִלע געשריען, און כאַפּנדיק טשעלקאַשס האַנט, האָט ער זי געדריקט צו זיך אין פּנים אַריין.

טשעלקאַש האָט געשוויגן און האָט געשטשירעט די ציינער, אַזוי ווי אַ וואָלף. גאַווריִלע האָט אַלץ אויסגעגאָסן זיינע געפילן:

— וואָרעם וואָס האָב איך דען געטראַכט? מיר פאָרן אַהער... איך האָב האָס געלט... געזען... טראַכט איך... איך וועל אים דערלאַנגען... דיר... מיט דעם רודער... אַ ז—זעץ!... האָס געלט נעם איך זיך צו, און אים אין ים אַריין... דיך הייסט עס... אַ? ווער, אַ שטייגער, וועט זיך כאַפּן? און אַז מע וועט אַפילו געפינען, וועט מען איך ניט גיין דערקונדיקן זיך — ווי אַזוי און ווער האָט אים האָס... דערהרגעט! ער איז, קען מען זאָגן, ניט אַזאַ מענטש, אַז מע זאָל צוליב אים אויפהויבן אַ טומל!... ער איז אַן איבעריקער אויף דער וועלט! ווער וועט זיך פאַר אים אָננעמען?

— גיב אַהער האָס געלט!... — האָט טשעלקאַש אַ ברים געטאָן, אָנכאַפּנדיק גאַווריִלען פאַרן האַלז...

גאַווריִלע האָט זיך איינס-צוויי אַ ריס געטאָן... טשעלקאַשס צווייטע האַנט האָט זיך אַרומגעפלאָכטן אַרום אים אַזוי ווי אַ שלאַנג. די העמד האָט געגעבן אַ פּלאַץ מיט אַ קנאַק—און גאַווריִלע איז געלעגן אויף דעם זאַמד, אומזיניק אויסגעגלאָצט די אויגן, געקלאַמערט זיך מיט די פינגער פון די הענט אָן דער לופט און געפּאָכט מיט די פיס. טשעלקאַש, אַ גלייכער, אַ דאַרער, אַ תּיבּוּריקער, אַ בייזער, האָט אויסגעשטשירעט די ציינער, האָט געלאַכט מיט אַ דראָבנעם, גיפטיקן געלעכטער און זיינע וואָנצעס האָבן נערוועז געטאַנצט אויף דעם ווינקלדיקן, שאַרפן געזיכט. קיינמאָל

פאַרן גאַנצן לעבן האָט מען אים אַזוי שטאַרק ניט געשלאָגן און קיינמאָל איז עס ניט געווען אַזוי צעבייזט.

— וואָס, ביסטו גליקלעך? — האָט ער לאַכנדיק געפרעגט גאַוורילען און, אומקערנדיק זיך צו אים מיטן רוקן, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. ער איז אָבער ניט אָפּגעגאַנגען קיין צוויי טריט, ווי גאַוורילע, אויסגעבויגן, ווי אַ קאַץ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין קני און, ברייט צעוויגט זיך אין דער לופטן, האָט ער אין אים אַ וואַרף געטאָן אַ קיילעכיקן שטיין און האָט בייז אויסגעשריִען:

— נאַ-דיר!...

טשעלקאַש האָט אַ קרעכץ געטאָן, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר דעם קאַרק, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף פאָרנט, האָט זיך אומגעקערט צו גאַוורילען און איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אויפן זאַמד. גאַוורילע איז פאַרשטאַרט געוואָרן, קוקנדיק אויף אים. אָט האָט ער אַ ריר געטאָן מיט אַ פוס, האָט געפּרוּווט אויפהייבן דעם קאָפּ און האָט זיך אויסגעצויגן, אַ ציטער געבנדיק ווי אַ סטרונע. דעמאָלט האָט זיך גאַוורילע געלאָזט לויפן אין דער ווייט אַריין, וואו איבער דעם נעפּלדיקן סטעפּ איז געהאַנגען אַ פּאַטלאַטער שוואַרצער וואָלקן און ס'איז געווען טונקל. די כוואַליעס האָבן שטיל געריישט, אַרויפלויפנדיק אויפן זאַמד, צונויפגיסנדיק זיך מיט אים און ווידער אַרויפלויפנדיק. דער שוים האָט געקאָכט און שפּריצן וואַסער זיינען געפלויגן אין דער לופט.

ס'האָט אַ שאָט געטאָן אַ רעגן. תחילת אַ שיטערער, איז ער שנעל געוואָרן געדיכט און גרויס, און האָט זיך געגאָסן פון הימל אין דינע שטרעמעלעך. וואָס האָבן פון די וואַסער-פעדים אויסגעפלאָכטן אַ גאַנצע נעץ — אַ נעץ, וואָס האָט תיכּף פאַרדעקט די ווייטקייט פון סטעפּ און די ווייטקייט פון ים... גאַוורילע איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער איר. אַ לאַנגע צייט איז קיין זאַך ניט געווען קענטיק, אויסער דעם רעגן און דעם לאַנגן מענטשן, וואָס איז געלעגן אויפן זאַמד לעבן ים. נאָר אָט האָט זיך פון דעם רעגן ווידער באַוויזן דער לויפנדיקער גאַוורילע; ער איז געפלויגן ווי אַ פויגל און, צוגעלאָפן צו טשעלקאַשן, איז ער

אַנידערגעפֿאַלן לעבן אים און האָט אים גענומען קערן אויף דער ערד. זיין האַנט האָט זיך אַריינגערוקט אין וואַרעמען רויטן שלאַם... ער האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אָפּגעטרייסלט מיט אַ מטורפֿדיקן, בלייכן געזיכט.

— ברודער, זע שטיי אויף! — האָט ער אונטער דעם גערויש פֿונם רעגן אַריינגעשעפּטשעט טשעלקאַשן אין אויער אַריין.

טשעלקאַש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און האָט אָפּגעשטויסן פֿון זיך גאַווריִלען, און האָט אים דערבּיי געזאָגט מיט אַ הייזעריקן קול:

— אַוועק... פֿון דאַנען!...

— ברודער! זיי מיר מוחל!... דאָס האָט מיך דער טייוול... — האָט ציטערנדיק געשעפּטשעט גאַווריִלע, און האָט געקושט טשעלקאַשס האַנט.

— גיי... טרעט אָפּ... — האָט יענער געכריפּעט.

— נעם אַראָפּ אַ זינד פֿון דער נשמה!... טייערער! זיי מוחל!...

— מנוול... אַוועק!... צום טייוול גיי! — האָט טשעלקאַש פּלוצלינג אויסגעשריִען און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן זאַמד. דאָס געזיכט איז בּיי אים געווען בלאַס, בייז, די אויגן זיינען געווען טריב און האָבן זיך פֿאַרמאַכט, גלייך ער האָט שטאַרק געוואָלט שלאָפֿן. — וואָס פֿאַרלאַנגסטו... נאָך? האָסט אָפּגעטאָן... דיין אַרבעט... איז גיי זיך, דיר! אַוועק! — און ער האָט געוואָלט אַ שטויס טאָן מיטן פֿוס דעם פֿון אומגליק דערשלאָגענעם גאַווריִלען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט און ער וואָלט ווידער אַנידערגעפֿאַלן, ווען גאַווריִלע וואָלט אים ניט אָנגענומען פֿאַר די אַקסלען און ניט אונטערגעהאַלטן. טשעלקאַשס געזיכט איז איצט געווען גלייך צו גאַווריִלעס. ביידע זיינען געווען בלייך און שרעקלעך.

— טפֿו! — האָט טשעלקאַש אויסגעשפּיגן אין די ברייטגעעפֿנטע אויגן פֿון זיין אַרבעטער.

יענער האָט זיך געהאָרכזאַם אויסגעווישט מיטן אַרבל און אַ שעפּטשע געטאָן:

— טו וואָס דו ווילסט... כ'וועל קיין וואָרט ניט זאָגן. זיי מיר מוחל, פֿון קריסטוסעס וועגן!

— אמריינער שריץ! ביסט אפילו אויף קיין רעכטן שפיצל ניט פעיק!... האט טשעלקאש אויסגעשריען מיט פאראכטונג, האט ארויסגעריסן פון אונטער זיין קורטקע די העמה און שוויינדיקערהייט, געבנדיק פון צייט צו צייט א סקריפע מיט די ציינער, האט ער גענומען זיך פארבינדן דעם קאפ. — דאס געלט האסטו גענומען? — האט ער חורכעווייט דורך די ציינער.

— איך האב זיי, ברודער, ניט גענומען! איך דארף ניט!... ס'איז אן אומגליק מיט זיי!....

טשעלקאש האט אריינגעריקט די האנט אין קעשענע פון זיין קורטקע, האט ארויסגעשלעפט א פעקל געלט, איין הונדערטרובלדיקע אסיגנאציע האט ער צוריק אריינגעלייגט אין קעשענע, און דאס איבעריקע האט ער א ווארף געטאן גאווריל'ען.

— נעם, און גיי!

כ'וועל ניט נעמען, ברודער!... כ'קען ניט! זיי מוחל!

— נ—נעם, — זאג איך!... — האט טשעלקאש א רעווע געטאן און האט שרעקלעך געדרייט מיט די אויגן.

— זיי מיר מוחל!... אויב אזוי, וועל איך נעמען... — האט גאווריל'ע געזאגט מיט פחד און איז געפאלן טשעלקאשן צו די פיס אויף דעם פייכטן זאמד, וואס איז געווען פול באגאסן מיט רעגן.

— דו ליגסט, שריץ איינער, וועסט נעמען! — האט טשעלקאש געזאגט מיט זיכערקייט, און אויפגעהויבן מיט מי זיין קאפ פאר די האר, האט ער אים אריינגעריקט דאס געלט אין געזיכט אריין.

— נעם! נעם! האסט ניט אומזיסט געארבעט! דו דארפסט זיך ניט שעמען, וואס דו האפסט שיר ניט דערהרגעט קיין מענטשן: פאר אזעלכע מענטשן, ווי איך, וועט קיינער ניט מאנען. מע וועט נאך זאגן א דאנק, אז מע וועט זיך דערוויסן. נא, נעם! קיינער וועט זיך פון דיין עסק ניט דערוויסן, און ס'איז ווערט מע זאל עס באלוינען. נו, איז אט!....

גאווריל'ע האט געזען, אז טשעלקאש לאכט, איז אים איך געווארן לייכטער. ער האט פעסט געדריקט דאס געלט אין האנט.

— בתדער! וועסט מיר מוחל זײַן? ווילסט ניט? אַ? — האָט ער געפרעגט מיט טרערן.

— טײַערער!... — האָט אים טשעלקאַש, אײַפהײַבנדיק זיך און וואַקלענדיק זיך, געענטפערט אין זײַן טאָן. פאַרוואָס? ניטאָ פאַר־וואָס! הײַנט האָסטו מיך, מאָרגן וועל איך דיך...

— עך, בתדער, ברודער!...—האָט גאַווּרילע, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, טרײַעריק אָפּגעזיפצט.

טשעלקאַש איז פאַר אים געשטאַנען און האָט איראָניש געשמייכלט, און די שמאַטע אויף זײַן קאָפּ איז, רויטווערנדיק ביס־לעכווייז, געוואָרן ענלעך צו אַ טערקישער פעסקע.

דער רעגן האָט געגאָסן, ווי פון אַ צאַפּן. דער ים האָט טויב געברויזט, און די כוואַליעס האָבן זיך איצט געשלאָגן אָן ברעג מיט רציחה און צאָרן.

די צוויי מענטשן האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— זײַ געזונט! — האָט טשעלקאַש, לאָזנדיק זיך אין וועג, גע־זאָגט איראָניש און קאַלט.

ער האָט זיך געוואַקלט, בײַ אים האָבן געציטערט די פיס און ער האָט אַזוי מאָדנע געהאַלטן דעם קאָפּ, גלײַך ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרלירן אים.

— ביסט מוחל, ברודער?... — האָט גאַווּרילע נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז גאָרניט! — האָט טשעלקאַש געענטפערט קאַלט און זיך געלאָזן אין וועג.

ער איז, וואַקלענדיק זיך, אַוועק און האָט אַלץ אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ מיט דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער האָט ער שטיל געצופּט זײַן טונקל־ברוינע וואָנץ.

גאַווּרילע האָט אים נאָכגעקוקט ביז ער איז פאַרשוואונדן גע־וואָרן אין דעם רעגן, וואָס האָט אַלץ געדיכטער געגאָסן פון די וואָלקנס אין דינע, אומענדלעכע רינעלעך און האָט אײַנגעהילט דעם סטעפּ אין אַן אומדורכדרינגלעכער פינסטערניש פון שטאָל־קאָליר.

דערנאָך האָט גאַווּרילע אַראָפּגענומען זײַן פײַכט היטל, האָט זיך איבערגעצלמט, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם געלט, וואָס

איז געווען פֿאַרקוועטשט אין דער דלאָניע, האָט פֿריי אין טיף אָפּגעזיפֿצט, האָט עס באַהאַלטן אין בוזעם און איז מיט ברייטע, פֿעסטע טריט אַוועק מיטן ברעג אין דער קעגנאיבערדיקער זייט, וואו טשעלקאַש איז פֿאַרשוואונדן.

דער ים האָט געוואָיעט, האָט געשליידערט גרויסע שווערע כוואַליעס אויף דעם זאַמד, וואָס ביי דעם ברעג, און האָט זיי צעשלאָגן אויף שפּריצן און שוים. דער רעגן האָט פֿלייסיק געשניטן דאָס וואַסער און די ערד... דער ווינט האָט גערעוועט... אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעפֿילט מיט אַ וואָיען, מיט אַ רעווען, מיט אַ הודען.... צוליבן רעגן האָט זיך ניט געזען ניט דער ים, ניט דער הימל.

באַלד האָט דער רעגן און די שפּריצן אָפּגעוואַשן דעם רויטן פֿלעק אויף דעם אָרט, וואו טשעלקאַש איז געלעגן, אָפּגעוואַשן די שפּורן פֿון טשעלקאַשן און די שפּורן פֿון דעם יונגן בחור אויף דעם זאַמד, וואָס ביי דעם ברעג...

און אויף דעם וויסטן ים־ברעג איז קיין זאַך ניט געבליבן — אַלס אָנדענק פֿון דער קליינינקער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן די צוויי מענטשן.

די אַלטע איזערגיל.

1.

די האָזיקע ערציילונגען האָב איך געהערט אין בעסאַראַביע, הינטער אַקערמאַן, איפן ברעג ים.

איינמאָל אין אָוונט, איז די פּאַרטיע מאָלדאַוואַנעס, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט, אַוועק נאָך דער אַרבעט צום ברעג ים, און איך און די זקנה איזערגיל זיינען געבליבן אונטער דעם געדיכטן שאָטן פון די ווינשטאָק-ביימער און, ליגנדיק אויף דער ערד, האָבן מיר געשוויגן און געקוקט, ווי אין דער טיפער נאַכט-פינסטערניש און דעם טונקעלן גרינס פון די בלעטער, צערינען די סילועטן פון די מענטשן, וואָס זיינען אַוועק צום ים.

זיי זיינען געגאַנגען, געזונגען און געלאַכט; די מאַנסלייט — בראָנזענע, מיט גרויסאַרטיקע, שוואַרצע וואָנצעס און געדיכטע לאָקן ביז די פּלייצעס, אין קורצע קורטקעס און ברייטע הויזן; די פרויען און די מיידלעך — פריילעכע, בייגעוודיקע, ווי די ווינטרויבן-צווייגן, מיט טונקל-בלויע אויגן, — אויך בראָנזענע. זייערע האָר, זיידענע און שוואַרצע, זיינען געווען צעלאָזן, און דער ווינט, אַ וואַרעמער און אַ לייכטער, האָט, שפּילנדיק זיך מיט זיי, געקלונגען מיט די מטבעות, וואָס זיינען געווען איינגעפלאָכטן אין זיי. דער ווינט איז געפלאָסן אין אַ ברייטער, גלייכער כוואַליע, נאָר טיילמאָל איז ער אַזוי ווי געשפּרונגען איבער עפּעס אומגעזעענס, און געבנדיק אַ שטאַרקן שטויס, האָט ער די האָר פון די פרויען צעפלאָשעט אין פאַנטאַסטישע גריוועס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אַרום זייערע קעפּ. דאָס האָט געמאַכט די פרויען פאַר אויסטערלישע און לע-

געגנדאַר. זיי זיינען אַוועק פון אונז אַלץ ווייטער און ווייטער, און די נאַכט אין די פאַנטאַזיע האָבן זיי אָנגעקליידט אַלץ פּראַכטפולער.

עמעץ האָט געשפּילט אויף אַ פידל... אַ מיידל האָט געזונגען אויף אַ ווייכן קאָנטר־אַלטאָ. ס'האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער... און דער כוח־הדמיון האָט אַרויסגעבראַכט אַלערליי קלאַנגען, פּונקט ווי אַ גירלאַנדע פון פאַרשיידנפאַרביקע סטענגעס וואָלט געשוועבט אין דער לופטן איבער די אַלע טונקעלע מענטשלעכע פיגורן, וואָס ווערן פאַרשלונגען פון דער פינסטערניש.

די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ שאַרפן ריח פון ים און מיט פייכטע אויסדעמפונגען פון דער ערד, וואָס איז קורץ פאַרן אָוונט שטאַרק דורכגענעצט געוואָרן פון רעגן. נאָך איצט האָבן איבערן הימל אַרומגעבלאָנקעט אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקנס, פּרעכטיקע, מיט אויסטערלישע קאָנטורן און פאַרבן, וואָס זיינען דאָ געווען ווייך, ווי קנוילן רויך, תכלתדיק און אַשיק־בלוי, דאָרטן — שאַרף, ווי אָפּגעבראָכענע שטיקלעך פעלזן, מאַט שוואַרץ אָדער ברוין. צווישן זיי האָבן צערטלעך געבלישטשעט טונקל־בלויע שטיקלעך הימל, וואָס זיינען געווען באַפּוצט מיט גאָלדערנע שטערנפינטעלעך. און דאָס אַלץ — די קלאַנגען און די ריחות, די וואָלקנס און די מענטשן — איז געווען בישופדיק־שיין, נאָר טרויעריק. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַן אָנהייב פון אַ וואונדער־שיינער מעשהלע. דאָס אַלץ איז געווען וואונדערבאַר און האַרמאָניש, ס'האָט אָבער אויסגעזען, ווי דאָס אַלץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין וואוקס און בײַסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן, ווייל ס'איז געווען ווייניק גערויש, לעבעדיקער נערוועזער גערויש, וואָס צעפלאַקערט זיך פון ציַיט צו ציַיט אַלץ העלער; דער גערויש דערקוויקן, וואָס איז יאָ געווען — איז געווען שוואַך, איז אָפּט איבערגעריסן געוואָרן און האָט זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן און זיך דערווייטערט; ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין טרויעריקע זיפצן פון מיטלייד מיט עפּעס.

איך האָב דאָס אַלץ באַטראַכט, און אין מיר זיינען אויפגעשטאַנען פאַנטאַסטישע באַגערן: ס'האָט זיך געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב און צעשפּרייט ווערן אומעטום דורכן ווינט; ס'האָט זיך געוואָלט פונאַנדערגיסן זיך אין אַ וואַרעמען טיי איבערן סטעפּ, אַריינ-

גיכן זיך אײַן ים אַרײַן אין עטעמען אין הימל מיט אַן אָפּאַלן נעפּל; ס'האָט זיך געוואָלט אָנפּילן מיט זיך דעם דאָזיקן כּישופֿדיק־טרויעריקן אָוונט... און צוליב־עפּעס איז געווען אומעטיק.

— פֿאַרוואָס ביסטו מיט זיי ניט געגאַנגען? — האָט די אַל־טיטשקע איזערגיל, אַ שאָקל טוענדיק צו מיר מיטן קאָפּ, גע־פֿרעגט.

די צײַט האָט זי אײַנגעבויגן אויף דער העלפֿט, די אַמאָל שוואַרצע אויגן זײַנען געווען טריב און האָבן געטרערט. איר טרו־קענע שטימע האָט געקלונגען אויסטערליש, זי האָט געקנאַקט, גלײַך זי וואָלט גערעדט מיט ביינדלעך.

— כ'וויל ניט, — האָב איך איר געענטפֿערט.

— !... איר. תּסן, ווערט געבאָרן זקנים. אַלע זײַט איר פֿינס־טער, אַזוי ווי די טײַוואָלים... אונזערע מיידלעך שרעקן זיך פֿאַר אײַך... און דו ביסט דאָך יונג און שטאַרק...

ס'איז אויפֿגעגאַנגען די לבֿנה. איר דיסק איז געווען גרויס, בלוטיק־רויט, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון די טיפֿענישן פֿון דעם דאָזיקן סטעפּ, וואָס האָט אויף זײַן לעבן אַ סך מענטשלעך פֿלייש אײַנגעשלונגען און אויסגעטרונקען, און וואָס פֿון דעם איז ער זיכער געוואָרן אַזוי פֿעט און פֿול מיט שפֿע. פֿון די בלעטער זײַנען אויף אונדז געפֿאַלן שפּיצנפֿאָרמיקע שאָטנס, איך מיט דער אַלטער האָבן זיך באַדעקט מיט זיי, ווי מיט אַ נעץ, און זיי האָבן געציטערט. און איבערן סטעפּ, לינקס פֿון אונדז, זײַנען שאָטנס געשוואומען פֿון די וואָלקנס, וואָס זײַנען געווען דורכגעזאַפּט מיט בלויען לבֿנה־ליכט און זײַנען געוואָרן דורכזיכטיקער און ליכ־טיקער; קוים־קוים וואָס צו אונדז זײַנען דערפֿלויגן קלאַנגען פֿון ים: דאָס האָט געוויינט אַ פֿידל, דאָס האָט געלאַכט אַ מיידל, דאָס האָט אַ יונגער בחור געזונגען מיט אַ עלאַסטישן באַריטאָן, און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דעם שטילן, ריטמישן פּלעסקען פֿון די כוואַליעס אָן ברעג.

— זע, אָט גייט לאַראַ!

איך האָב געקוקט אַהין, וואו די אַלטע האָט אָנגעוויזן מיט איר ציטעריקער האַנט, מיט די קרומע פֿינגער, און האָב געזען:

חאָרטן זיינען געשוואָמען שאָטנס, זיי זיינען געווען אַ סך, און איינער פון זיי, טונקעלער און געדיכטער פון די איבעריקע, איז געשוואומען האַסטיקער און נידעריקער, ווי זיינע ברידער, ווייל ער איז געפאַלן פון אַ שטיקל וואָלקן, וואָס איז געווען נידעריקער צו דער ערד, ווי די אַנדערע, און האָט זיך געטראָגן גיכער, ווי זיי.

— קיינער איז חאָרטן ניטאָ! — האָב איך געזאָגט.

— דו ביסט בלינדער פאַר מיר, פאַר דער זקנה. זע אָט דאָרטן לויפט ער, אַ טונקעלער, איבערן סטעפּ.

איך האָב נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן און אויסער דעם שאָטן, האָב איך ווידער גאָרנישט ניט געזען.

— דאָס איז אַ שאָטן! פאַרוואָס רופסטו אים לאָרא?

— ווייל דאָס איז — ער. ער איז שוין איצט געוואָרן ווי אַ שאָטן, — שוין צייט! ער לעבט שוין טויזנטער יאָרן, די זון האָט אויסגעטריקנט זיין לייב, זיין בלוט און זיינע ביינער, און דער ווינט האָט זיי צעשטויבט. אָט־וואָס גאָט קען מאַכן פון אַ מענטשן צוליב גאווה.

— דערציייל־זשע מיר, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט! — האָב איך אַ בעט געטאָן ביי דער אַלטער, פאַראויסשפּירנדיק איינע פון די פּרעכטיקע מעשהלעך, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין די סטעפּעס.

און זי האָט מיר דערציילט דאָס דאָזיקע מעשהלע.

* *

*

„פיל טויזנטער יאָרן זיינען פאַריבער פון יענער צייט, זינט דאָס האָט פּאַסירט. ווייט הינטער ימען, וואו די זון גייט אויף, געפינט זיך דאָס לאַנד פון דעם גרויסן טייך. און אין יענעם לאַנד גיט יעדער בלאַט פון בוים און יעדעס גראָז־שטענגל אַזויפיל שאָטן, וויפל אַ מענטש דאַרף האָבן, כדי צו קענען זיך פרייַ באַהאַלטן פון דער זון, וואָס ברענט דאָרטן אומברחמנותדיק.

„אָט וואָס פאַר אַ שפע־פולע ערד אין יענעם לאַנד איז!

„דאָרט האָט געלעבט אַ מעכטיקער שבט, וואָס האָט געהאַט אַ סך טשערעדעס און האָט אין געיעג נאָך ווילדע חיות באַוויזן זיין העלדישקייט און זיין כוח. נאָכדעם פלעגן זיי הוליען, זינגען און

שפילן זיך מיט די מיידלעך, וואָס זיינען דאָרטן שיין, אַזוי ווי בוימער.

„איינמאָל האָט אַן אָדלער, אַראָפּלאָזנדיק זיך פון הימל, אַוועק־געטראָגן בשעת אַ מאָלצייט איינע אַ מיידל, וואָס איז געווען שוואַרצהאָריק און צאַרט, ווי די נאַכט. די פּילן, מיט וועלכע די מאַנסלייט פון דעם שבט האָבן אין אים געשאָסן, זיינען נעבעכדיק אַראָפּגעפאַלן צוריק אויף דער ערד. דעמאָלט זיינען זיי אַוועק זוכן דאָס מיידל, נאָר זיי האָבן זי ניט געפונען. און מע האָט וועגן איר פאַרגעסן, ווי מע פאַרגעסט וועגן אַלץ אויף דער ערד".

די אַלטע האָט אַ זיפץ געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. איר סקריפּעדיקער קול האָט געהאַט אַזאַ קלאַנג, גלייך אַלע פאַר־געסענע צייטן, וואָס האָבן זיך אין איר ברוסט פאַרקערפּערט אין שאָטנס פון ערינערונגען, וואָלטן זיך צעוואָרטשעט. און דער ים האָט שטיל אַקאָמפּאַנירט דעם אָנהייב פון דער לעגענדע, איינע פון יענע לעגענדעס, וואָס זיינען, אפשר, באַשאַפן געוואָרן אויף זיינע ברעגעס.

„נאָר אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום איז זי אַליין געקומען, אַ פאַרמאַטערטע און אַן אויסגעדאַרטע, און מיט איר איז געווען אַ יונג בחורל, אַ שיינס און אַ שטאַרקס, ווי זי אַליין איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. און ווען מע האָט איר געפרעגט, וואו זי איז געווען, האָט זי דערציילט, אַז דער אָדלער האָט זי אַוועקגעטראָגן אין די בערג און האָט מיט איר געלעבט דאָרטן, אַזוי ווי מיט אַ ווייב. אָט איז איר זון, און דער פאָטער איז שוין ניטאָ מער. דען בעת ער האָט גענומען ווערן שוואַכער, האָט ער זיך דעם לעצטן מאָל הויך אויפגעהויבן אין הימל און, צונויפלייגנדיק די פליגלען, איז ער שווער אַראָפּגעפאַלן פון דאָרטן אויף די שאַרפע בערג־שפּיצן, אַראָפּגעפאַלן און צעקלאַפּט זיך אויף טויט...

„אַלע האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דעם זון פון דעם אָדלער און האָבן געזען, אַז ער איז מיט קיין זאַך ניט בעסער פאַר זיי, בלויז זיינע אויגן זיינען געווען קאַלט און שטאָלץ, ווי ביי דעם מלך פון די פייגל. און מען האָט מיט אים גערעדט, און ער האָט געענטפערט, אויב ער האָט געוואָלט, אָדער

ער האָט געשוויגן, און בעת די עלטסטע פון דעם שבט זיינען געקומען, האָט ער מיט זיי גערעדט, ווי מיט זיינס גלייכן. דאָס האָט זיי באַליידיקט, און זיי האָבן אים אָנגערופן אומבאַפעדערטע פייגל מיט ניט קיין פאַרשאַרפטן שפּיץ און האָבן אים געזאָגט, אַז אַלע האָבן פאַר זיי אָפּשיי און עס זיינען זיי געהאָרכזאַם טויזנטער אַזעלכע, ווי ער, און טויזנטער, וואָס זיינען אין צווייען עלטער פון אים. און, דרייסט קוקנדיק אויף זיי, האָט ער זיי געענטפערט, אַז אַזעלכע, ווי ער, זיינען מער ניטאָ; אויב אַלע האָבן פאַר זיי אָפּשיי — ווייל ער האָט אָבער ניט האָבן. אָ!... דעמאָלט זיינען זיי שיין אין כעס געוואָרן, אין כעס געוואָרן און געזאָגט:

— „ער האָט ניט קיין אָרט צווישן אונז! זאָל ער גיין, וואוהין ער וויל.

„האָט ער זיך צעלאַכט און איז אַוועק, וואו אים האָט זיך געוואָלט, — צו אַ שיין מיידל, וואָס האָט אויף אים שטאַרק געקוקט; אַוועק צו איר און, צוגייענדיק, האָט ער זי אַרומגענומען. און זי איז געווען אַ טאָכטער פון איינעם פון די עלטסטע, וואָס האָבן אים פאַרמשפּט. און הגם ער איז געווען שיין, האָט זי אים אָפּגעשטויסן, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם פאָטער. זי האָט אים אָפּגעשטויסן און איז אַוועקגעגאַנגען פון אים, און ער האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ און, בעת זי איז אַנידערגעפאַלן, האָט ער זיך מיטן פוס אַוועקגעשטעלט אויף איר ברוסט, האָט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז פון איר מויל האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט צום הימל און זי האָט אַ שווער זיפץ געטאָן, האָט זיך צונויפגעדרייט ווי אַ שלאַנג און איז געשטאָרבן.

„אַלע, וואָס האָבן עס געזען, זיינען פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק, ווייל ס'איז נאָך געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט פאַר זיי אין די אויגן אויף אַזאַ מין אופן דערהרגעט אַ פרוי. און לאַנג האָבן אַלע געשוויגן, געקוקט אויף איר, ווי זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ פאַרבלוטיקטן מויל, וואָס האָבן שטומערהייט געמאָנט נקמה, און געקוקט אויף אים, וואָס איז געשטאַנען איינער קעגן אַלעמען, לעבן איר, און איז געווען אַזוי קאַלט און שטאָלץ, אַז ער האָט ניט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ, גלייך, ער וואָלט געהיפן

אויף זיך אַ שטראָף. דערנאָך, אַז מע האָט זיך איבערגעלייגט, האָט מען אים געכאַפּט, געבונדן און אים אַזוי געלאָזן, דען מען האָט איינגעפֿינען, אַז דערהרגענען אים תּיכּף — איז צו פּשוט: ניט אים וועט עס דערנידעריקן, ניט זיי וועט עס באַפֿרידיקן".

די נאַכט איז געוואַקסן און זיך געשטאַרקט און, אָנפֿילנדיק זיך מיט אויסטערלישע שטילע קלאַנגען, האָט זי אַלץ מער אָנגענומען אַ פֿאַנטאַסטישן קאָלאָריט. אין סטעפּ האָבן טרויעריק געפּיפּט די זיזל-מייז, אין די בלעטער פֿון די ווינשטאָקביימער האָט געציטערט די גלעזערנע גרילעריי פֿון די גרילן, די בלעטער האָבן געזיפֿצט און זיך געסודעט, און דער פֿולער לבֿנה-דיסק, וואָס איז פֿריער געווען בלוט-רויט, איז בלאַס געוואָרן, זיך דערווייטערט פֿון דער ערד, און האָט מיט אַלץ אַ גרעסערער שפֿע געגאָסן אויף דעם סטעפּ אַ בלויִלעכע פֿינסטערניש...

„און אָט האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט, כּדי אויסצוגעפֿינען אַ שטראָף, וואָס זאָל זיין ווערדיק פֿאַר זיין פֿאַרברעכן... מע האָט אים געוואָלט צערייסן מיט פֿערד — און האָס האָט זיי אויך אויסגעזען צו קליין; מע האָט געוואָלט, אַז יעדערער זאָל אין אים אַריינשיסן אַ פֿייל, נאָר מע האָט עס אויך אָפּגעוואָרפֿן; מע האָט פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרברענען אים, נאָר דער רויך פֿון שייטערהויפֿן וואָלט געשטערט צו זען זיינע יסורים: מע האָט פֿאָרגעלייגט אַ סך זאַכן — נאָר מען האָט ניט געפֿינען קיין איין זאַך, וואָס זאָל זיין אויף אַזויפֿיל גוט, אַז זי זאָל אַלעמען געפֿעלן ווערן און זאָל זיי באַפֿרידיקן. און זיין מוטער איז געשטאַנען פֿאַר זיי אויף די קני און האָט געשוויגן, ניט געפֿינענדיק קיין טרערן און קיין ווערטער צו בעטן זיי, זיי זאָלן רחמנות האָבן. לאַנג האָבן זיי גערעדט, און אָט האָט איין קלוגער מאַן, נאָך אַ סך טראַכטן, געזאָגט:

— „לאָמיר אים פֿרעגן, פֿאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?

„און זיי האָבן אים געפֿרעגט. האָט ער געזאָגט:

— בינדט מיך אָפּ! געבונדענערהייט וועל איך מיט אייך ניט ריידן.

„און בעת מע האָט אים אָפּגעבונדן, האָט ער געפֿרעגט: — „וואָס

פֿאַרלאַנגט איר?" — ער האָט געפֿרעגט מיט אַזאַ טאָן, גלייך זיי וואָלטן געווען זיינע קנעכט...

— „די האָסט געהערט... — האָט דער קלוגער מאַן געזאָגט.

— „צו וואָס זאָל איך אײַך גיין דערקלערן מיינע מעשׂים?

— „כּדי די זאָלסט פֿון אונדז פֿאַרשטאַנען ווערן. הער זיך אײַן, די שטאָלצער מענטש: אַלץ איינס וועסטו דאָך שטאַרבן... גיב־זשע אונדז צו פֿאַרשטיין דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן. מיר בלייבן לעבן און פֿאַר אונדז איז נוצלעך צו וויסן מערער, וויפֿיל מיר ווייסן...

— „גוט, איך וועל זאָגן, הגם איך פֿאַרשטיי אפֿשר אַליין ניט ריכטיק דאָס, וואָס ס'האָט פּאַסירט. איך האָב זי דערפֿאַר, הײַנט מיר, דערהרגעט, ווייל זי האָט מיך אָפּגעשטויסן... און זי איז מיר געווען נייטיק.

— „אָבער זי איז דאָך ניט דיינע! — האָט מען אים געזאָגט.

— צי דען ניצט איר בלויז אַלץ אייגענע? איך זע, אַז יעדער מענטש האָט זיינע אייגענע בלויז דאָס לשון, די הענט און די פֿיס... און באַזיצן באַזיצט ער חיות, פֿרויען, ערד.... און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן...

„מע האָט אים געזאָגט אויף דעם, אַז פֿאַר אַלץ, וואָס דער מענטש נעמט, צאָלט ער מיט זיך: מיט זיין שׂכל און מיט זיין כּוח, מיט זיין פֿרייהייט און מיט זיין לעבן. און ער האָט געענטפֿערט, אַז ער וויל בלייבן אַ גאַנצער.

— מע האָט מיט אים לאַנג גערעדט און, ענדלעך, האָט מען פֿון זיינע ענטפֿערס דערזען, אַז ער האַלט זיך פֿאַר דעם ערשטן אויף דער ערד און אַז חוץ אים זעט ער קיין זאַך ניט. אַלעמען איז אַפֿילו געוואָרן שרעקלעך, בעת זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אויף וואָס פֿאַר אַן איינזאַמקייט ער האָט זיך אַליין פֿאַרמשפּט. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין שבֿט, ניט קיין מוטער, ניט קיין העלדנטאַטן, ניט קיין פֿיך, ניט קיין פֿרוי, און ער האָט דאָס אַלץ ניט פֿאַרלאַנגט".

איינער פֿון ברעג האָט געלאַכט אַ מיידל מיט אַ פֿרעכטיקן, פֿריילעכן געלעכטער און עמעצער האָט געזונגען אויף אַ הויכן טענאָר. טיילמאָל האָבן אים איבערגעהאַלפֿן עטלעכע מענטשן מיט

אַמאָל. אַ טשאַטשקע קולות זיינען אַרויסגעפֿלויגן אין דער לופֿטן און זיינען פֿלוצלונג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, גלייך עמעצער וואָלט זיי מיט אַמאָל אַ פּאַק געטאָן — אַ פּאַק געטאָן און באַהאַלטן...

„בעת די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן דערזען, אַז פֿון אויבן ווערט אים גאָרנישט ניט זיין הערפֿאַר, האָבן זיי זיך ווידער גענומען מיישבֿ זיין, ווי צו באַשטראָפֿן אים. נאָר איצט האָבן זיי לאַנג ניט גערעדט, דען יענער קלוגער מאַן, וואָס האָט זיי ביז איצט ניט געשטערט צו ריידן, האָט אַליין גענומען ריידן:

— „וואַרט! ס'איז פֿאַראַן אַ שטראָף. ס'איז פֿאַראַן אַ שרעקלעכע שטראָף; אַזאַ שטראָף וועט איר ניט אויסטראַכטן אין טויזנט יאָר! די שטראָף זיינע ליגט אין אים אַליין! לאָזט אים, זאָל ער זיין פֿריי. אָט דאָס איז זיין שטראָף.

און דאָ איז געשען עפּעס גרויסעס. אַ דונער האָט אַ זעץ געטאָן פֿון הימל, וואָס איז געווען פֿריי פֿון וואָלקנס. דאָס האָבן די אייבערשטע כּוחות באַשטעטיקט די רייד פֿון דעם קלוגן מאַן. אַלע האָבן זיך פֿאַרנייגט און זיינען אַוועק, און ער, דאָס דאָזיקע בחור'ל, וועלכן מע האָט שוין איצט גערופֿן לאַראַ, וואָס איז טייטש: אָפּגעשטויסענער, מחוץ־למחנהדיקער, — חאָם דאָזיקע בחור'ל האָט הויך נאָכגעלאַכט נאָך די מענטשן, וואָס האָבן אים אַוועקגעוואָרפֿן, האָט געלאַכט און איז געבליבן אַליין, אַ פֿרייער, ווי זיין פֿאָטער. נאָר זיין פֿאָטער איז ניט געווען קיין מענטש... און דער־אָ — איז געווען אַ מענטש. און אָט האָט ער גענומען לעבן פֿריי, ווי אַ פֿויגל. ער פֿלעגט קומען צו דעם שבט און פֿלעגט גנבֿענען פֿיך, מיידלעך, — אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. מען האָט געשאָסן אין אים, נאָר די פֿיילן האָבן ניט געקענט דורכשטעכן זיין לייב, וואָס איז געווען איינגעהילט אין דער העכסטער שטראָף, וועלכע קיין מענטש קען עס ניט זען. ער איז געווען פֿלינק, רויבעריש, שטאַרק, דעספּאָטיש און האָט זיך ניט באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט קיין מענטשן. פֿון דער ווייטנס האָט מען אים בלויז געזען. און יעדערער, ווער עס האָט אים געזען, האָט שטענדיק אין אים אַריינגעשאָסן אַזויפֿיל פֿיילן, וויפֿיל אים האָט זיך געגלוסט. און לאַנג האָט ער זיך, אַן איינזאַמער, געדרייט אַזוי לעבן די מענטשן, לאַנג,

ניט איין צענדליק יאָר. אָבער אַ מענטש קען ניט דאָס גאַנצע לעבן טאָן איין און די זעלבע זאַך, מע קען ניט אייביק האָבן תענוגים. — דו פאַרלירסט דעם ווערט פון דעם תענוג, און ס׳ווילט זיך האָבן יסורים... און אָט איז ער איינמאָל צוגעגאַנגען נאָענט צו די מענטשן, און ווען זיי האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט. און האָט מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער וויל זיך פאַרטיידיקן. דעמאָלט האָט איינער פון די מענטשן זיך אָנגעשטויסן, און האָט שנעל און הויך אויסגעשריען:

„— טשעפּעט אים ניט! ער וויל שטאַרבן!

„און אַלע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, דען זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלייכטערן דעם גורל פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיי געטאָן שלעכטס, און ניט געוואָלט אים דערהרגענען. זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן און געלאַכט פון אים. און ער האָט, הערנדיק דעם האָזיקן געלעכטער, געציטערט און האָט אַלץ געזוכט עפּעס אויף זיין ברוסט און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר מיט די הענט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די מענטשן און האָט אויפגעהויבן אַ שטיין, אָבער אויסמיידנדיק זיינע קלעפּ, האָבן זיי אים מיט קיין איינעם ניט אָפּגעענטפערט, און בעת ער איז, אַ פאַרמאַטערטער, מיט אַ טרויעריקן געשריי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, זיינען זיי אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט און האָבן אים באַטראַכט. און אָט איז ער אויפגעשטאַנען און, אויפגעהויבן דעם מעסער, וואָס עמעצער האָט אין געראַנגל מיט אים פאַרלאָרן, האָט ער אים אַריינגעהאַקט זיך אין האַרצן אַריין. און ווידער איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און האָט אַ לאַנגע צייט געקלאַפּט זיך אָן איר מיטן קאָפּ. נאָר די ערד האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון אים און האָט זיך איינגעטיפט פון די קלעפּ פון זיין קאָפּ.

— „ער קען ניט שטאַרבן, — האָבן מיט פרייד געזאָגט די, וואָס האָבן דאָס אַלץ צוגעזען.

„און זיי זיינען אַוועק, און איבערגעלאָזן אים איינעם אַליין. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און האָט געזען — הויך אין הימל זיינען געשוואומען מעכטיקע אָדלערס, וואָס האָבן אויסגע=

זען, ווי שוואַרצע פינטעלעך. ער איז געלעגן אין זיינע אויגן איז געווען אַזיפיל בענקשאַפט, אַז מע וואָלט מיט איר געקענט פאַרסמען די גאַנצע וועלט. און אַזוי איז ער פון יענער צייט אָן געבליבן איינער אַליין, אַ פרייער און האָט געזוכט דעם טויט. און אָט גייט ער און גייט אומעטום... דו זעסט, ער איז שוין געוואָרן ווי אַ שאָטן, און אַזוי וועט ער פאַרבלייבן אויף אייביק. ער פאַרשטייט ניט — ניט דאָס מענטשלעכע לשון, ניט זייערע מעשים, — קיין זאַך פאַרשטייט ער ניט. און ער זוכט אַלץ, און גייט און גייט... ער געפינט ניט דעם טויט, און דאָס לעבן שמייכלט צו אים אויך ניט. צווישן מענטשן איז ניטאָ פאַר אים קיין אָרט... אָט ווי דער מענטש איז געשטראָפט געוואָרן פאַר זיין גאווה!"

די אַלטע האָט אַ זיפץ געטאָן, איז אַנטשוויגן געוואָרן, און איר קאָפּ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ברוסט, האָט זיך עטלעכע מאָל מאָדנע אַ שאָקל געטאָן.

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף איר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די אַלטע האָט גענומען שלעפערן. מיר האָט צוליב עפּעס זייער באַנג געטאָן אויף איר. דעם סוף פון דער מעשה האָט זי דערציילט אין אַזאַ געהויבענעם טאָן, אין אַ טאָן, וואָס האָט עמעצן געדראָט, און דאָך האָט אין אים געקלונגען אַ נאָטע פון שרעק און הכנעה.

אויף דעם ברעג האָט מען גענומען זינגען, — מאָדנע גענומען זינגען. תחילת האָט זיך דערהערט דער קאָנטראַלטאָ — ער האָט אָפּגעזונגען צוויי-דריי נאָטעס, און אַן אַנדער שטימע האָט זיך דערהערט, וואָס האָט דאָס ליד אָנגעהויבן פון דאָס ניי, און די ערשטע שטימע האָט זיך אַלץ געגאָסן פאָראויס... — און דעם ליד זיינען אַריינגעטראָטן אַ דריטע, אַ פערטע, אַ פינפטע שטימע, און דער זעלבער אָרדענונג. און פּלוצלונג האָט אַ כאָר פון מענער-שטימען גענומען זינגען דאָס זעלבע ליד, ווידער טאַקע פון אָנהייב.

ס'האָט זיך באַקומען עפּעס וואונדערבאַר אָריגינעלס. יעדע פרויענשטימע האָט געזונגען לגמרי באַזונדער. אַלע שטימען האָבן אויס-

געוויזן, ווי פֿאַרשיידנפֿאַרביקע שטראָמען, און גלײַך זיי וואָלטן זיך געקייקלט פֿון דערהויך־ערגעץ איבער אַ משופּעדיקן אָרט, שפּרינגנדיק און קלינגענדיק; און אַרײַנגעגאָסן זיך אין דער געדיכטער כוואַליע מענער־שטימען, וואָס האָט זיך ריטמיש געגאָסן אַהינצו, זײַנען זיי אין איר דערטרונקען געוואָרן, אַרויסגעריסן זיך פֿון איר, זי פֿאַרטריבט און זיך ווידער איינע נאָך די אַנדערע אויפֿגעהויבן, לויטערע און שטאַרקע, הויך־הויך. און די מעלאָדיע איז אויך געווען אַן אָריגינעלע: די מענער האָבן געזונגען אָן וויבראַציעס, און די מעכטיקע קלאַנגען פֿון זייערע שטימען האָבן שטיל געטישט, גלײַך זיי וואָלטן דערציילט וועגן עפּעס טרויעריקס, און די פֿרויענשטימען האָבן, דערווײַלנדיק אייניקע די אַנדערע, זיך אַזוי ווי געאײַלט צו דערציילן די זעלבע זאַך פֿריער פֿאַר די מאַנסלײַט און האָבן געקלונגען פֿריילעך, לעבעדיק, אַזוי ווי גלעקעלעך, מיט אַ ביסעלע לאַכעדיקע טרערן.

איבער די שטימען האָט מען ניט געהערט דעם תּיש פֿון די כוואַליעס...

.2

— האָסטו געהערט, אַז מע זאָל נאָך ערגעץ־וואו אַזוי זינגען? — האָט איזערגיל, אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ און שמייכלענדיק מיט איר אָנציינערדיקן מויל, — געפֿרעגט.

— ניט געהערט, קיינמאָל ניט געהערט... — האָב איך צו איר אַ שעפּטשע געטאָן.

— אַהאַ!... און דו וועסט שוין ניט הערן. מיר האָבן האָלט צו זינגען. און אַלע זײַנען מיר שיינע. בלויז שיינהייטן קענען שיין זינגען, — שיינהייטן, וואָס האָבן ליב דאָס לעבן. מיר האָבן ליב דאָס לעבן. גיב נאָר אַ קוק, צי דען האָבן זיך אָפּ־יענע, וואָס געפֿינען זיך דאָרטן, ניט אָנגעמאַטערט פֿאַרן טאָג? פֿון פֿינסטער ביז פֿינסטער האָבן זיי געאַרבעט, און ווי נאָר די לבֿנה גייט אויף, זינגען זיי שוין. די, וואָס קאָנען ניט לעבן, די וואָלטן זיך געלייגט שלאָפֿן. די,

וועמען דאָס לעבן איז ליב, און וועלכע האַלטן עס טייער — אַט יענע דינגען.

— אָבער דאָס געזונט... — האָב איך געוועזט אָנגעהויבן.

— געזונט קלעקט שטענדיק אויף צו לעבן. געזונט! צי דען אַז די וואָלסט געהאַט געלט, וואָלסטו זיי ניט געפּטרט? דאָס געזונט איז אויך גאָלד. ווייסט, וואָס איך האָב געטאָן, בעת איך בין געווען יונג? איך האָב פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט געוועבט טעפּעכער, ניט אויפשטייענדיק כמעט פון אָרט. איך בין געווען לעבעדיק, ווי אַ זונענשטראַל, און האָב געדאַרפט זיצן אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיין. און איך פלעג זיצן אַזוי לאַנג, ביז די ביינער פלעגט טרעפן, פלעגן נעמען קנאַקן. אָבער ווי נאָר די נאַכט פלעגט אָנקומען, פלעג איך לויפן צו דעם געליבטן, צו קושן זיך מיט אים. ניין ווערסט פלעגט אויסקומען צו גיין צו אים. און צוריק, נאַטירלעך — אויך ניין. דו ווייסט, וויפל דאָס איז?... און אַזוי בין איך דריי חדשים צייט געלאָפן, כל־זמן ס'האָט זיך געצויגן די ליבע; נאַכט אין נאַכט בין איך ביי אים געווען. און אַט ביז וועלכער צייט איך האָב דערלעבט — ס'האָט געקלעקט בלוט! און וויפל האָב איך געליבט! וויפל קושן האָב איך באַקומען און געגעבן!

איך האָב אַריינגעקוקט אין איר געזיכט. אירע שוואַרצע אויגן זיינען אָבער געווען טריב, די ערינערונגען האָבן זיי ניט באַלעבט. די לבנה האָט קלאָר באַלייכטן איר שוואַרץ צעקנייטשט געזיכט, און איך האָב געזען די טרוקענע, צעשפּאָלטענע ליפּן, די פאַרשפּיצטע גאָמבע, וואָס איז אַיינגעפאַלן אינעווייניק־צו, מיט די גרויע האָר אויף איר און די צעקנייטשטע נאָז, וואָס איז געווען פאַרבויגן ווי אַ שנאָבל פון אַ סאָווע. אויף דעם אָרט פון די באַקן זיינען געווען שוואַרצע גריבער, און אין איינער פון זיי איז געלעגן אַ בינטל אַש־גרויע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דער רויטער שמאַטע, מיט וועלכער ס'איז געווען אַרומגעוויקלט איר קאָפּ. די הויט אויפן פּנים, אויפן האַלדז און אויף די הענט איז געווען דין, און אינגאַנצן צעאַקערט פון קנייטשן, און ביי יעדער באַוועגונג פון דער אַלטער איזערגיל האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז די טרוקענע הויט וועט זיך אינגאַנצן צערייסן, וועט שטיקערווייז צעפאַלן און

פאַר מיר וועט ערשײנען אַ נאַקעטער סקעלעט מיט טריבע שוואַרצע אױגן.

— דערצײל מיר, װי דו האָסט געליבט! — האָב איך זי געבעטן.

דעמאָלט האָט זי װידער אָנגעהױבן דערצײלן מיט איר כראָמסקעדיקן קול:

—„געװאױנט האָב איך מיט דער מוטער הינטער פּאַלמי, אױפֿן רעכטן ברעג בירלאַט; און בעת ער איז געקומען אין אונזער כומאָך אױף אַ שיפֿל, בין איך דעמאָלט אַלט געװען פֿופֿצן יאָר. געװען איז ער אַ הױכער אַזאַ, אַ בײגעװדיקער, מיט שװאַרצע װאָנצעס, אַ פֿרײלעכער. זיצט ער זיך אין שיפֿל און שרײַט אַזױ הילכיק צו אונז אין פֿענסטער אַרײַן: „עי, קריגט מען בײַ אײַך ניט צומאָל קײן װײַן... און אָפּצוען?״ כ׳האָב אַ קוק געטאָן אין פֿענסטער דורך די צװײַגן פֿון די יאַשעװבײמער און דערזען: דער טײַך איז דורכאױס בלױ פֿון דער לבנה, און ער, אין אַ װײַסער העמד און מיט אַ ברײטן גאַרטל, װאָס זײַנע עקן זײַנען געװען צעלאָזן אױף אַ זײַט, שטײט מיט אײן פֿוס אין שיפֿל, און מיט דער צװײטער אױפֿן ברעג. און ער װיגט זיך אונטער, און ער זינגט עפּעס. אַז ער האָט מיך דערזען, זאָגט ער: „אָט װאָס פֿאַר אַ שײנהײט דאָ װאױנט!... און איך האָב גאָר װעגן דעם ניט געװאוסט! גלײַך, װי ביז מיר האָט ער שױן געקענט אַלע שײנהײטן. איך האָב אים געגעבן װײַן און אָפּגעקאָכט חזיר-פֿלײש... און אין פֿיר טעג אַרום בין איך שױן געװען אינגאַנצן זײַנע... אין די נעכט האָבן מיר זיך בײדע רק געשיפֿט אין אַ שיפֿל. ער פֿלעגט קומען צו פֿאָרן און פֿלעגט שטיל אַ פֿײַף טאָן, װי אַ ליזל-מיז, און איך פֿלעג שױן אַרױסשפּרינגען, װי אַ פֿיש, דורכן פֿענסטער אױפֿן טײַך אַרױס. און מיר פֿאָרן... ער איז געװען אַ פֿישער פֿון פּרוט. און דערנאָך, אַז די מוטער האָט זיך װעגן אַלץ דערװאוסט און האָט מיך אָנגעהרגעט, האָט ער מיך אַלץ צוגערעדט אַװעקצוגײן מיט אים קײן האָברודזשע און נאָך װײַטער, אין די הינאַישע לעפּצונגען. נאָר מיר איז ער שױן דעמאָלט ניט געפֿעלן געװאָרן — רק ער זינגט און ער קושט זיך, און מער קײן

זאַך. ס'איז שוין געוואָרן לאַנגווייליק. אין דער האָזיקער צייט זיינען די גזלן באַנדעסווייז געגאַנגען איבער יענע ערטער, און זיי האָבן דאָ אויך געהאַט פריילינס... איז אָט זיי איז דאָס געווען פריי־לעך. ס'טרעפט, אַז אַ מיידל וואַרט און וואַרט אויף איר בראַוון יונג פון קאַרפּאַטנלאַנד; זי טראַכט, אַז ער איז שוין אין טורמע אָדער ער איז דערהרגעט געוואָרן ערגעץ אין אַ געשלעג, — און פּלוצלינג פאַלט ער צו איר אַראָפּ, אַזוי ווי פון הימל, אַליין אָדער מיט צוויי־דריי חברים. מתנות האָט ער געבראַכט רייכע — ס'איז דאָך אים אַליץ לייכט אָנגעקומען! — און ער הוליעט ביי איר, און ער באַרימט זיך מיט איר פאַר זיינע חברים. און איר איז עס ליב. האָב איך אָנגעבעטן איינע אַ חברטע, ביי וועמען ס'זיינען געווען גזלן, זי זאָל מיר זיי ווייזן... ווי האָט זי געהייסן? כ'האָב פאַרגעסן... כ'האָב איצט אַליץ גענומען פאַרגעסן. אַ זיבן צענדליק יאָר זיינען שוין אַריבער פון יענער צייט, קענסטו אַליץ פאַרגעסן! זי האָט מיך באַקענט מיט איינעם אַ וואַיילן יונג. געווען איז ער אַ פיינער... אַ רויטער, אינגאַנצן רויט — אי די וואָנצעס, אי די לאָקן. אַ פייער־דיקער קאָפּ ביי אים געווען... און געווען איז ער אַזאַ טרויעריקער, טיילמאָל אַ ליבלעכער און טיילמאָל האָט ער געברעוועט ווי אַ חיה און האָט זיך געשלאָגן. איינמאָל האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּנים... און איך האָב, ווי אַ קאַץ, אַ שפּרונג געטאָן צו אים אויפן ברוסט און האָב זיך אַיינגעגעסן מיט די ציין אין זיינע באַקן... פון יענער צייט אָן איז ביי אים אויפן באַק געוואָרן אַ גריבעלע, און ער האָט ליב געהאַט, איך זאָל עס קושן"....

— און וואו האָט זיך אַהינגעטאָן דער פּישער? — האָב איך געפרעגט.

— דער פּישער? — ער איז... דאָ... ער איז צוגעשטאַנען צו זיי, צו די גזלן. תחילת האָט ער מיך אַליץ איינגערעדט און האָט געדראָט אַריינוואַרפן מיך אין טייך, נאָר דערנאָך — גאָרנישט, צונויפגעחברט זיך מיט זיי און געקראָגן אַן אַנדערע... מע האָט זיי טאַקע ביידן צוזאַמען אויפגעהאַנגען — אי דעם פּישער, אי דעם האָזיקן גזלן. דעם גזלן האָט מען גערופן „צלם־שנאָבל" — פאַר זיינע רויטע האָר. כ'בין געגאַנגען קוקן, ווי מע הענגט זיי. און

דאָברודושע איז עס געווען. דער פישער איז געגאַנגען צו דער תּליה אַ בלייכער און האָט געוויינט, און דער גוצול האָט געריי־בערט אַ ליולקע. גייט זיך און רויכערט, די הענט אין די קע־שענעס, איין וואַנץ ליגט אויפן פלייצע, און די צווייטע הענגט אַראָפּ. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַרויסגענומען די ליולקע און שרייט: „אַדיע!"... אַ גאַנץ יאָר האָב איך אים באַדויערט. עך!... וואָס האָט זיך מיט זיי געטראָפן דאַמאָלסט, בעת זיי האָבן שוין געוואָלט אומקערן זיך צו זיך אין די קאַרפּאַטן. ביים גע־זעגענען זיך זיינען זיי אַוועק צו איינעם אַ רומענער, אין געסט, און האָרטן האָט מען זיי געפּאַקט. בלויז די צוויי, און עטלעכע האָט מען דערהרגעט. און די איבעריקע זיינען אַוועק.... דאָך האָט מען דעם רומענער שפּעטער באַצאָלט... זיין כּוטאָר און דעם מיל, און די גאַנצע תּבואה האָט מען פאַרברענט. ער איז געוואָרן אַ בעטלער.

— דאָס האָסטו געטאָן? — האָב איך געפרווט טרעפן.

— אַ סך פריינד האָבן די גוצולן געהאַט, ניט איך אַליין... ווער ס'איז געווען זייער בעסטער פריינד, דער האָט זיי מזכיר־נשמות געווען...

דאָס געזאַנג אויפן ברעג ים האָט שוין אויפגעהערט, און דער זקנה האָט איצט אָפּגעענטפערט דאָס רוישן פון די ים־כוואַליעס. דער פּאַרטראַכטער, אומרויִקער גערויש איז געווען אַ פרעכטיקער עכאָ צו דער דערציילונג וועגן דעם אומרויִקן לעבן. שטיל, קיים וואָס מע האָט געהערט, האָט זיך פון דעם ים־ברעג דערטראָגן אַן אומדייטלעכער געשפּרעך און אַ געלעכטער פון מענטשן. אַלץ ווייכער איז געוואָרן די נאַכט, און אַלץ מער האָט זיך צע־וואַקסן אין איר די בלייע שיין פון דער לבנה, און די אומקלאָרע קלאַנגען פון דעם האַווענישפולן לעבן פון אירע אומגעזעענע באַ־וואוינער זיינען געוואָרן שטילער, און זיינען פאַרטויבט געוואָרן פון דעם אָנגעוואַקסענעם גערויש פון די כוואַליעס... דען דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט.

„און חוץ דעם האָב איך נאָך אויך אַ טערק ליב געהאַט. געווען ביי אים אין האַרעם, אין סקוטאַרי. אַ גאַנצע וואָך גע־

ואוינט, — גאָרנישט... נאָר ס'איז געוואָרן לאַנגווייליק... — דורכ=
אים פרויען און פרויען... אַכט האָט ער געדאַט... אַ גאַנצן טאָג
סן זיי און טרינקען און פלאַפלען, אַזוי ווי די הינער... ער איז
שיין ניט געווען קיין יונגערמאַנטשיק, — דער האָזיקער טערק. אַ
הייער כמעט און אַזאַ תשובותדיקער, אַ רייכער. גערעדט האָט ער—
הי אַ הערשער... די אויגן זיינען ביי אים געווען שוואַרצע... גלייכע
אויגן... זיי קוקן גלייך אין דער נשמה אַריין. ער האָט זייער ליב
געהאַט מתפלל צו זיין. אין בוקאַרעשט האָב איך אים הערן....
גיט אַרום איבערן מאַרק, ווי אַ קיסר, און קוקט אַזוי האָפערדיק=
האָפערדיק. האָב איך צו אים אַ שמייכל געטאָן. און דעם זעלבן
אָוונט האָט מען מיך געכאַפּט און געבראַכט צו אים. ער האָט פאַר=
קויפט סאַנדל=האָלץ און פאַלמען=האָלץ, און איז געקומען קיין
בוקאַרעשט עפּעס קויפן. „דו פּאָרסט צו מיר?“ זאָגט ער. — אָ, יאָ,
כ'פּאָר! „גוט!“ און איך בין אַוועקגעפאָרן. געווען אַ רייכער, דער
האָזיקער טערק. און אַ זון האָט ער שוין געהאַט — אַ שוואַרץ
יינגעלע, אַזאַ עלאַסטישס... אַלט געווען אַ יאָר זעכצן. מיט אים
בין איך אַנטלאָפן פון דעם טערק... אַנטלאָפן קיין בולגאַריע, אין
לאָם=פּאַלאַנקע... דאָרטן האָט מיר אַ בולגאַרקע דערלאַנגט מיט אַ
מעסער אין ברוסט פאַר איר חתן אָדער פאַר איר מאַן — איך
געדענק שוין ניט. אַ גאַנצע צייט בין איך געלעגן קראַנק אין אַ
מאָנאַסטיר. ס'איז געווען אַ פרויען=מאָנאַסטיר. אויסגעפּאַסט האָט מיך
אַ פוילישע מיידל... און צו איר פלעגט פון אַ צווייטן מאָנאַסטיר, גע=
דענק איך, — לעבן אַרצע=פּאַלאַנקע, — אַריינקומען אַ ברודער, אויך
אַ מאָנאַכל... אַזאַ... ווי אַ וואָרעם האָט ער זיך פאַר מיר גע=
דרייט.... און בעת איך בין געזונט געוואָרן, בין איך אַוועק... מיט
אים אין זיין פוילן“.

— וואַרט נאָר!... און וואו איז אַהינגעקומען דאָס קליינע
טערקעלע?

— דאָס יינגל? דאָס יינגל איז אַוועקגעשטאָרבן. — אים בענק=
שאַפט צו דער היים אָדער אויס ליבע... נאָר ער האָט גענומען
דאַרן, ווי אַ שוואַך ביימעלע, וועלכן די זון האָט צופיל אָנגעברענט...
און אַזוי האָט ער אַלץ געטריקנט... כ'געדענק, ער ליגט אַזוי,

שוין אינגאַנצן דורכזיכטיק און בלייִלעך, ווי אַ קליינע אייז־קריע, און די ליבע ברעמען נאָך אין אים... און ער בעט אַלץ, איך זאָל זיך אָנבייגן און אים אַ קוש טאָן... כ'האָב אים ליב געהאַט און כ'האָב אים, געדענק איך, אַ סך געקושט...דערנאָך איז ער שוין גאָר געוואָרן געפּערלעך — האָט זיך כמעט ניט באַוועגט. ער ליגט און ווי אַן אָרעמאַן, וואָס בעט אַ נדבה, בעט ער מיך, אַזוי רחמנותדיק, איך זאָל זיך לייגן לעבן אים און אים וואַרעמען. האָב איך זיך געלייגט. לייגסטו זיך מיט אים... צינדט ער זיך תיכף אָן אינגאַנצן. איינמאָל כאַפּ איך זיך אויף פון שלאָף, ערשט ער איז שוין אינגאַנצן קאַלט... טויט... האָב איך געוויינט איבער אים. ווער ווייס? אפשר האָב איך אים דאָס דערהרגעט. איך בין שוין דעמאָלט געווען אין צווייען עלטער פון אים. און בין געווען אַזאַ שטאַרקע און אַזאַ זאַפטיקע... און ער וואָס?... אַ יינגל...

די האָט אָפּגעזיפצט און האָט זיך, — דאָס ערשטע מאָל האָב איך עס ביי איר געזען — דריי מאָל איבערגעצלמט, און האָט עפּעס געפּליסטערט מיט די טריקענע ליפּן.

— נו, — האָב איך איר אונטערגעזאָגט, זעענדיק, ווי זי שווייגט, — ביסטו אַוועק קיין פּוילן...

— יאָ... מיט יענעם קליינינקן פּויל. ער איז געווען אַ קאָמישער און אַ געמיינער. בעת ער פּלעגט זיך נייטיקן אין אַ פרוי, פּלעגט ער זיך לאַשטשען צו מיר, ווי אַ קאָטער, און פון זיין צונג פּלעגט רינען הייסער האָניק, און בעת ער האָט מיך ניט געוואָלט, האָט ער מיך געשמיסן מיט ווערטער, אַזוי ווי מיט בייטשן. איינמאָל זיינען מיר עפּעס אַזוי געגאַנגען איבערן ברעג טייך, און דאָ האָט ער מיר געזאָגט זיין שטאָלץ באַליידיקנדיק וואָרט. אָ! אָ!... בין איך געוואָרן אין כעס! כ'האָב געגומען זידן, אַזוי ווי פּעך! כ'האָב אים גענומען אויף די הענט און, אַזוי ווי אַ קינד, — ער איז דאָך געווען אַ קליינינקער, — האָב אים איפּגעהויבן אין דער הויך און צוגעדריקט אים די זייטן אַזוי, אַז ער איז אינגאַנצן בלוי געוואָרן. און אָט האָב איך זיך צעוויגט און אַ וואָרף געטאָן אים פון ברעג אין טייך אַריין. ער האָט אַלץ געשריען... אַזוי קאָמיש געשריען. כ'האָב געקוקט אויף אים פון דערהויך, און ער

האָט זיך אַלץ געצאַפּלט דאָרטן, אין וואַסער. דעמאָלט בין איך אַוועק און מער האָב איך אים ניט באַגעגנט. איך בין געווען דערפֿון גליקלעך: מער האָב איך זיך קיינמאָל ניט באַגעגנט מיט יענע, וועלכע איך האָב אַמאָל געליבט. אַזעלכע באַגעגענישן זיינען ניט קיין גוטע; ס'איז אַלצאיינס, ווי מיט געשטאָרבענע.

די אַלטע איז אַנטשוויגן געוואָרן, און האָט זיך אָפּגעזיפֿצט.

איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט די מענטשן, וועלכע זי האָט באַ-לעבט. אָט איז ער, דער פֿייערדיק-רויטער, באַוואָנצטער גוצל, וואָס גייט שטאַרבן און רויכערט רויק די ליולקע, אַ שטאַרקער, אַן אַנטשלאָסענער יונג... ער האָט געוויס געהאַט קאַלטע בלויע אויגן, וואָס האָבן אויף אַלץ געקוקט פֿאַרטיפֿט און פֿעסט. אָט איז לעבן אים דער שוואַרצוואָנציקער פֿישער פֿון פּרוט; ער וויינט און וויל ניט שטאַרבן, און אויף זיין געזיכט, וועלכעס איז געווען בלאַס פֿון דעם טרויער, וואָס פֿאַרן טויט, זיינען די פֿריילעכע אויגן פֿאַרנעפּלט געוואָרן, און די וואָנצעס, וואָס זיינען געווען פֿייכט פֿון טרערן, זיינען טרויעריק אַראָפּגעהאַנגען איבער די ווינקלען פֿון דעם אויסגעקרימטן מויל. אָט איז ער, דער אַלטער האָבעדיקער טערק, געוויס אַ פֿאַטאַליסט און אַ דעספּאָט, און לעבן אים איז זיין זון, די בלייכע און איידעלע בלום פֿון מזרח, וואָס איז פֿאַר-סמט געוואָרן פֿון די קושן. און אָט איז דער כבוד-דאָרשטיקער פּאָליאַק, אַ גאַלאַנטער און אַ אַכזריותדיקער, אַ באַריידזאַמער און אַ הונגעריקער... און זיי אַלע זיינען בלויז בלייכע שאָטנס, און אָט זיצט לעבן מיר יענע, וועלכע זיי האָבן געקושט, אַ לעבעדיקע, אָבער שוין איינגעדאַרט פֿון דער צייט, אָן פֿלייש און אָן בלוט, מיט אַ האַרץ אָן באַגערן, מיט אויגן אָן פֿייער... אויך כמעט אַ שאָטן.

און זי האָט ווייטער גערעדט.

„אין פּוילן איז מיר געוואָרן שווער. דאָרטן וווינען קאַלטע און פֿאַלשע מענטשן. כ'האָב ניט געקענט זייער שלאַנגען-שפּראַך. אַלע ציישען... וואָס ציישען זיי? דאָס האָט זיי גאָט געגעבן אַזאַ שלאַנגען-שפּראַך, דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען פֿאַלש. בין איך דע-מאָלט געגאַנגען, ניט וויסנדיק וואו, און האָב געזען, ווי זיי האָבן זיך געקליבן צו בונטעווען קעגן אייך, רוסן. און ענדלעך, בין איך

דערגאַנגען ביז דער שטאָט באָכניע. איינער אַ ייד האָט מיך געקויפט; ניט פֿאַר זיך האָט ער מיך געקויפט, נאָר צו האַנדלען מיט מיר. האָב איך מסכּים געווען אויף דעם. כּדי צו לעבן, דאַרף מען עפּעס טאָן. איך האָב גאָרנישט ניט געקענט און דערפֿאַר האָב איך באַצאָלט מיט זיך. נאָר איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז אויב איך וועל קריגן אַ ביסל געלט, איך זאָל קענען אומקערן זיך צו זיך אויפֿן בירלאַט, וועל איך האָך צערייסן די קייטן, ווי שטאַרק זיי זאָלן ניט זיין. און איך האָב דאָרטן געלעבט.

זיינען צו מיר געגאַנגען רייכע פּריצים און האָבן געהוליעט מיט מיר און ביי מיר. דאָס האָט זיי טייער געקאָסט. זיי האָבן זיך פֿאַר מיר געשלאָגן, געלאָזט הינירן. איינער האָט זיך צו מיר אַ לאַנגע צייט געשדכנט און איינמאָל האָט ער אָט־וואָס געטאָן: ער איז געקומען און הינטער אים גייט דער דינער מיט אַ זאַק. האָט דער פּריץ גענומען דעם זאַק און האָט אים איבערגעקערט אויף מיין קאָפּ. די גאָלדענע מטבעות האָבן געקלונגען איבערן קאָפּ, און מיר איז פֿריילעך געווען צו הערן זייער קלונג, בעת זיי זיינען געפֿאַלן אויפֿן דיל. נאָר איך האָב דאָך דעם פּריץ אַרויסגעטריבן. ביי אים איז געווען אַזאַ דיק, רוי געזיכט, און דער בויך — ווי אַ גרויסע קישן. ער האָט געקוקט, ווי אַ זאַטער חזיר. יאָ, כ'האָב אים אַרויסגעטריבן, הגם ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פֿאַרקויפֿט די גאַנצע ערד זיינע, די הייזער, און די פֿערד, כּדי צו באַשיטן מיך מיט גאָלד. כ'האָב זיך דעמאָלט געליבט אין אַ גריכן פּריץ מיט אַ שראַם אויפֿן געזיכט. דאָס גאַנצע געזיכט איז ביי אים געווען צעשניטן אין דער לענג און אין דער ברייט מיט טערקישע שווערדן, מיט וועלכע ער האָט אַ קורצע צייט פֿאַר דעם געקעמפֿט קעגן די טערקן פֿאַר די גריכן. אָט דאָס איז געווען אַ מענטש!... וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט ער מיט די גריכן, בשעת ער איז גאָר אַ פּאָליאַק? און ער איז אַוועק, האָט זיך געשלאָגן אין איין ריי מיט די קעגן זייערע פֿיינד. מע האָט אים צעשניטן, איין אויג איז ביי אים אויסגערונען פֿון די קלעפּ און צוויי פֿינגער אויף דער לינקער האַנט האָט מען אים אויך אָפּגעהאַקט... וואָס זיינען אים געווען די גריכן, בשעת ער איז גאָר אַ פּאָליאַק? אָט־וואָס זיי־

זיינען געווען: ער האָט ליב געהאַט גבורות. און בעת אַ מענטש האָט ליב גבורות, וועט ער זיי שטענדיק קענען טאָן און וועט זיי זוכן צו טאָן, וואו דאָס וועט נאָר מעגלעך זיין. אין לעבן, ווייסטו, איז שטענדיק פאַראַן אַן אָרט פאַר גבורות. און די־יעניקע, וואָס געפינען זיי ניט פאַר זיך, יענע זיינען פשוט פוילערס אָדער פשוט פחדנים, אָדער זיי פאַרשטייען ניט דאָס לעבן, וואָרעם ווען מענטשן וואָלטן פאַרשטאַנען דאָס לעבן, וואָלט יעדערער געוואָלט איבערלאָזן נאָך זיך זיין שאָטן אין לעבן. און דעמאָלט וואָלט דאָס לעבן ניט פאַרשלינגען שפורלאָז קיין מענטשן... אָ, דער דאָזיקער געשראַמטער פריץ איז געווען אַ וואוילער מענטש! ער איז געווען גרייט צו גיין עק וועלט, אַבי צו טאָן עפּעס־וואָס. אַייערע האָבן אים געווים דערהרגעט בעת דעם אויפשטאַנד. און צו וואָס זייט איר געגאַנגען שלאָגן די אונגאַרן? נו, נו, שווייג!...״

און הייסנדיק מיר שווייגן, איז די אַלטע איזערגיל פלוצלונג אַליין אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך פאַרטראַכט.

„כ'האָב איך געקאָנט איינעם אַן אונגאַר, ער איז איינמאָל פון מיר אַוועק, — ס'איז געווען ווינטער, — און ערשט אין פרילינג, בעת ס'איז צעגאַנגען דער שניי, האָט מען אים געפונען אין פעלד מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ. אָט! זעסטו שוין — אַז די ליבע ברענגט אום מענטשן ניט ווייניקער, ווי די דושומע; אַז מע זאָל אויסרעכענען — וועט אויסקומען ניט ווייניקער... וועגן וואָס האָב איך גערעדט? וועגן פוילן... איז יאָ, האָב איך דאָרטן אָפּגעשפּילט מיין לעצטע שפּיל. כ'האָב זיך באַקענט מיט אַ שליאַכטיטש... אָט איז עס געווען אַ פאַרשיין! ווי אַ טייוול. איך דערקענען בין שוין געווען אַלט, עך, אַלט! צי איז מיר שוין געווען פיר צענדליק יאָר? ס'קען זיין, אַז ס'איז געווען... און ער איז נאָך געווען אי שטאָלץ אי צעפּעסטעט פון אונז, פרויען... ער איז מיר געוואָרן טייער... יאָ, האָט ער מיך תיכף, אָט אַזוי זיך, געוואָלט נעמען, נאָר איך האָב זיך ניט געגעבן. איך בין קיינמאָל ניט געווען יענעמס קנעכט. און מיט דעם ייִדן האָב איך שוין געהאַט געענדיקט, אַ סך געלט אים געגעבן... און איך האָב שוין געהאַט געלעבט אין קראָקע. דעמאָלט האָב איך אַלץ פאַרמאָגט, אי פערד, אי גאָלד, אי דינער...

איז ער צו מיר געגאַנגען, דער שטאָלצער דעמאָן, און האָט אַליץ געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אַליין וואַרפן אים אין די אָרעמס. האָב איך זיך מיט אים צעאַמפּערט... איך בין אַפילו — געדענק איך — מיאוסער געוואָרן דערפון. לאַנג האָט זיך עס געצויגן... איך האָב אָבער אויסגעפירט: ער האָט זיך ביי מיר אויף די קני געבעטן... אָבער ווי-נאָר ער האָט מיך גענומען, אַזוי האָט ער מיך תיכף אַוועקגעוואָרפן. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין געוואָרן אַלט... אָך, דאָס איז מיר געווען ניט זיס!... אוי, ניט זיס!... כ'האָב דאָך אים ליב געהאַט, דעם דאָזיקן טייוול... און ער, אַז ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט מיר, פלעגט ער שמייכלען צו מיר... אַ געמיינער יונג געווען! און פאַר אַנדערע האָט ער חוזק געמאַכט פון מיר, און איך האָב דאָס אַליץ געוואוסט. נו, וואָס זאָל איך זאָגן, ס'איז מיר שוין געווען ביטער. אָבער ער איז געווען חאָ, נאָענט, און איך האָב דאָך פאָרט אָנגעקוואָלן פון אים. איז אָט, אַז ער איז אַוועק שלאָגן זיך מיט אַייך, רוסן, איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק. האָב איך זיך געבראָכן און זיך ניט געקענט צעברעכן... און כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן צו אים. געווען איז ער לעבן וואַרשע, אין אַ וואַלד.

„נאָר בעת איך בין געקומען צו פאָרן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַייערע האָבן זיי שוין צעשלאָגן... און אַז ער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט, ניט ווייט אין אַ דאָרף.

„הייסט עס, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — אַז איך וועל אים שוין מער ניט זען. און זען האָט זיך מיר געוואָלט. נו, האָב איך גענומען טאָן וועגן דעם, איך זאָל אים קענען זען... כ'האָב זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלערין, פאַר אַ לאָמער, און בין מיט אַ פאַרבונדן געזיכט אַוועק אין יענעם דאָרף, וואו ער איז געווען, — אומעטום שטייען קאָזאַקן און סאָלדאַטן... ס'האָט מיך טייער געקאָסט צו זיין דאָרטן! כ'האָב זיך דערוואוסט, וואו זיי, די פאָליאַקן, זיצן, און איך זע, אַז ס'איז שווער צוצוקומען אַהין. אָבער מיר איז עס געווען נייטיק, איז אָט האָב איך ביינאַכט צוגעפוזעט צו יענעם אָרט, וואו זיי זיינען געזעסן. פוזע איך אַזוי איבער אַ גאָרטן צווישן ביימען און זע, אַ וואַך-זעלנער שטייט אויף מיין וועג... און איך

הער שיין — די פּאָליאַקן זינגען און ריידן הויך. זיי זינגען אַ ליד... צו גאָטס מוטער... און יענער, מיין אַרקאַדעק, זינגט אויך האַרטן... איז מיר געוואָרן ביטער, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז פריער האָט מען נאָך מיר אַזוי געפייפט... און אָט איז געקומען די צייט — ווען איך פייפ נאָך אַ מענטשן, ווי אַ שלאַנג איף דער ערד און, אפשר, פייפ איך אויף מיין טויט. און דער האַזיקער וואַך-זעלנער הערט עס שיין, האָט ער זיך אויסגעבויגן אויף פאָראויס. נו, וואָס האָב איך געוואָלט טאָן? בין איך אויפגעשטאַנען און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. מיט זיך האָב איך ניט געהאַט ניט קיין מעסער, ניט קיינזאַך, אויסער הענט און אַ שפּראַך. מיך פאַרדריסט, וואָס איך האָב מיט זיך ניט גענומען קיין מעסער. פליסטער איך צו אים... „וואַרט-צו!...“ און ער, דער זעלנער, האָט שיין צוגעשטעלט צו מיין האַלז די שפּיז. זאָג איך אים פליסטערנדיק: „שטעך ניט, וואַרט-צו, הער אויס, אויב דו האָסט אַ נשמה! כ'קען דיר גאָרנישט ניט געבן, נאָר איך בעט דיך“... האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ביקס און זאָגט מיר אויך מיט געפליסטער: „מאַרש פונדאַנען, באַבע! מאַרש! וואָס פאַרלאַנגסטו?“ האָב איך אים געזאָגט, אַז מיינער אַ זון זיצט דאָ פאַרשפּאַרט... „די פאַרשטייסט, זעלנער, — אַ זון! דו ביסט דאָך אויך עמעצנס אַ זון, יאָ? איז אָט, גיב אויף מיר אַ קוק — איך האָב פונקט אַזאַ זון, ווי דו, און אָט וואו ער איז! לאָז מיך אויף אים אַ קוק טאָן; מעגלעך, אַז ער וועט באַלד שטאַרבן... און מעגלעך, אַז מאָרגן וועט מען דיך דערהרגענען.... וועט דיין מאַמע וויינען נאָך דיר. און דיר וועט דאָך זיין שווער צו שטאַרבן, ניט אַ קוק געבנדיק אויף איר, אויף דיין מאַמען? און מיין זון וועט אויך זיין שווער. דערבאַרעם-זשע זיך איבער דיך און איבער אים, און איבער מיר — אַ מוטער!...“

— אָך, ווי לאַנג איך האָב מיט אים גערעדט! ס'איז געגאַנגען אַ רעגן און האָט אונז דורכגעווייקט. דער ווינט האָט געוואָיעט און גערעוועט, און האָט מיך געשטויסן, דאָס אין פּלייצע, דאָס אין דער ברוסט. בין איך געשטאַנען און זיך געוויגט פאַר דעם האַזיקן שטיינערנעם זעלנער... און ער האָט אַלץ געזאָגט „ניין!“

אין יעדעס מאָל, ווען איך האָב געהערט זיין קאַלט וואָרט, האָט זיך אין מיר נאָך מער אָנגעצונדן דער באַגער צו זען יענעם אַרקאַדעקן... האָב איך גערעדט און אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם סאָלדאַט — ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרער און האָט רק געהוסט... איז אָט בין איך אים געפאַלן צו די פיס און אַרומכאַפּנדיק זיינע קני, האָב איך אים אַלץ געבעטן מיט גוטע רייד און האָב אַנידערגעוואָרפן דעם זעלנער אויף דער ערד. איז ער אַנידערגעפאַלן אין דער בלאָטע. דעמאָלט האָב איך שנעל אומגעקערט זיין פנים צו דער ערד און האָב איינגעדריקט זיין קאָפּ אין דער קלויזשע, ער זאָל ניט שרייען. ער האָט ניט געשריען, נאָר ער האָט זיך אַלץ געוואָרפן, וועלנדיק אַראָפּוואַרפן מיך פון זיין רוקן. איך דערקענען האָב מיט ביידע הענט אַריינגעקוועטשט זיין קאָפּ אַלץ טיפער אין דער בלאָטע. ער האָט זיך דערשטיקט... דעמאָלט האָב איך זיך געוואָרפן צו דעם שפּיכלער, וואו די פּאָליאַקן האָבן געזונגען. „אַרקאַדעק!“... האָב איך געשעפּטשעט אין די שפּאַלטן פון די ווענט. זיי, די פּאָליאַקן, שטויסן זיך לייכט אָן, און דערהערנדיק מיך, האָבן זיי אויפגעהערט צו זינגען! אָט זיינען זיינע אויגן אַנטקעגן מיינע. „קענסט אַריינגיין פונדאַנען?“ — „יאָ, דורכן דיל!“ האָט ער געזאָגט. — „נו, איז גיי“. און אָט זיינען פיר ווייערע אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם שפּיכלער: דריי און מיין אַרקאַדעק. „וואו איז דער וואַך־זעלנער?“ האָט אַרקאַדעק געפרעגט.—„אָט ליגט ער!“...און זיי זיינען אַוועק שטיל־שטיל, איינגעבויגן צו דער ערד. דער רעגן האָט געגאָסן, דער ווינט האָט הויך געוואָיעט. מיר זיינען אַוועק פון דאָרף און זיינען לאַנג געגאַנגען שווייגנדיקערהייט דורכן וואַלד. מיר זיינען שנעל אַזוי געגאַנגען. אַרקאַדעק האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ האַנט, און זיין האַנט איז געווען הייס און האָט געציטערט. אָ!... מיר איז געווען אַזוי גוט מיט אים, כל־זמן ער האָט געשוויגן. דאָס זיינען געווען די לעצטע מינוטן — גוטע מינוטן פון מיין גייציקן לעבן. נאָך אָט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לאָנקע און זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן מיר אַלע פיר אָפּגעדאַנקט. אָך, ווי זיי האָבן מיר לאַנג און פיל עפּעס געזאָגט! איך האָב אַלץ געהערט און געקוקט אויף מיין פּאַן. וואָס־זשע

וועט ער מיר טאָן? אין אַט האָט ער מיך אַרומגענומען און האָט געזאָגט אַזוי ערנסט... כ'געדענק ניט, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר ס'איז אַרויסגעקומען אַזוי, אַז איצט איז ער מיר דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס איך האָב אים אַוועקגעפֿירט; אַז ער וועט מיך ליב האָבן... און ער האָט זיך, שמייכלענדיק, געשטעלט אויף די קני, און האָט מיר געזאָגט: „מיין מלכּה!" אַט אַזאַ פֿאַלשער הונט דאָס איז געווען!... נו, דעמאָלט האָב איך אים דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פֿוס און וואָלט אים אויך אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים, נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט און איז אויפֿגעשפּרונגען. שטייט ער פֿאַר מיר אַ גרויזאַמער און אַ בלייכער... עס שטייען אויך יענע דריי, אַלע אָנגעבראָגזטע. און אַלע שווייגן. האָב איך אויף זיי אַ קוק געטאָן... מיר איז דעמאָלט געוואָרן — געדענק איך — בלויז זייער אומעטיק, און אַזאַ פֿוילקייט איז אויף מיר אַרויפֿגעפֿאַלן... האָב איך געזאָגט צו זיי: „גייט אַוועק!" האָבן זיי, די הינט, מיך געפֿרעגט: „וועסט זיך אפֿשר אומקערן אַהין און וויזן אונז דעם וועג?" אַט וואָס פֿאַר אַ געמיינע מענטשן! נו, דאָך זיינען זיי אַוועק דעמאָלט בין איך אויך אַוועק... און אויפֿן צווייטן טאָג האָבן אַייערע מיך גענומען, נאָר באַלד האָבן זיי מיך אָפּגעלאָזן. דעמאָלט האָב איך דערזען, אַז ס'איז צייט צו פֿאַרלייגן זיך אַ נעסט, גענוג מיר צו וואוינען ווי אַ קוקאַווקע! איך בין שוין געוואָרן שווער, און די פֿליגלען זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און די פֿעדערן זיינען אָפּגעבלאַקעוועט געוואָרן... שוין צייט, שוין צייט! דאַן בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין גאַליציע, און פֿון דאָרטן קיין דאָברודזשע. און אַט וואוין איך שוין דאָ אַרום דריי צענדליק יאָר. כ'האָב געהאַט אַ מאַן אַ מאָלדאַוואַן: איז ער מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן. און אַט לעב איך! איינע אַליין לעב איך!... ניין, ניט אַליין, נאָר אַט מיט יענע..."

די אַלטע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום ים. דאָרט איז אַלץ געווען שטיל. טיילמאָל פֿלעגט געבאָרן ווערן עפּעס אַ קורצער, אילוזאָרישער קלאַנג און פֿלעגט תּיכּף אָפּשטאַרבן.

— זיי ליבן מיך. איך דערצייל זיי אַ סך זאַכן. זיי דאַרפֿן עס האָבן. זיי זיינען נאָך אַלץ יונג... און מיר איז גוט מיט זיי.

איך קוק און טראַכט: ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך בין געווען אַזאַ... נאָר דערמאָלט, אין מיין צייט, האָט דער מענטש געהאַט מערער כּיחות און פייער, און דערפאַר האָט זיך געלעבט פרייליכער און בעסער... יאָ!...

און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. כ'האָב זי שאַרף און לאַנג אָנגעקוקט. מיר איז טרויעריק געווען לעבנאַנאַנד מיט איר. זי ווידער האָט געדרעמלט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און האָט שטיל־שטיל עפּעס געפּליסטערט... אפשר האָט זי געזאָגט אַ תּפילה...

פון ים אַפער האָט זיך אויפגעהויבן אַ כמאַרע — אַ שוואַרצע, אַ שווערע, מיט שטרענגע קאָנטורן, ענלעך אויף אַ באַרג־קאַם. די כמאַרע האָט געפּייזעט אין סטעפּ. פון אירע שפּיצן האָבן זיך אָפּגעריסן שטיקלעך וואָלקן, האָבן זיך געטראָגן פאַר איר און האָבן כּסדר געלאָשן די שטערן. דער ים האָט גערוישט. ניט ווייט פון אונז, אונטער די צווייגן פון די ווינשטאָק־ביימער, האָט מען זיך געקושט, געפּליסטערט און געזיפצט. טיף אין סטעפּ האָט געוואָיעט אַ הונט... די לופט איז געוואָרן שטיקנדיק און האָט גערייצט די נערוון מיט אַן אייסטערלישן ריח, וואָס האָט געקיצלט די נאָזלעכער. פון די וואָלקנס זיינען געפאַלן אויף דער ערד געדיכטע טשאַטעס שאָטנס און האָבן געפּויזעט איבער איר, געפּויזעט און פאַרשוואונדן און ווידער זיך באַוויזן... די לבנה האָט זיך פאַרלאָשן, אויף איר אָרט איז פאַרבליבן אַן אָפּאַל־אַרטיקער, טריבער פלעק, און טיילמאָל האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרדעקט מיט אַ תּכלתדיקן שטיקל וואָלקן. און אין דער ווייטקייט פון סטעפּ, וואָס איז איצט שוין געווען שוואַרץ און שרעקלעך, גלייך ער וואָלט זיך פאַרטייעט און עפּעס פאַרבאָרגן אין זיך, האָבן זיך אָנגעצונדן קליינע בלויע פייערלעך. דאָס דאָ, דאָס דאָרטן, האָבן זיי אויף אַ רגע אויפגעשיינט און פאַרלאָשן געוואָרן, גלייך עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך ווייט איינע פון די אַנדערע צעשאָטן איבערן סטעפּ, וואָלטן עפּעס אין אים געזוכט און געצונדן שוועבעלעך, וועלכע דער ווינט האָט תּיכף פאַרלאָשן. דאָס זיינען געווען זייער אייסטערלישע בלויע צונגען פייער, וואָס האָבן אָנגעוואונקען אויף עפּעס לעגענדאַרס.

— די זעסט פונקען? — האט מיך איזעריל געפרעגט.

— אט יענע, די בלויע? — האב איך, אנווייזנדיק אויפן סטעפ, געזאגט.

— די בלויע? יא, דאס זיינען זיי... הייסט עס, אז זיי פליען פארט! נו-נו... איך זע זיי שוין ניט מער. איך קען שוין איצט קיין סך ניט זען.

— פון וואנען האבן זיך עס גענומען די פינקען? — האב איך ביי דער אלטער געפרעגט. איך האב פריער עפעס געהערט וועגן דער אפשטאמונג פון די דאזיקע פונקען, נאר מיר האט זיך געוואלט הערן, ווי אזוי וועט וועגן דעם דערציילן די אלטע איזעריל.

— די דאזיקע פינקען זיינען פון דאנקאס ברענענדיקן הארצן. ס'איז געווען אויף דער וועלט א האריץ, וואס האט זיך איינמאל אנגעצונדן מיט פייער... און אט פון אים שטאמען עס די דאזיקע פונקען. איך וועל דיר וועגן דעם אויספירלעך דערציילן... אויך אן אלט מעשהלע... אלץ דאס אלטע, דאס אלטע! זעסטו, וויפל ס'איז אלץ פאראן אין די אלטע צייטן?... און איצט אט איז קיין זאך אזוינס ניטא — ניט קיין מעשים, ניט קיין מענטשן, ניט אזעלכע מעשהלעך, ווי אין די אלטע צייטן... פארוואס? אנו, זאג! וועסט ניט זאגן... וואס ווייסטו? וואס ווייסט איר, איר אלע יונגע? עכע-כע!... איר וואלט אבער אריינגעקוקט מיט אן אפן אויג אין די אמאליקע צייטן — דארטן געפינען זיך אלע באשיידונגען... אבער איר קוקט ניט און איר קענט העריבער ניט לעבן... איך זע דען ניט דאס לעבן? אך, איך זע אלץ, כאטש מיינע אויגן זיינען שוואך! און איך זע, אז די מענטשן לעבן ניט, נאר פאסן זיך אלץ צו, פאסן זיך צו און גיבן אפ אויף דעם זייער גאנץ לעבן. און בעת זיי באגנבענען זיך אליין און ברענגען אוים די צייט, הייבן זיי זיך אן צו קלאגן אויפן גורל. וואס געהער אהער דער גורל? יעדער איז פאר זיך אליין א גורל! פארשיידענע מענטשן זע איך איצט, אבער קיין שטארקע זיינען ניטא! וואו-זשע זיינען זיי?... און שיינע מאנסלייט ווערן אלץ ווייניקער.

די אלטע האט זיך פארטראכט וועגן דעם, וואו עס האבן זיך אהינגעטאן פון לעבן די שטארקע און די שיינע מענטשן און

טראַכטנדיק, האָט זי באַקוקט דעם פינסטערן סטעפּ, גלײַך זי וואָלט אין אים געזוכט אַן ענטפער.

כ'האָב געוואַרט אויף איר דערציילונג און האָב געשוויגן, מורא האָבנדיק, אַז אויב איך וועל זי וועגן עפּעס בעטן, וועט זי ווידער אַוועק אין אַ זייט. כ'האָב געוואוסט, אַז בעת זי לאָזט זיך אַוועק אין דעם שטורעמדיקן ים פון אירע ערינערונגען, הויבט ער אויף איר מיט פילאָסאָפיע, און אָפט האָט פּאַסירט, אַז דער סוף פון דער אָדער יענער לעגענדע איז פאַרלאָרן געגאַנגען אונטער דער משא פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע, וואָס איז געווען פריי און פּשוט, נאָר אין דער אויסלייגונג פון דער אַלטער איזערגיל איז זי אַרויסגעקומען, ווי עפּעס אַ מאָדנער קנויל פאַרשיידנפאַרביקע פעדעם פון געשיקט פאַרפלאָנטערטע ציַיטן.

.3

און אָט האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן:

„אין די אַלטע ציַיטן האָבן געוואוינט אויף דער ערד בלויז מענטשן. וואו — ווייס איך, ניט. איך ווייס נאָר, אַז גרויסע אומדורכגענגלעכע וועלדער האָבן פון דריי זייטן אַרומגערינגלט די לאַגער־ערטער פון די דאָזיקע מענטשן, און פון דער פערטער זייט איז געווען אַ סטעפּ. געווען זיינען עס פריילעכע, שטאַרקע און דרייסטע מענטשן, וואָס האָבן קיין סך ניט פאַרלאַנגט... און אָט איז איינמאָל אָנגעשטאַנען אַ שווערע ציַיט: פון ערגעץ האָבן זיך באַוויזן אַנדערע שבטים און האָבן פאַרטריבן די פריערדיקע טיף אין וואַלד אַריין. דאָרטן זיינען געווען בלאָטעס און פינסטערניש, מחמת דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער, און זיינע צווייגן האָבן זיך אַזוי געדיכט איבערגעפלאָכטן, אַז דורך זיי האָט מען ניט געזען דעם הימל, און די שטראַלן פון דער זון האָבן דורך דער געדיכטער באַבלעטערונג קוים געקענט דורכשלאָגן זיך אַ וועג צו די בלאָטעס. נאָר בעת די שטראַלן זיינען געפאַלן אויף דעם וואַסער פון די בלאָטעס, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשטאַנק, און פון אים זיינען די מענטשן איינע נאָך די אַנדערע אומגעקומען. דעמאָלט האָבן די ווייבער און די קינדער פון דעם [illegible] שבט גענומען וויינען, און

די פּאַטערס האָבן זיך פאַרטראַכט און זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ
מרה־שחורה. מע האָט באַדאַרפט אַוועקגיין פון דעם דאָזיקן וואַלד,
און איך העם זיינען געווען צוויי וועגן: איין וועג האָט געפירט —
איף צוריק, — האָרטן זיינען געווען שטאַרקע און בייזע פיינד,
און דער צווייטער — האָט געפירט פאָראויס, — דאָרטן זיינען געשטאַנען
ריזנביימער, וואָס האָבן פעסט אַרומגענומען איינע די אַנדערע מיט
מעכטיקע צווייגן און האָבן אַריינגעלאָזן זייערע קניפּלדיקע וואָרצ־
לען טיף אין דעם קלעפּיקן שליים פון דער בלאָטע. די דאָזיקע
ביימער, גלייך זיי וואָלטן געווען שטיינערנע, זיינען בייטאָג געשטאַנען
שווייגנדיק און אומבאַוועגלעך אין אַ גרויען טונקל און אין די אָוונטן,
בעת עס פלעגן זיך אָנצינדן די שייטערס, פלעגן זיי נאָך פעסטער
זיך צונויפרוקן אַרום יענע מענטשן. און שטענדיק, ביי־
טאָג און ביינאַכט, איז אַרום יענע מענטשן, וואָס זיינען געווינט
געווען צו דער רחבות און שיין פון סטעפּ, געווען אַ רונג פון שטאַר־
קער פינסטערניש, וואָס האָט זיך אַזוי ווי געגרייט צו דערשטיקן
זיי. און נאָך שרעקלעכער איז געווען דעמאָלט, בעת דער ווינט
האָט געקלאַפּט אין די שפּיצן פון די ביימער און דער גאַנצער וואַלד
האָט טויב גערוישט, גלייך ער וואָלט געדראָט און וואָלט געזונגען
אַ טרויער־ליד צו יענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אין אים באַהאַלטן
פון די פיינד. האָך זיינען עס געווען שטאַרקע מענטשן און זיי
וואָלטן געקענט גיין שלאָגן זיך ביז טויט מיט יענע, וואָס האָבן
זיי איינמאָל באַזיגט, נאָר זיי האָבן ניט געקענט שטאַרבן אין די
שלאַכטן, היערפאַר ווייל זיי האָבן געהאַט אַזעלכע געבאָטן, און אַז זיי
וואָלטן געשטאָרבן, וואָלטן מיט זיי פאַרלאָרן געגאַנגען אויך די געבאָטן.
דעריבער זיינען זיי געזעסן און געטראַכט אין די לאַנגע נעכט,
אונטער דעם טויבן גערויש פון וואַלד, אין דעם גיפטיקן געשטאַנק
פון דער בלאָטע. זיי זיינען געזעסן, און די שאָטנס פון די שייַ־
טערס האָבן געטאַנצט אַרום זיי אין אַ שטומען טאַנץ, און אַלע־
מען האָט זיך געחלומט, אַז דאָס טאַנצן ניט די שאָטנס, נאָר דאָס
טריומפירן בייזע רוחות פון די וועלדער און די בלאָטעס... די מענטשן
זיינען אַלץ געזעסן און געטראַכט. נאָר קיין זאַך — ניט אַרבעט,
ניט פרויען — מאַטערן אַזוי ניט אויס דעם מענטשלעכן גוף און

די נשמה, ווי עס מאַטערן איר טרויעריקע מחשבות, וואָס נאָגן דאָס האַרץ, אַזוי ווי שלאַנגען. און די מענטשן זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן טראַכטנדיק... אַ מורא איז געבאָרן געוואָרן צווישן זיי, האָט צונויפגעשמידט זייערע פעסטע הענט. מיט זייער געוויין איבער די אומגעקומענע פון דעם געשטאַנק און איבער דעם שוקזאַל פון די לעבעדיקע, וואָס זיינען אַזוי ווי צונויפגעשמידט געוואָרן פון שרעק, האָבן די פרויען געבוירן גרויל, — און די פחדניתדיקע ווערטער האָט מען געהערט אין וואַלד, תהילת ציטעריק און שטיל, דערנאָך אַליין העכער און העכער... זיי האָבן שוין געוואָלט גיין צום שונא און ברענגען אים אַלס מתנה זיך אַליין, זייער פרייהייט, און דערשראָקן פון דעם טויט, האָט שוין קיינער ניט מורא געהאַט פאַר דעם שקלאַפּערישן לעבן... נאָר דאָ האָט זיך באַוויזן דאַנקאָ און האָט איינער אַליין אַלעמען געראַטעוועט.“

די אַלטע האָט, קענטיק, אָפט דערציילט וועגן דאַנקאָס ברענענדיקן האַרצן: די פּראַזן זיינען ביי איר אַרויסגעקומען אַזוי ווי לאַנגע און גלאַטע סטענגעס. זי האָט גערעדט זינגענדיק, און איר שטימע, אַ סקריפּענדיקע און אַ שטומפּיקע, האָט קלאָר געשילדערט פאַר מיר דעם רוישן פון יענעם וואַלד, אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען פון דעם גיפטיקן אָטעם פון די בלאָטעס די אומגליקלעכע, פאַריאָגטע מענטשן...

„דאַנקאָ — דאָס איז איינער פון יענע מענטשן, אַ יונגער, אַ שיינער. די שיינע — זיינען שטענדיק דרייסטע. און אָט זאָגט ער צו זיי, צו זיינע חברים:

— מיט דער מחשבה אַליין קען מען ניט אָפּראַמען קיין שטיין פון וועג. ווער עס טוט גאָרנישט, פון דעם וועט גאָרנישט ניט ווערן. צו וואָס פאַרן מיר כוחות אויף טראַכטעניש און בענקעניש? שטייט אויף, לאָמיר גיין אין וואַלד און לאָמיר אים דורכגיין אינגאַנצן, ער האָט דאָך אַ סוף — אַליין אויף דער וועלט האָט אַ סוף! לאָמיר גיין! נו! העי!...“

„האָבן זיי אויף אים אַ קוק געטאָן און דערזען, אַז ער איז בעסער פון אַלע, ווייל אין זיינע אויגן האָט געשיינט אַ סך קראַפט און לעבעדיק פייער.

— „פֿיר אונז!“ — האָבן זיי געזאָגט.

„דעמאָלט האָט ער זיי אַוועקגעפֿירט...“

די אַלטע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט געקוקט אויפֿן סטעפּ, וואו די פֿינסטערניש איז אַלץ געדיכטער געוואָרן. די פֿונקען פֿון דאַנקאָס ברענענדיקן האַרצן האָבן ערגעץ ווײַט געשמערירט און האָבן אויסגעזען, ווי בלויע, לופֿטיקע בלומען, וואָס האָבן זיך צעבליט בלויז אויף אַ רגע.

„האָט זיי דאַנקאָ אַוועקגעפֿירט. מוטיק זײַנען אַלע נאָך אים אַוועק — האָבן געגלייבט אין אים. אַ שווערער וועג איז עס געווען. ס'איז געווען פֿינסטער, און אויף יעדן טראָט האָט די בלאָטע אויפֿגעעפֿנט איר גיריקן פֿוילן פּיסק, האָט אײַנגעשלונגען די מענטשן, און די ביימער האָבן פֿאַרצאַמט דעם וועג מיט אַ מעכטיקער וואַנט. האָבן זיך זייערע צווײַגן צונויפֿגעפֿלאָכטן, אַזוי ווי שלאַנגען, אומעטום האָבן זיך געשפּרייט די וואָרצלען, און יעדער טראָט האָט געקאָסט פֿיל שווייס און בלוט יענע מענטשן. לאַנג זײַנען זיי געגאַנגען... וואָס געדיכטער ס'איז געוואָרן דער וואַלד, אַלץ ווייניקער זײַנען געוואָרן די כּוחות! און אָט האָבן זיי גענומען מורמלען אויף דאַנקאָן, זאָגנדיק, אַז אומזיסט האָט ער, אַ יונגער און אַן אומדערפֿאַרענער, אַוועקגעפֿירט זיי ערגעץ. און ער איז געגאַנגען פֿאַראויס פֿאַר זיי און איז געווען מונטער און לויטער.

„נאָר איינמאָל האָט אין וואַלד אויסגעבראָכן אַ געוויטער, און די ביימער האָבן גענומען פֿליסטערן טריב און פֿאַרכטיק. און געוואָרן איז דעמאָלט אין וואַלד אַזוי פֿינסטער, גלײַך אין אים וואָלטן זיך מיט אַמאָל איינגעזאַמלט אַלע נעכט, וואָס זײַנען נאָר געווען אויף דער וועלט, פֿון זינט זי איז באַשאַפֿן געוואָרן. קלייניקע מענטשן זײַנען געגאַנגען צווישן גרויסע ביימער און אין דעם גרויזאַמען גערויש פֿון די בליצן זײַנען זיי געגאַנגען, און וויגנדיק זיך, האָבן די ריזנביימער געסקריפּעט און אַרויסגעהודזשעט צאָרנדיקע לידער, און די בליצן, פֿליענדיק איבער די שפּיצן וואַלד, האָבן אים באַלויכטן אויף אַ רגע מיט אַ בלויען, קאַלטן פֿײַער, און זײַנען פֿונקט אַזוי שנעל פֿאַרשוואונדן, ווי שנעל זיי האָבן זיך באַוויזן, און האָבן געשראָקן די מענטשן. און די ביימער, באַלויכטן

פֿון דעם קאַלטן פֿייער פֿון די בליצן, האָבן אויסגעזען, ווי לעבעדיקע פֿאַרהאַרטעוועטע, לאַנגע הענט, וואָס ציען זיך אַרום די מענטשן, וועלכע ווינען אַוועק פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון חושך, און פֿלעכטן זיך צונויף אין אַ געדיכטער נעץ און פּרוּוון זיי אָפּשטעלן. אין פֿון דער פֿינסטערניש פֿון די צווייגן האָט אויף די גייענדיקע אַרויסגעקוקט עפּעס שרעקלעכס, פֿינסטערס און קאַלטס. דאָס איז געווען אַ שווערער וועג, און פֿאַרמאַטערט גע־וואָרן פֿון אים, האָבן די מענטשן פֿאַרלאָרן דעם מוט. נאָר ס'איז זיי מיאוס געווען צו מודה זיין זיך אין זייער שוואַכקייט, האָבן זיי זיך מיט בייזקייט און צאָרן אָרויפֿגעוואָרפֿן אויף דאַנקאָן, וואָס איז געגאַנגען פֿאָראויס. און זיי האָבן אים גענומען טאַדלען, אַז ער קען נישט פֿירן זיי, — אָט ווי!

„זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אונטער דעם טריומפֿירנדיקן געטויש פֿון וואַלד, צווישן דער ציטערדיקער פֿינסטערניש, האָבן זיי, מידע און בייזע, גענומען משפּטן דאַנקאָן.

— „דו, — האָבן זיי געזאָגט, — ביסט אַ נישטיקער און אַ שעדלעכער מענטש פֿאַר אונז! דו האָסט אונז געפֿירט און פֿאַרמאַטערט, און דערפֿאַר מוזטו אומקומען!

„און דער בליץ און דער דונער האָבן באַשטעטיקט זייער פּסק־דין.

— „איר האָט געזאָגט: „פֿיר!“ — האָב איך געפֿירט! — האָט דאַנקאָ אויסגעשריען און האָט אויסגעשטעלט אַנטקעגן זיי די ברוסט.— איך האָב דרייסטקייט צו פֿירן, דערפֿאַר האָב איך אייך געפֿירט! און איר? וואָס האָט איר געטאָן, כּדי צו העלפֿן זיך? איר זייט בלויז געגאַנגען און נישט געקענט איינהיטן די דרייסטקייט אויף אַ לענגערן וועג! געגאַנגען ווי אַ טשערעדע שעפּסן!

„נאָר די דאָזיקע ווערטער האָבן זיי נאָך מער דערצאָרנט.

„— דו וועסט שטאַרבן! דו וועסט שטאַרבן! — האָבן זיי גע־רעוועט.

„און דער וואַלד האָט אַלץ גערוישט און גערוישט, און גע־ענטפֿערט מיט אַ ווידער־קול אויף זייערע געשרייען, און די בליצן האָבן צעריסן די פֿינסטערניש אויף שטיקלעך. דאַנקאָ האָט

געקוקט אויף יענע, צוליב װעלכע ער האָט זיך געמיט, און האָט געזען, אַז זײ זײנען — אַזױ װי חיות. פיל מענטשן זײנען אַרום אים געשטאַנען, נאָר אויף זײערע פּנימער איז ניט געװען קענטיק קײן אײדל-קײט און ער האָט ניט געהאַט װאָס צו ריכטן זיך פון זײ אויף רחמנות. דעמאָלט האָט אין זײן האַרץ אויפגעקאָכט דער צאָרן, נאָר אויס רחמנות צו די מענטשן איז ער פאַרלאָשן געװאָרן. ער האָט ליב געהאַט יענע מענטשן און ער האָט גערעכנט, אַז אָן אים װעלן זײ אומקומען. און אָט האָט זײן האַרץ זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלן פײער פון פאַרלאַנג צו ראַטעװען זײ און אַרויספירן אויף אַ ליכטן װעג, און דאַן האָבן אין זײנע אויגן גענומען בליצן די שטראַלן פון יענעם מעכטיקן פײער... און, זײ, דערזעענדיק דאָס, האָבן געמײנט, אַז ער איז געװאָרן צאָרנדיק-בײז, און פון דעם האָבן זיך דאָס בײ אים אַזױ שטאַרק צעברענט די אויגן. — און זײ זײנען געװאָרן װאַכזאַם, אַזױ װי װעלף, ריכטנדיק זיך, אַז ער װעט מיט זײ קעמפן, און האָבן אים גענומען פעסטער אַרומרינג-לען, כּדי זײ זאָלן דאַנקאָן לײכטער קענען כאַפּן און דערהרגענען. און ער האָט שוין פאַרשטאַנען זײער געדאַנק, דעריבער האָט זיך זײן האַרץ נאָך העלער צעפלאַקערט, װען דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין אים אַרויסגערופן טרויער.

„און דער װאַלד האָט אַלץ געזונגען זײן פינסטער ליד, און דער דונער האָט אַלץ געדונערט, און דער רעגן האָט געגאָסן...

— „װאָס זאָל איך טאָן פאַר די מענטשן?! — האָט דאַנקאָ געשריען שטאַרקער פון דעם דונער.

„און פּלוצלונג האָט ער מיט די הענט פונאַנדערגעריסן זײן ברוסט און אַרויסגעריסן פון דאָרטן זײן האַרץ און הויך אויפגע-הויבן איבערן קאָפּ.

„דאָס האַרץ אָבער האָט געפלאַקערט אַזױ העל, װי די זון, און נאָך העלער פאַר דער זון, און דער גאַנצער װאַלד איז אַנטשװיגן געװאָרן, באַלויכטן פון דעם דאָזיקן פאַקל פון גרױ-סער ליבע צו מענטשן, און די פינסטערניש איז זיך צעפלויגן פון זײן ליכט און איז דאָרטן, טיף אין װאַלד, געפאַלן, ציטערנדיק,

אין דעם מיילן פּיסק פֿון דער בלאָטע. די מענטשן ווידער, געפּלעפּטע, זיינען געוואָרן אַזוי ווי שטיינער.

— „— לאָמיר גיין! — האָט דאַנקאָ אויסגעשריען, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאָראויס אויף זיין אָרט, האָט געהאַלטן הויך דאָס ברענענדיקע האַרץ און האָט באַלויכטן מיט אים פֿאַר די מענטשן דעם וועג.

„ניי־עריקע און פֿאַרכּישופֿטע, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך אים. דעמאָלט האָט דער וואַלד ווידער געמען רוישן, האָט פֿאַרחידושט געוויגט זיינע שפּיצן, נאָר זיין רויש איז פֿאַרטויבט געוואָרן פֿון דעם טופּען פֿון די לויפֿנדיקע מענטשן. אַלע זיינען געלאָפֿן שנעל און דרייסט, ווערנדיק מיטגעריסן פֿון דעם וואונדערלעכן בילד פֿון דעם ברענענדיקן האַרץ. אויך איצט זיינען זיי אומגעקומען, זיי זיינען אָבער אומגעקומען אָן טענות און אָן טרערן. און דאַנקאָ איז אַלץ געגאַנגען פֿאָראויס, און זיין האַרץ האָט אַלץ געפֿלאַקערט, געפֿלאַקערט!

„און אָט האָט דער וואַלד זיך פּלוצים פֿונאַנדערגעטיילט פֿאַר זיי, פֿונאַנדערגעטיילט און געבליבן הינטער זיי, אַ געדיכטער און אַ שטומער, און יענע אַלע מענטשן האָבן זיך מיט אַמאָל אָפּגעטונקט אין אַ גאַנצן ים פֿון זונענשיין און ריינער לופֿט, וואָס איז דורכגעוואַשן געוואָרן דורכן רעגן. דער געוויטער איז געווען הינטער זיי, איבערן וואַלד, און דאָ האָט געשיינט די זון, געאָטעמט דער סטעפּ, געבלאַנקט דאָס גראָז מיט בריליאַנטן פֿון רעגן און דער טייך האָט געשימערירט מיט גאָלד... ס'איז געווען אָוונטצייט, און פֿון די שקיעה־שטראַלן האָט דער טייך אויסגעזען רויט, ווי יענץ בלוט, וואָס האָט געשלאָגן ווי אַ הייסער שטראָם פֿון דאַנקאָס צעריסענער ברוסט.

„האָט דער שטאָלצער גיבור, דרייסטער דאַנקאָ אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פֿאָראויס אויף דער רחבות פֿון דעם סטעפּ, — אַ וואָרף געטאָן אַ פֿריילעכן בליק אויף דער פֿרייער ערד און האָט זיך שטאָלץ צעלאַכט. און דערנאָך איז ער אַנידערגעפֿאַלן און — געשטאָרבן.

„שטיל האָבן געפּליסטערט די פאַרוואַנדערטע ביימער, וואָס זיינען געבליבן פון הינטן, און די גרעזער, וואָס זיינען געווען איינ־געגעצט אין דאַנקאָס בלוט, האָבן אים אָפּגעענטפערט.

„די מענטשן, דערקוויקט, האָבן, פריידעוודיקע און פול מיט האָ־פענונגען, ניט באַמערקט זיין טויט און האָבן ניט געזען, ווי לעבן דאַנקאָס טויטן קערפּער פלאַקערט נאָך זיין האַרץ. בלויז איין פאָר־זיכטיקער מענטש האָט דאָס באַמערקט און, מורא האָבנדיק פאַר עפּעס, האָט ער אָנגעטראָטן אויף דעם שטאָלצן האַרץ מיט דער פוס... און אָט, צעשיטנדיק זיך אין פונקען, איז עס פאַרלאָשן געוואָרן...“

— אָט פון וואַנען זיי נעמען זיך, די בלויע פונקען אין סטעפּ, וואָס באַווייזן זיך פאַר א געוויטער!

* *

*

איצט, אַז די אַלטע האָט געענדיקט איר שיין מעשהלע, איז אין סטעפּ געוואָרן שרעקלעך שטיל, גלייך ער וואָלט אויך דער־שטוינט געוואָרן פון דאַנקאָס דרייסטן כוח, וואָס האָט צוליב די מענטשן פאַרברענט זיין האַרץ און איז געשטאָרבן, ניט בעטנדיק גאָרנישט אַלס באַלוינונג פאַר זיך. צוטוליענדיק זיך מיט דעם רוקן צו דער קאָרב מיטן די ווייַנטרויבן, האָט די אַלטע געדרעמלט. איך האָב געקוקט אויף איר און געטראַכט: וויפל מעשהלעך און ערינע־רונגען זיינען נאָך פאַרבליבן אין איר זיכרון? און איך האָב גע־טראַכט וועגן דאַנקאָס גרויס ברענענדיק האַרץ, און וועגן דער מענטש־לעכער פאַנטאַזיע, וואָס האָט באַשאַפן אַזויפיל שיינע און קרעפטי־קע לעגענדעס, וועגן די אַלטע ציטן, און וועלכע ס׳זיינען געווען העלדן און העלדנטאַטן, און וועגן דער טרויעריקער צייט, וואָס איז אָרעם אין שטאַרקע מענטשן און אין גרויסע געשעענישן, און וואָס איז רייך אין קאַלטן אומצוטרוי, וועלכער מאַכט חוזק פון אַלץ. — כ׳האָב געטראַכט וועגן דער עלנטער צייט פון מיזערע מענטשן מיט טויטגעבאָרענע הערצער.

א ווינט האָט א בלאָז געטאָן און האָט אַנטפּלעקט פון אונ־טער די שמאַטעס די דאַרע ברוסט פון דער אַלטער איזערגיל,

וואָס איז אַלץ שטאַרקער אײַנגעשלאָפֿן. איך האָב צוגעדעקט איר אַלטן קערפּער און האָב זיך אַליין געלייגט אויף דער ערד לעבן איר. אין סטעפּ איז געווען שטיל און פֿינסטער. איבערן הימל זיינען אַלץ אַרומגעקראָכן וואָלקנס, לאַנגזאַם, אומעטיק... דער ים דאָט גערוישט טריב און טרויעריק.

אינהאַלט

	זייט
אין סטעפּ	3
מאַלוואַ	22
וואַסקע דער רויטער	101
מאַקאַר טשודראַ	126
יעמעליאַן פּיליאַי	146
טשעלקאַש	164
די אַלטע איזערגיל	218